UCLA
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

Title
Kheshbn No. 101- Spring 1983 - Journal

Permalink
https://escholarship.org/uc/item/00c232r0

Journal
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 101(1)

Publication Date
1983

Copyright Information
Copyright 1983 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

חיים פלאטקין

# חשבון

פעריאָדישע שריפט פאַר ליטעראַטור
און געזעלשאַפטלעכע ענינים

## 101

פרילינג
תשמ״ג

SPRING
1983


אַרויסגעגעבן פון:

- לאָס אַנגעלעסער יידישן קולטור-קלוב און שרייבער-קרייז

מיט דער מיטהילף פון:

- ל.א. קאָונסיל פון ציוניסטישן אַרבעטער פאַרבאַנד
- אַרבעטער רינג קולטור-צענטער אין ל. א.

# דער ציוניסטישער אַרבעטער פאַרבאַנד

- איז אַ קאָנסטרוקטיווער כוח אין יידישן לעבן אין אַמעריקע. דעם פאַרבאַנדס אַרבעטער־ציוניסטישער פּראָגראַם שליסט איין:
- אָנטייל אין אַלע אַקטיוויטעטן וואָס שטאַרקן דעם פּאָליטישן, עקאָנאָמישן און זיכערקייט־פּראָגראַם פון מדינת ישראל;
- שטאַרקן דעם כּוח פון דער אָרגאַניזירטער אַרבעטער־באַוועגונג אין ישראל — די הסתדרות העובדים;
- העלפן דעמאָקראַטיזירן יידיש לעבן אין אַמעריקע און זאָרגן פאַר פאַר דעם יידישן המשך;
- קעמפן פאַר אַ בעסערער אָרדענונג פון סאָציאַלן יושר און שלום אין אַמעריקע און אין דער גאַנצער וועלט.

דער פאַרבאַנד איז אַ פראַטוירנאַלע אָרגאַניזאַציע
וואָס זאָרגט פאַר דעם היינט און מאָרגן
מיר לאַדן אייך איין אָנצושליסן זיך אין אונדזערע רייען

ל. א. שטאָט־קאָמיטעט פון
ציוניסטישן אַרבעטער פאַרבאַנד
עטל טאַפּט, פּרעזידענט • בערנאַרד, וויסבערג, דירעקטאָר
סיון האַמבורגער, ראַיאָן פאָרזיצער

**LABOR ZIONIST ALLIANCE**
8339 West Third Street • Los Angeles, Calif. 90048
Telephone: 655-2842



# HESHBON

*PERIODIC LITERARY REVIEW*

8339 West Third Street • Los Angeles, California 90048



EDITORIAL BOARD:
M. SHKLAR S. WEISS S. SCHLOSSER
1108 S. Clark Dr., Los Angeles Ca. 90035

ADMINISTRATIVE COMMITTEE:
G. FRYDMAN, *Financial Sec'y* H. BERMAN, *Administrator*
337½ No. Hayworth Ave., Los Angeles, Calif., 90048—Tel. 655-1292
*Members*: MOSHE COHEN, NAT GIEROWITZ S. ZUCKERMAN & J. SHAFER



Subscription price: $5.00 per year

# אינהאַלט


זייט

יצחק קאַצענעלסאָן: דאָס ליד פונעם אויסגעהרגעטן יידישן פאָלק — — — — 3

משה שקליאַר: 1. צייט פון דערמאָנונג — — — — — — — — — — — — 5

〃 〃 2. צוריקקער (ליד) — — — — — — — — — — — 7

חנן קיעל: אַ שטאָט אין אייראָפּע — — — — — — — — — — — — 10
(אַ קהילה וואָס האָט זיך געראַטעוועט אויפן שוועל פון חורבן)

משה עטינגער: (לידער) — — — — — — — — — — — — — — 17

לאָטי פ. בלאָך: אַ קדוש צווישן קדושים — — — — — — — — — — 20

שאול גוטמאַן: די יידישע מחשבה צווישן די צוויי וועלט-מלחמות — — — 23
(ליטעראַרישע עסייען פון ד״ר העשיל קלעפּפיש)

לייב וואַסערמאַן: לידער — — — — — — — — — — — — — — — 28

יעקב י. מייטליס: געדאַנקען וועגן דער פאָלקישער יצירה — — — — — 29

שלמה שוואַרץ: כ'בין די אָפּגעברענטע שטוב (לידער) — — — — — — 36

חנן קיעל: צירק-בליקן (לידער) — — — — — — — — — — — — 38

לילי בערגער: יידן-גזלנים (דערציילונג) — — — — — — — — — — 40

שאול מאַלץ: לידער אויף אַלטע מאָטיוון — — — — — — — — — — 45

חיים קעניגער: לידער — — — — — — — — — — — — — — — 47

שמואל איזבאַן: די וואונדער פון אַ האַר-פּאַרוק (דערציילונג) — — — — 48

רבקה קאָפּע: האַרבסט-ניגונים (לידער) — — — — — — — — — — 62

חיים פלאָטקין: לידער פון נעכטן און היינט — — — — — — — — — 63

ס. נוטקעוויטש: זכרונות פון אַ קינדהייט — — — — — — — — — — 64

מאַרטין בירנבוים: ניט זאַט נאָך (ליד) — — — — — — — — — — 66

ש. ח. לעדערמאַן: סידני הוק, דער פילאָסאָף פון דעמאָקראַטיע און הומאַניזם — 67
(צו זיין אַכציקסטן געבוירן-יאָר)

ג. קאַץ-וואַסערמאַן: מיין לערער אברהם גאָלאָמב ע״ה — — — — — — 71


(המשך ווייטער)

# אינהאַלט

(המשך)

## שרייבערס און ביכער


יעקב י. מייטליס: א. נ. שטענצל, דער דיכטערישער בעל אמונה ע״ה — — — — 73

חיים ווײַנשל: אַלטער עסעלין צו זיין אַכטן יאָרצייט — — — — — — — — — 77

ד״ר ישראל שטערן: הערות אויפן גליון און צווישן די שורות
פון איטשע גאָלדבערגס בוך עסייען — — — — — — — — 82

ש. גילעדי גילדער: נייער תרגום יידיש אויפן ספר איוב פון זאב סאָלעס — — 89

ש. מ.: אַ יום־טובדיקע מסיבה לכבוד שואל גוטמאַן — — — — — — — — — 92

ס. נ.: ליטעראַרישע אָוונטן מיט דער קינסטלערין הדסה קעסטין — — — — —
אין ל. יידישן קולטור קלוב 93


## לזכר עולם


יעקב שייפער: מצבה אויפדעקונג ביים קבר פון אַלעקס ראַבין ע״ה — — — — 94


---

די אַחריות פאַרן אינהאַלט פון די אַרטיקלען טראָגן די שרייבערס אַליין

---



---

**צו אונדזערע לייענערס:**

מיר בעטן אייך איינצוצאָלן דעם חוב פאַר אייער יערלעכן אַבאָנימענט פאַרן **„חשבון"**. אונדזער זשורנאַל שטיצט זיך דורכויס אויף אונדזערע לייענערס. אַבאָנימענט: $5.00 אַ יאָר.

**די פאַרוואַלטונג**

רעדאַקציע קאָלעגיע:
זלמן שלאָסער
משה שקליאַר
שמואל ווייס

# חשבון
נומ. 101
פעריאָדישע שריפט
פאַר ליטעראַטור, קריטיק
און קולטור־פּראָבלעמען

פאַרוואַלטונג:
העניך בערמאַן, פאַרוואַלטער
גרשון פרידמאַן, פין. סעקר.
מיטגלידער:
נתן גראַוויטש, משה כהן
שלמה צוקערמאַן און
יעקב שייפער

38סטער יאָרגאַנג, נומער 101 • פרילינג 1983 • לאָס אַנדזשעלעס, קאַליף.

אַפּריל 1943 — אַפּריל 1983

# 40 יאָר

# וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד

## כבוד אונדזערע העלדן און קדושים!

יצחק קאַצענעלסאָן

## דאָס ליד פונעם אויסגעהרגעטן יידישן פאָלק

(פראַגמענט)

„זינג! נעם דיין האַרף אין האַנט, הויל, אויסגעהוילט און גרינג
אויף זיינע סטרונעס דין וואַרף דיינע פינגער שווער,
ווי הערצער, ווי צעווייטיקטע, דאָס ליד דאָס לעצטע זינג,
זינג פון די לעצטע יידן אויף איראָפּעס ערד.״

— ווי קען איך זינגען — אַז ס׳איז די וועלט מיר וויסט?
ווי קען איך שפּילן מיט פאַרבראָכענע מיט הענט?
ווו זענען מיינע טויטע? איך זוך די טויטע מיינע, גאָט, אין יעדן מיסט,
אין יעדן בערגל אַש: — אָ, זאָגט מיר ווו איר זענט?

שרייט אַרויס פון יעדן זאַמד, פון אונטער יעדן שטיין,
פון אַלע שטויבן שרייט, פון אַלע פלאַמען, פון יעדן רויך —
ס׳איז אייער בלוט און זאַפט, עס איז דער מאַרך פון אייער ביין,
ס׳איז אייער לייב און לעבן! שרייט אַרויס, שרייט הויך!

שרייט אַרויס פון חיות־אײַנגעווייד אין וואַלד, פון פיש און טייך —
זיי האָבן אייך געגעסן. שרייט פון קאַלכאויוונס, שרייט קליין און גרויס,
איך וויל אַ גוואַלד, אַ וויי־געשריי, אַ קול, איך וויל אַ קול פון אייך:
שריי, אויסגעהרגעט יידיש פאָלק, שריי, שריי אַרויס!

נישט שריי צום הימל, ער הערט דיך ווי די ערד, דער הויפן מיסט,
שריי נישט צו דער זון, נישט רייד צום לאָמפּ... אַך, ווען איך קען
פאַרלעשן זי, ווי מען פאַרלעשט אַ לאָמפּ אין רוצחים־הייל דאָ וויסט:
מיין פאָלק, האָסט מער געלויכטן! ביסט ליכטיקער געווען!

אָ וויַיז זיך מיר, מיין פאָלק, באַווייז זיך, שטרעק די הענט
אַרויס פון גריבער טיף און מיילן־לאַנג און אָנגעפּראָפּט געדיכט,
שיכט אונטער שיכט, מיט קאַלך באַגאָסן און פאַרברענט,
אַרויף, אַרויף! שטייגט פון דער אונטערשטער, דער טיפסטער שיכט!

קומט אַלע פון טרעבלינקי, פון סאָביבאָר, פון אָשוויענטשים,
פון בעלזשעץ קומט, קומט פון פּאָנאַרי און פון נאָך, פון נאָך!
מיט אויגן אויפגעריסן, פאַרגליווערט אַ געשריי, אַ גוואַלד און אָן אַ שטים,
פון זומפּן קומט, פון בלאָטעס איינגעזונקען טיף, פון פוילן מאָך —

קומט, געטריקנטע, צעמאָלענע, צעריבענע; קומט, שטעלט זיך אויס,
אין אַ קאַראַהאָד, אַ ראָד אַ גרויסן אַרום מיר, אין גרויסן רייף —
זיידעס, באָבעס, מאַמעס מיט די קינדערלעך אין שויס —
קומט, ביינער יידישע פון פּראָשקעס, פון שטיקלעך זייף.

ווייזט מיר, באַווייזט זיך אַלע מיר, קומט אַלע, קומט,
איך וויל אייך אַלע זען, איך וויל אייך אָנקוקן, איך וויל
אויף מיין פאָלק, מיין אויסגעהרגעטן, אַ קוק טאָן שטום, פאַרשטומט —
און איך וועל זינגען... יאָ... אַהער די האַרף — איך שפּיל!

(אָקטאָבער 1943)

משה שקליאַר

# צייט פון דערמאָנונג

געווען איז עס מיט פערציק יאָר צוריק. דעם 19טן אַפּריל 1943, מאָנטיק פאַרטאָג דעם ערשטן טאָג פּסח, זענען ביז די ציין באַוואָפנטע חיילות פון באַשטימטע עס־עס אין באַגלייטונג פון אוקראַאינישע און לעטישע פאַשיסטן און פּוילישע (גראַנאַטענע) פּאָליציאַנטן, אַריין אין וואַרשעווער געטאָ, כּדי צו ליקווידירן דאָס רעשטל דאָרטן פאַרבליבענע יידן. באַגעגנט האָט זיי אַ האָגל פון קוילן און פייער פון צינד־פלעשער. דאָס האָבן געשאָסן די זין און טעכטער פון אונדזער פאַרפּייניקטן פאָלק, די מיטגלידער פון דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָבן לאַנג־לאַנג זיך געגרייט צו אָט דער שלאַכט. מיט דעם ווייניקן און שוועך דעראָבערטן געווער, פון דעכער און בוידעמער, האָבן זיי געשטעלט אַ העלדישן ווידערשטאַנד דעם שונא און די שונאים, די אוממענטשן פון דייטשישן „הערן־פאָלק," זענען אַנטלאָפן... אָבער אין גיכן זענען זיי ווידער געקומען. מיט טאַנקען און אַרטילעריע, מיט פאַרשטאַרקטע כּוחות, פאַרניכטנדיק הויז נאָך הויז, גאַס נאָך גאַס פון דעם אַרומגערינגלטן וואַרשעווער יידן־געטאָ. נאָר דאָס געטאָ האָט זיך נישט אונטערגעגעבן. לאַנגע וואָכן האָט געדויערט דער ווידערשטאַנד פון דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע און אָנגעהאַלטן האָט עס אפילו נאָך דעם 8טן מאַי, ווען עס איז אומגעבראַכט געוואָרן איר שטאַב אינעם בונקער אויף מילע גאַס 18.

און היינט איז ווידער אַפּריל. צייט פון בלִיונג. צייט פון דערמאָנונג. עס איז די צייט ווען מיר דערמאָנען מיט אַ ציטער אין האַרצן דעם הייליקן אָנדענק פון אונדזערע נאָענטסטע און טייערסטע, פון יענע אַלע וואָס זענען אומגעבראַכט געוואָרן אין די געטאָס און טויט־לאַגערן פון מזרח־אייראָפּע; אויף דער מיט בלוט דורכגעווייקטער ערד פון פּוילן, ליטע און לעטלאַנד, אוקראַאינע און ווייסרוסלאַנד; פון יענע וואָס זענען דעפּאָרטירט געוואָרן אין די טויט־לאַגערן פון פראַנקרייך און בעלגיע, פון עסטרייך און אונגאַרן, פון רומעניע און טשעכאָסלאָוואַקיע, פון יוגאָסלאַוויע און גריכנלאַנד, און אַנדערע לענדער.

ביינאַנד מיט די העלדן פון וואַרשעווער געטאָ און אַנדערע געטאָס, וועלכע האָבן אויפגעהויבן די פאָן פון אויפשטאַנד און זענען געפאַלן אין שלאַכט פאַרן כּבוד פון יידישן פאָלק, דערמאָנען מיר אויך די יידישע פּאַרטיזאַנער, די זעלנער און אָפיצירן פון די אַליאירטע אַרמייען, וואָס האָבן זיך העלדיש געשלאָגן אויף מזרח און מערב אין דער מלחמה קעגן ברוינעם פאַשיזם.

* * * * *

צייט פון דערמאָנונג, ווי אונדזער גרויסער דיכטער לייוויק בין איך „אין טרעבלינקע נישט געווען" און אויך נישט אין געטאָ, אָבער לאַנגע יאָרן האָב איך געטראָטן אויף דער וואַרשעווער געטאָ־ערד, וואָס איז מיר געוואָרן הייליק און שווער צו פאַרלאָזן. געקענט האָב איך יעדן שטיק פון וואַרשעווער יידישן קוואַלטל, ווו איך בין געבוירן און דערצויגן געוואָרן. אָבער נאָך דעם חורבן איז מיר שווער געווען יענע שטיינער צו דערקענען. פרעג איך אָפּט קומען צום דענקמאָל פון יידישן אומקום און גבורה אין צענטער פון אַמאָליקן יידישן וואַרשע — אויף ראָג גענשע און זאַמענהאָף גאַס — וואָס איז אויפגעשטעלט געוואָרן דורך דער שארית הפליטה פון פּוילישן יידנטום ביי דער מיטהילף פון יידן אין גאַר דער וועלט, און אין מיין געדעכעניש זיך באַהעפטן מיט די קרבנות און העלדן.

געקוקט האָב איך אויף די געשטאַלטן און מירמלשטיין, אויסגעהאַמערט דורכן סקולפּטאָר נתן ראַפּאַפּאָרט — אויף יענע מיט ביקסן און גראַנאַטן אין די הענט און אויף יענע וואָס האָבן פאַרוויקלטע אין שמאַטעס געוואַנדערט זייער לעצטן

וועג, מאַמעס מיט עופּהלעך אין די הענט און זקנים מיט ספר־תּורות אין די הענט — אַלע אַרומגעהילט מיט פייער־צונגען פון ברענענדיקע הייזער, און געדאַכט האָט זיך מיר, אַז איך בין מיט זיי — מיט די קעמפער אויף די באַריקאַדן און מיט יענע וואָס ווערן געפירט אין די טויט־לאַגערן, קיין טרעבלינקע, אוישוויץ, מײַדאַנעק...

געזען האָב איך זיי דעמאָלט און איך זע זיי כסדר די העלדן, וואָס האָבן אָרגאַניזירט אין געטאָ־אונטערערד דעם יידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט און זיין באַוואָפנטן אָרעם — די יידישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע — די יידישע יוגנטלעכע אָנגעהעריקע צו אַלע פּאָליטישע ריכטונגען, די אַנילעוויטשעס, צוקערמאַנס, לובעטקינס, בלאָנעסעס און שניידמילס, לעוואַרטאָווסקיס און עדעלמאַנס... איך זע ווי זיי קעמפן אויף די באַריקאַדן, דעכער און קעלערס פון צענטראַלן געטאָ אויף מוראַנאָווסקע, מילע און גענשע; פון די בערשטער־שאָפּן אויף נאָוויניאַרסקע און שווענטאָיערסקע; פון די טעבענס־וואַרשטאַטן אויף נאָוואָליפּיע... איך זע און פיל זייער פרייד פון די ערשטע נצחונות פונעם פּסח־פרימאָרגן פון יאָר 1943, ווען זייערע קוילן און מאָלאָטאָוו־קאָקטיילס האָבן געטראָפן די עס־עס־לייט פון גענעראַל סטראָפּ און רענע זענען אין בהלה אַנטלאָפן, איבערלאָזנדיק אויפן געטאָ־ברוק די ערשטע פּגירות. דעמאָלט האָט עס דער יידיש־פּוילישער פּאָעט, וולאַדיסלאַוו שלענקעל, וועלכער איז אומגעקומען אין די געטאָ־קאַמפן, געשריבן זיין ליד „קאָנטראַטאַק":

„אַ בונט פון פלייש,

פלייש, מיט גראַנאַטן פון פענצטער
שפּייט,
פלייש בייסט זיך איין מיט רויטע
פלאַמען
און לעבנס־רעשטן —
העי! ס'אַראַ פרייד צו שיסן אין דייטשע
אויגאַנעס!"

אַ בונט פון פלייש... אין פלייש צום שעכטן האָבן די דייטשן געוואָלט דאָס געטאָ פאַרוואַנדלען, אין אַ בלוטלאָזער מאַסע. און אָט דאָס „פלייש" האָט פלוצעם גענומען שיסן!

איך זע אויך און פיל די פּיין פון די לעצטע לעבן־געבליבענע מיטגלידער פונעם שטאַב פון דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, וואָס האָבן אין בונקער אויף מילע גאַס 18 אַליין זיך דאָס לעבן גענומען ווען קיין שום אויסוועג איז שוין נישט געווען, ווייל די דייטשן האָבן אַריינגעלאָזט אין בונקער גיפטיקע גאַזן. ווי אַמאָל ביי די העלדן פון מצדה האָבן די אָנפירערס פון קאַמפּס־אויפשטאַנד, בראש מיט זייער קאָמאַנדיר מרדכי אַניעלעוויטש, בעסער אויסגעקליבן דעם טויט פון די אייגענע הענט, איידער אַריינפאַלן לעבעדיקע אין די הענט פונעם שונא.

איך זע און פיל די פאַרצווייפלונג פון דעם האַלבן מיליאָן יידן אין וואַרשעווער געטאָ און די מיליאָנען יידן אין אַנדערע געטאָס, וואָס זענען פאַרמשפּט געוואָרן צו אַ פּאַמעלעכן הונגער־טויט, צום אומקום פון טיפוס־עפּידעמיעס און לסוף צום פאַרברענט ווערן אין די קאַלך־אויוונס פון די היטלעריסטישע טויט־לאַגערן.

און איך זע די יידישע קינדער — שמוגלערס, וואָס האָבן זיך אַרויסגעגנבעט איבער די געטאָ־מויערן אויף דער אַזוי־גערופענער אַרישער זייט, כדי אַריינצוברענגען אַ שטיקל ברויט, אַ קאַרטאָפל פאַר דער הילפלאָזער משפּחה. און איך זע זיי, די קינדער, דערשאָסענע ביים געטאָ־מויער פאַר דעם איינציקן חטא פון שמוגלען אַ שטיקל ברויט. און אויך דעם לעצטן וועג פונעם אַלטן דאָקטער קאָרטשאַק מיט די קינדער פון זיין יתומים־הויז זע איך, און דעם לעצטן וועג פון די קינדער פון דער מעדעם סאַנאַטאָריע...

און אָפט מאָל דאַכט זיך מיר, אַז איך בין מיט די יידן וואָס גרופּירן זיך אַרום דעם היסטאָריקער עמנואל רינגעלבלום, וועלכע האָבן פאַרצייכנט די כראָניק פון וואַרשעווער געטאָ און יעדעס בלעטל, דורכגעווייקט מיט בלוט און טרערן, האָבן זיי אין בלעכענע קאַנעס פאַרגראָבן אין דער ערד, כדי זיי אויפהיטן פאַר די קומענדיקע דורות צום אייביקן געדענקען און נישט פאַרגעסן.

איך פיל דעם שטאָלץ און האַרץ־צאַפּל פון די פאַרבינדלערינס פון דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, וועלכע זענען אין

משה שקליאַר

# צוריקקער

נאַכט.
אין חלום
מיין צוריקקער
צו וואַרשע,
אומשלאַג־פּלאַץ,
צו סטאַווקע
און צו דזשיקע.

די גאַסן אויסגעליידיקט
שטיל.
דער טויט
פון יעדן טויער
הויערט.
בלויז דאָרט
צווישן רעלסן און וואַגאָנען
מישט זיך אויס
אַ פרעמד געשריי

און אַ געוויין,
וואָס איז מיר אַזוי נאָענט
ווי דער וויי
פון קינד
ווען ס'פאַלט אויף ברוק
און שוואַרצע שטיוול
טרעטן אויף זיין
קעפּל.

***

נאַכט.
אין חלום
מיין צוריקקער
צו קינדער־יאָרן,
היים,
צו סטאַווקע
און צו דזשיקע.

---

אַנבליק פון די גרעסטע געפאַרן אַרומגעפּאָרן איבערן אָקופּירטן פּוילן, פון געטאָ צו געטאָ, טראָגנדיק אַהין ווערטער פון דערמוטיקונג, אינסטרוקציעס, און געווער...

אמת, נישט אַלע פאַרשפאַרטע אין די געטאָס און לאַגערן זענען בכוח געווען זיך צו דערהייבן צו אַזאַ העלדישקייט. דער יידישער ווידערשטאַנד קעגן דעם נאַציישן שונא איז געווען אַ פאַרשיידנאַרטיקער און האָט אָנגענומען אַלערליי פאָרמען: פון אַליינהילף און קויף־קאָמיטעטן אין וואַרשעווער געטאָ, דורך דער אַלזייטיקער קולטור־אַרבעט אין ווילנער געטאָ, און אפילו אין סאַמע טאָל פון טויט — אין די היטלעריסטישע פאַרניכטונגס־לאַגערן סאביבור און אָשווענטשים האָבן יידישע אסירים מיט די הוילע הענט זיך געוואָרפן אויף די נאַצישע מערדערס, דורכגעריסן די פאַרצוימונגען, צעשטערט די קרעמאַטאָריעס!

געוועזן אויך קאָלאַבאָראַציע מיטן שונא, געוועזן אויך דאָס טראַגישע קאַפּיטל יודנראַטן און יידישע פאָליציי, וואָס איז פאַר זיך גענומען אַ קאָמפּליצירטער ענין און מיר וואָס זענען דאָרט נישט געוועזן, וועלן זיין די לעצטע עמיצן צו פאַראורטיילן. נאָר אפילו דאָס באַרעכטיקט נישט קיינעם צו מינימיזירן דעם יידישן העראָאיזם אין אָנבליק פון טויט, אָדער גאָר פאָרוואַרפן, אַז יידן זענען געגאַנגען ווי שאָף צו דער שחיטה. מיר מוזן קאַטעגאָריש אָפּוואַרפן די דאָזיקע שענדלעכע באַשולדיקונג סיי לשם דעם היסטאָרישן אמת און סיי לשם אָפּהיטן דעם כבוד פון די זעקס מיליאָן יידן, וואָס זענען אומגעקומען על קדוש האומה!

* * * * *

די מאַמע פירט מיך פאַר דער האַנט
און איך פיר אויף אַ שטריקל די לבנה,
ביז מיר קומען צו דער קרומער וואַנט
און דאָרט באַהאַלט זי ערגעץ־ווו איר פנים.
אויף צוריקוועגס זי באַווייזט זיך ווידער,
ליכטיק, שמייכלענדיק אין טונקלען בלאָ,
נאָר ביים טורעמל, וואָס הייבט זיך פון דער נידער,
זי פאַרשווינדט, פאַרלירט זיך און... נישטאָ.

וויל איך לויפן ביז אויף יענער זייט פאַרקאַן,
ווו אַמאָל כ׳פלעג צווישן גראָזן זיך פאַרשטעקן.
אפשר איז זי דאָרט נאָך פאַראַן,
די זילבער־קויל מיט טונקלע פלעקן.
נעמט די מאַמע שרייען אויף אַ קול:
— וווהין, וווהין, דער אומשלאַג־פלאַץ, מיין קינד! —
און פעסט זי דריקט מיין האַנט איך זאָל
חלילה נישט פאַרצוקט ווערן פון בייזן ווינט...

---

ציית פון דערמאָנונג. פערציק יאָר. ווי שטאַרק האָט זיך די וועלט געענדערט פאַר אָט דער צייט. געענדערט האָט זיך אויך די לאַגע פון אונדזער פאָלק, וואָס איז ווידער צום לעבן אויפגעשטאַנען נאָכן גרויסן חורבן. צום ערשטן מאָל זינט צוויי טויזנט יאָר איז אויפגעקומען אַ זעלבסטשטענדיקע יידישע מדינה. און דאָך האָבן מיר נאָך אַלץ קיין רו נישט. נישט אין מדינת ישראל און נישט אין דער צעשפרייטקייט. ווידער ווערט פאַר־שפרייט יידן־האַס, ווידער הייבן אויף די קעפ אַנטיסעמיטן און עס מערן זיך אַפלן פון שענדן יידישע הייליקטימער — אַזוי אויף מזרח ווי אויף מערב. דאַרפן מיר אויך וועגן דעם נישט פאַרגעסן. געדענ־קען! זיי וואַכזאַם! אַזוי האָבן אונדז באַפוילן אונדזערע אומגעבראַכטע ברי־דער און שוועסטער, טאַטעס און מאַמעס — זעקס מיליאָן!

***

נאַכט.
אין חלום
מיין צוריקקער
צו וואַרשע
אומשלאַג־פּלאַץ
צו סטאַווקע
און צו דזשיקע.

פאַרלוירן די לבנה,
דער מאַמעס האַנט פאַרלוירן.
אַליין אין דער סכּנה
וואָס הערט נישט אויף צו לויערן.
ווו לויפט מען פון די פלאַמען,
ווו לויפט מען, גאָט, פון געטאָ?
מאַמע מיינע, מאַמע,
לאָז מיך נישט צעטרעטן...

נאַכט.
אין חלום
מיין צוריקקער
צו וואַרשע
אומשלאַג־פּלאַץ
צו סטאַווקע
און צו דזשיקע.

און כ׳זוך אַלץ די לבנה,
דער מאַמעס האַנט,
די מאַמע,
מיין פאָלק
וואָס כ׳האָב פאַרלוירן
צווישן געטאָ־פלאַמען. — — — —

חנן קיעל / ניו־יאָרק

# אַ שטאָט אין אייראָפּע

(אַ קהילה וואָס האָט זיך געראַטעוועט אויפן שוועל פון חורבן)

## 1. די אויסשטעלונג

די דאַנציגער אויסשטעלונג אין יידישן מוזעום אין ניו־יאָרק, וואָס איז געווען אויסגעשטאַט מיט רייכע דאָקומענטאַלע מאַטעריאַלן, געראַטעוועטע קונסט־חפצים, תשמישי־קדושה פון דער גרויסער שול ביי דער רייטבאַן, האָט אַרויסגערופן טיפע נאָסטאַלגיע און אויך אַ ביסל אַנטוישונג. מחמת אין מיינע עלטלעכע יאָר וואָס כ'האָב דאָרט געוווינט מיט מיינע עלטערן און געשוויסטער, האָבן אין דאַנציג עקזיסטירט יידיש־רעדנדיקע אָרגאַניזאַציעס און אַ קולטור־צענטער וואָס פוילישע יידן, יוגנטלעכע פעדלערס און בעלי־מלאכות אָדער עלטערע עמיגראַנטן, וואָס האָבן זיך צייטווייליק אויפגעהאַלטן אין שטאָט, האָבן דאָרט געפונען אַ היימיש, יידיש־רעדנדיקע סביבה. מיר דערמאָנען עס, ווייל פון דעם איז אויף דער וויכטיקער היסטאָרישער אויסשטעלונג קיין שפור ניט געווען.

מיר ווילן חלילה ניט מינימיזירן די מוסטערהאַפטע אַרבעט און ווערט פון דער אויסשטעלונג, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן מיט די באַגרענעצטע מיטלען, וואָס זיינען פריער געווען אין באַזיץ פון יידיש־טעאָלאָגישן סעמינאַר, און מיט דער הילף פון די געראַטעוועטע דאַנציגער יידן אין זייער אָנשטרענג צו פאַראייביקן זייער געמיינדע.

מיר איז אויך אויסגעקומען דורכצולייענען די צוויי ווערטפולע ביכער: „די געשיכטע דער יודען אין דאַנציג" פון סאַמועל עכט—1972, און „די יודען דער פרייען שטאָט דאַנציג אונטער דער הערשאַפט דעס נאַציאָנאַל סאָציאַליסמוס" פון ערווין ליכטענשטיין—1973. דאָס זיינען מאָנומענטאַלע דענקמעלער פאַרן חורבן דאַנציגער יידנטום, געשטיצט אויף אַחריותדיק־געזאַמלטע מאַטעריאַלן, פאָרש־אַרבעט און פערזענלעכע איבערלעבונגען פון די מחברים, וואָס האָבן געשפילט אַ פירנדיקע ראָליע אין דעם קולטור־געזעלשאַפטלעכן לעבן פון די דאַנציקער יידן. ס'איז ממש צו באַוווּנדערן ווי אַזוי ס'האָבן זיך אָפּגעהיט אַזאַ שלל דאָקומענטן, ווי ס'איז צו זעען פון די ביבליאָגראַפישע הוספות און מראה־מקומות.

די געלערנטע מחברים האָבן אַליין דורכגעמאַכט די נאַצישע תקופה פון 33־19 ביזן סוף פון דער קהילה. זיי האָבן מיטגעקעמפט מיט חשיבות און „לעגאַלע מיטלען" קעגן די פאַרפאָלגונגען און גזירות, בויקאָטן און געוואַלדטאַטן, געהאָלפן אָרגאַניזירן די קולטור און שול־אַרבעט און זיך מיטבאַטייליקט אין דער הצלה פון די דאַנציגער יידן.

ערווין ליכטענשטיין ווידמעט זיין ווערק די מענער און פרויען, וואָס האָבן זיך קעגנגעשטעלט דעם נאַצישן געוואַלד און אויפן שוועל פון חורבן געהאָלפן דער אויסוואַנדערונג פון טויזנטער יידישע מענער, פרויען און קינדער.

## 2. „דע נאָן טאָלעראַנדי יודאַאס"

אין דער טויזנט־יאָריקער געשיכטע פון דאַנציג איז די שטאָט דריי מאָל געווען אַ פריישטאָט. שוין אין צענטן יאָרהונדערט קומען יידן אַהין צו יענעם באַלטישן פּאָרט, פירנדיק געשעפטן מיט די פריצים פון פאָמערן, אָבער זיי האָבן ניט געהאַט קיין ווינרעכט. אין 13טן יאָרהונדערט איז דאַנציג אַ האַנזאַ־שטאָט, באַקאַנט מיט קאָרנשפייכלערס, וווּ יידן זיינען פאַרמיטלערס אין תבואה־אויסטויש פאַר ווייַן, אייל, מאַנדלען פון לאַוואָרנאַ און ווענעציע.

פון 1354 ביז 1739 איז דאַנציג אַ פריישטאָט אונטער פוילנס הערשאַפט. דאַנציג האָט זיך געווערט קעגן די קאַזימיר־פּריווילעגיעס וואָס יידן האָבן גענאָסן אין פוילן. ס'האָט זיך זיי איינגעגעבן צו פאַרזיכערן די אַלטע געזעצן ניט

צו דערלויבן די לאַמבאַרדער, נירנבער־
גער, שאָטלענדער און יידן צו באַזעצן זיך
אין דאַנציג, און ס'האָט אָנגעהאַלטן די
טראַדיציע „דע נאָן טאָלעראַנדי יודעאָס".

אין 1470 האָט דער קעניג קאַזימיר
(יאַגעלאָנער) געגעבן בריוו די יידן זוב
און מיכאל מיט רעכט צו פירן געשעפטן
אין אָרדנסלאַנד. לויט די קוואַלן פון
דאַנציגער אַרכיוו (איבערגעגעבן אין דער
אַלטער יודאַיקאַ) האָבן יידן ביז דער
דריטער צעטיילונג פון פוילן (1793)
געוווינט אין די פאָרשטעט פון דאַנציג.
פון דאָרט האָבן זיי געפירט זייערע עסקים,
געקומען אויף די דאָמיניק־מעסעס,
מאַרקן און רימלס.

שנאה צו יידן האָט שטענדיק געהערשט
אין דאַנציג און אין 1605 האָבן די דאַנ־
ציגער איינוווינער זיך געקלאָגט, אַז אין
לאַנגגאַרדען האָבן יידן אַ שול, וווּ ס'־
ווערט געדאַווענט, און באַלד איז געקומען
אַ פאַר־באָט. אין 1664 ווערט אין דער
דאָרטיקער צייטונג איבערגעגעבן אַז אַ
פאַראורטיילטער ייד האָט אפילו פאַרן
טויט זיך ניט געוואָלט שמדן.

ניט געקוקט אויף אַלערליי פאַרפאָל־
גונגען האָבן אין 18טן יאָרהונדערט זיך
געפונען יידישע קהילות אין די דאַנצי־
קער פאָרשטעט: אַלטקאָטלאַנד, ווייַנבער־
גער, האָפּענברוק, לאַנגפור און מאָטנבודן.
זיי האָבן געפירט קהילה־ביכער (אין
לאַנגפור), געהאַט אַ מקוה, אַ בית־חולים
אאַ"וו. ס'קומען דייטשע יידן פון זייערע
געטאָס און מיט זיי — רבנים, מגידים און
חזנים.

אין 1772 ווערט דאַנציג אַ פּרייסישע
שטאָט. יידן מוזן האָבן קיניגלעכע שוץ־
בריוו צו וווינען אין שטאָט, און טראָץ
דעם פאַר־באָט קומען יידן וווינען. יידן
פון פוילן פירן האַלץ און תבואה אויף
פּראַטוועס איבער דער ווייסל צום פּאָרט.
אין דער צייט פון דער פראַנצויזישער
באַלאַגערונג ווערט דאַנציג ווידער אַ
פרייִשטאָט. יידן באַטייליקן זיך אין דער
שטאָטישער קאָנטריבוציע. 1812 שרייבט
נאַפּאָלעאָן אַ דאַנק־בריוו צום דאַנציגער
יידן סוחר קובלאָשער פאַר צושטעלן
פּראָוויאַנט דער פראַנצויזישער אַרמיי.
(דורות דערציילן", י. ליפשיץ).

אין יענער צייט איז שוין די דאָמינירנ־
דיקע שפּראַך אין דאַנציק געווען דייטש.

## 3. די גרויסע סינאַגאָגע

אַ געשיכטע פון יידן אין דאַנציג איז
צום ערשטן מאָל דערשינען פון ד"ר
אַבּרהם שטיין, וואָס איז געווען אין 1847
דער דאַנציקער ראַבינער. ער שטיצט
זיך אויף די אַרכיוון פון דער חברא
קדישא זינט 1757 ביז 1848 — אין
האָפּענברוק, אַ קהילה וואָס האָט עקזיס־
טירט זינט 1724. די ערשטע קוואַלן
וועגן די דאַנציגער יידן ווערן געבראַכט
אין דער „מאַנאַטשריפט פיר געשיכטע
אונד וויסנשאַפט דעס יודנטום".

אין 19טן יאָרהונדערט וווינען שוין
די יידן אין דאַנציג לעגאַל, אָבער עס
עקזיסטירן נאָך די שולן אַרום דער שטאָט.
יידן ווערן פרייע פּרייסישע בירגער לויטן
פרייערדיקן נאַפּאָלעאָנישן קאָדעקס. ס'־
זיינען באַקאַנט די ראַבינער מיכאל לעווין
מונק אין מאָטנבודן און ר' חיים מונק
אין אַלטשקאָטלאַנד. 1881 ווערט גע־
בויט די גרויסע שול ביי דער רייטבאַן,
וואָס ווערט דער סימבאָל פון די פאַר־
אייניקטע קלענערע קהילות. אין 1883
קומען פאַר די ערשטע וואַלן פון דער
געמיינדע ווו עס ווערט דערוויילט דר.
סאַמנער, דער געהילף פון בירגער־
מייסטער אין דאַנציג, אַלס פאָרזיצער.

די גרויסע סינאַגאָגע איז געווען איינע
פון די שענסטע אין אייראָפּע, מיט אַ
כאָר און אָרגלען, וואָס די יידן אין דאַנציג
האָבן דערמיט שטאָלצירט. עס שאַפט זיך
אַ יידישע רעליגיעזע שולע פאַר קינדער.
פון אַלע קליינע שולן איז בלויז געבליבן
די מאָטנבודענער שטרענג־אָרטאָדאָקסי־
שע שול. אין 1900 גרינדעט זיך אַ
בני־ברית לאָדזש. די יידן אין דאַנציג
זיינען פאַקטיש געווען אַן אינטעגראַלער
טייל פון דייטשן יידנטום, דורכגעדרונגען
מיט דייטשער קולטור און פּאַטריאָטיזם.

די יידן האָבן געשפּילט אַ וויכטיקע
ראָליע אין דעם אַלגעמיינעם קולטור־
געזעלשאַפטלעכן לעבן אין דאַנציג, ווי
פּראָפעסיאָנאַלן, צייטונגס־מענטשן, רע־
גירונגס־באַאַמטע און קינסטלער. דאָך

האָבן זיי געליטן פון אַנטיסעמיטיזם, דערצו נאָך אונטערגעהעצט פון פּאָליאַקן. ס'ווערט דערמאָנט אַ העצערישער אַר־טיקל פון דער פּויליש־קאַטאָלישער גאַ־זעטאַ גדאַנסקאַ אין פאַרבינדונג מיטן עלילת־דם אין קאָניץ 1900. די פּויליש־שע העצעס, די שווערע ווירטשאַפטלעכע לאַגע האָבן אויסגעשטעלט די יידן צווישן צוויי פייערן. טראָץ דעם קענען זיך יידן צופּאַסן צו אַלע באַדינגונגען און אַנט־וויקלען זייער לעבן אין פּראַגרעס און אין פריינדשאַפט מיט די קריסטלעכע שכנים. זיי וווינען אין צאָפּאָט און אין אָליוואַ, ווי דייטשע דאַנציקער בירגער. און די ערשטע וועלט־מלחמה האָט איינ־געקריצט אויפן טאָוול פון דער גרויסער שול 53 דאַנציגער יידישע סאָלדאַטן און אָפּיצירן געפאַלענע אין קריג.

## 4. פּוילישע יידן אין דאַנציג

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען פּוילן איז געוואָרן אומאָפּהענגיק, איז דאַנציק צום דריטן מאָל געוואָרן אַ פריי־שטאָט. הגם די שטאָט איז געווען דאָמי־נירט פון דער דייטשער שפּראַך און קול־טור האָט פּוילן פאַרלאַנגט אַ צוטריט צום באַלטישן ים, באַנוצנדיק זיך מיטן דאַנ־ציגער האַפן. דאָס איז איר באַוויליקט געוואָרן דורכן ווערסיילער טראַקטאַט. אַזוי איז די דעמאָקראַטישע פרײשטאָט דאַנציג געוואָרן אַ מין קאָרידאָר צווישן דייטשלאַנד און מזרח־פּריזן מיט אַ פּוי־ליש־מיליטערישער באַזע אויף דער וועסטערפּלאַטע. אַ הויך־קאָמיסאַר האָט אַכטונג געגעבן און פאַרמיטלט צווישן די צדדים.

דאָס דאַנציגער פּאָליטיש־געזעלשאַפט־לעכע לעבן האָט זיך אַנטוויקלט פּאַראַ־לעל מיט דייטשלאַנד. די זעלבע פּאָליטי־שע פּאַרטייען, אַ בשותפותדיקע קולטור און אַ דעמאָקראַטישע קאָנסטיטוציע מיט אַ בונדעסראַט און פּרעזידענט (פון סע־נאַט). פּוילן האָט געהאַט אַ קליינעם פּאַס ביים ברעג פון באַלטיק מיטן נייעם פּאָרט גדיניאַ, וואָס האָט פּאַקטיש קאָנקורירט מיט דאַנציג און דערמיט עקאָנאָמיש באַוועלט דעם פרײשטאָט. דאָס האָט דעם דאַנציגער בירגער מער פאַרבונדן מיט דייטשלאַנד און שנאה צו פּוילן. די פּוי־לישע בירגער האָבן זיך געקענט באַזעצן און פריי באַוועגן אין דאַנציג, האַנדלען, פאַבריצירן אַלס פּוילישע בירגער. זיי זיינען דערמוטיקט געוואָרן פון דער פּוי־לישער רעגירונג אָבער אויסגענוצט האָבן עס די פּוילישע יידן. אַזוי זיינען געקומען די מזל־זוכערס, סוחרים, בעלי־מלאכות, פעדלערס, פאַבריקאַנטן, פאַספּאָרטלאָזע, אַנטלאָפענע פון מיליטער, און פּאָליטישע וואָס האָבן זיך באַזעצט אין דעם גן־עדן, אין פאַרגלייך מיט פּוילן.

צו די דאַנציקער יידן פון דור־דורות איינגעלעבטע מיט דער קולטור און מענ־טאַליטעט פון די דייטשע יידן איז צוגע־קומען אַ נייער כוח און איינפלוס פון אידעען, ספּעציעל פון ציוניזם. דער צענטער איז אָבער געווען די גרויסע סינאַגאָגע „אַם רייטבאַן“. די פּויליש־אָרטאָדאָקסישע יידן און די מזרחיסטן האָבן געדאַווענט אין דער באַטנבודן שול לעבן דער יודענגאַססע. ס'האָבן זיך גע־שאַפן מיט דער צייט אַנדערע, יידיש־וועלטלעכע אָרגאַניזאַציעס וואָס האָבן זיך אויסגעלעבט אין דער סביבה פון יידי־שער קולטור און ניט דווקא פאַרבונדן מיט אַ רעליגיעזער קהילה: אַ פּועלי־ציוניסטישע, חלוצישע יוגנט, מיט פאַר־זאַמלונגען און רעפעראַטן, אויך אין יידיש; אַ ביתר גרופּע, און אַ לינק־גע־נייגטער קולטור־קלוב אין יידיש. ס'איז אַרויסגעגאַנגען אַ צווייוואָכעדיקע יידישע צייטונג. אין די צוואַנציקער יאָרן זיינען אין דאַנציג פאַרגעקומען קאָנפערענצן פון השומר הצעיר, צעירי ציון, ברית הנוער, החלוץ, הצופה, אא״וו.

אויף די קאָנפערענצן האָבן אנטייל־גענומען: יהודה גאָטהעלף, מאיר יערי, נתן ביסטריצקי, חיים אָרלאָזאָראָוו, יצחק קאַצענעלסאָן און אַנדערע פירערס פון ציוניזם. אַזעלכע געשעענישן האָבן אַי־דעיש באַווירקט די דייטש־רעדנדיקע דאַנציגער יידישע בירגער, און פאַרקערט. אַזוי איז דער איינפלוס געווען אַ קעגנ־זייטיקער. יידן באַזוכן די מוזיקאַלישע קאָנצערטן, די באַרימטע וואַלדאָפּערע, טעאַטער; די דאַנציגער יידן זיינען טעטיק אין פּאָליטיק און האַנדל, עקספּאָרט־

אימפּאָרט; זיי זיינען אינדוסטריאַליסטן, דאָקטוירים, אַדוואָקאַטן, לערער, שרייבער, קונסט־מאַלער. ס'איז אינטערעסאַנט אַז ד"ר משה לאַנדאַו, דער ריכטער פון אייכמאַנס פּראָצעס, איז אַ זון פון אַ דאַנציגער דאָקטער מעדיצין, איסאַק לאַנדאַו, וואָס האָט מיט זיין משפּחה עולה געווען קיין ארץ־ישראל אין יאָר 1933.

ס'האָבן שוין אין די צוואַנציקער יאָרן עקזיסטירט אין דאַנציג הילפס־פאַריינען צו העלפן יידישע דורכוואַנדערער וואָס זיינען דערווייל געבליבן אין שטאָט. ס'זיינען געווען „אָזע", „אָרט"; ס'איז געווען אַ קינדערגאָרטן און אַ רעליגיעזע שולע; ס'האָבן גאַסטראָלירט טעאַטער, (אויך אין יידיש), זינגערס, וועלט־חזנים און געלערנטע. ס'זיינען דערשינען דייטש־יידישע צייטונגען: „דאָס יידישע פאָלק" מיט ד"ר לאַנדאַו אַלס רעדאַקטאָר, „דאס געמיינדע בלאַט". די יידישע דאַנציגער ליבעראַלע פּאַרטיי באַנאַנד מיט דער אגודה האָבן באַקעמפט די ציוניסטן און אַלס רעזולטאַט האָט דער פאַרדינסט־פולער רב פון מאַטנבודן (סיגאַלאָוויטש) רעזיגנירט און עמיגרירט קיין בעלגיע.

אין ליבק־יידישן קולטור־קלוב איז געווען אַ יידישע ביבליאָטעק מיט ביכער, צייטונגען און זשורנאַלן. ס'איז אויך געווען אַ ביליקע קיך און היימישע סביבה, וואָס האָט צוגעצויגן די יוגנטלעכע, וואָס האָבן געוואַרט אויף אַ מעגלעכקייט צו עמיגרירן קיין בעלגיע, פראַנקרייך אָדער אַמעריקע. דאָרט איז געווען טעטיק דער דיכטער צענדאָרף, וואָס איז אין 44־1943 אומגעקומען פון די נאַציס אין פראַנקרייך. אין דעם קולטור־קלוב זיינען פאָרגעקומען ליטעראַרישע פאָרלעזונגען, טעאַטער־פאָרשטעלונגען דורכגעפירט פון אַמאַטאָרישן אָראַמקרייז: דער טויבער, הירש, לעקערט און רעציטאַציעס. פאַרבייפאָרנדיקע שרייבערס האָבן דאָרט אויפגעטראָטן; מיר געדענקען זיסקינד לעוו, דעם אומגעקומענעם שרייבער אין רוסלאַנד. פון דעם דאַנציגער קולטור־קלוב זיינען אויך אַ גרופּע יידן אַוועק קיין בירא־בידזשאַן.

1933 ווען היטלער ימח שמו איז געקומען צו דער מאַכט, איז אויך אין זעלבן יאָר געקומען דער זיג פון די דאַנציגער היטלעריסטן, וואָס האָבן אונטער דער פירערשאַפט פון גאַולייטער פאָרסטער און גרייזער ימ"ש אָנגעהויבן די וואַקכאַנאַליע פון גלייכשאַלטונג, פאַרפאָלגונגען פון קעגנערישע פּאַרטייען און צרות פאַר דער דאַנציגער יידישער באַפעלקערונג.

אין די שווערע נאַצישע יאָרן האָבן זיך די דאַנציגער יידן געקלאַמערט אין די אייגענע ד' אמות. אויסגעשלאָסן פון דער דאַנציגער געזעלשאַפט און געוועזענע פריינד וואָס האָבן אָנגעהויבן טראָגן האַקנקרייצן, האָבן די יידן אויסגעברייטערט זייער קולטור־פאַרוויילערישע טעטיקייטן. דער יידישער קולטור־בונד ברענגט אַראָפּ לעקטאָרן, מוזיקער, בינע־קינסטלער סיי פון דייטשלאַנד, סיי פון פוילן. יאָנאַס טורקאָוו און דיאַנאַ בלומענפעלד קומען מיט זייער יידיש־קינסטלעריש וואָרט. דער דאַנציגער אַדוואָקאַט מאַקס באַומאַן איז דער מחבר פון די צוויי דראַמעס: „מאָגנגרוי" וועגן רייכלין און פּפעפערקאָרן פּראָצעס, און „גליקעל פאָן האַמעלן", וואָס איז געשפּילט געוואָרן אויך אויף יידיש.

אַזוי האָבן זיך יידן אין דער שווערער צייט געהאַלטן צוזאַמען, זיי האָבן געשאַפן אייגענע שולן מיט הויך־קוואַליפיצירטע לערערס. דער ביתר און די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס האָבן גערופן צו עליה. איינער פון די ענערגישסטע פירער איז געווען דער קאָנטראָווערסאַלער פוילישער ייד הערמאַן סעגאַל, וואָס מיר וועלן נאָך וועגן אים באַזונדערס שרייבן, ווי איינער וואָס האָט געשפּילט אַ וויכטיקע ראָליע אין אָרגאַניזירן די רעטונג פון די דאַנציגער יידן ערב דעם חורבן.

## 5. די נאַצישע תקופה און אויסוואַנדערונג פון יידן

דער ערשטער פּרעזידענט פון נאַצישן סענאַט, דר. ראַושנינג, האָט זיך נאָך אַ ביסל גערעכנט מיטן דאַנציקער סטאַטוס און געזעצן, וואָס האָבן ניט געקענט זיין די זעלבע ווי אין דייטשלאַנד; ס'האָט געוואָלט הייסן אַז זיין פּאָליטיק איז ניט

קיין אַנטיסעמיטישע. (די שחיטה פאַר־
באָט איז פאַרגעשלאָגן געוואָרן נאָך אין
1933). ראַושנינג האָט גיך רעזיגנירט
און אין די נייע וואַלן איז גרייזער געוואָרן
סענאַט־פּרעזידענט. טראָץ זיין דערקלע־
רונג אויף אַ יידישער אָנקלאַגע, אַז דאַנ־
ציג וועט ניט איינפירן דעם אַריער פּאַראַ־
גראַף און זיין רעגירונג וועט זיך האַלטן
אין די ראַמען פון פריישטאַט מיט גלייכע
רעכט פאַר אַלע בירגער, האָט ער פּאַק־
טיש אינאייגעם מיט פאַסטער געהעצט צו
בויקאָטירן און פּיקעטירן יידישע גע־
שעפטן. אַזוי זיינען דעמאָלירט געוואָרן
יידישע געשעפטן און באַציס האָבן פיזיש
אָנגעגריפן אפילו פרויען און קינדער.
די ווענט זיינען געווען באַקלעפּט מיט
שריפן „יודן אומגעווינשן“, „יודן זינד
אונזער אומגליק“ „דויטשלאַנד ערוואַכע,
יודן פאַרעקע“, און ס׳האָבן געהילכט די
ווילדע לידער פון ס.ס. און ס.א.: „ווען
יודן בלוט אַמס מעסער שפּריצט גייט
אונז נאָכמאַל זאָ גוט“, און אַנדערע בלוט־
דורשטיקע לידער.

די יידישע פאַרשטייער האָבן געזוכט
לעגאַלע וועגן און שתדלנות צו פּאַרטיי־
דיקן זייער בירגערלעכע רעכט, לויט דער
קאָנסטיטוציע פון דער פריישטאַט, אָבער
ס׳איז געווען אַ נאַיווע אומזיסטע מי.
די צען טויזנט דאַנציגער יידן זיינען גע־
וואָרן אויסגעשטעלט אויף הפקר. אין
דייטשלאַנד זיינען שוין געווען איינגע־
פירט די נירנבערגער געזעצן. די וועלט
איז געוואָרן מער גלייכגילטיק צו יידישע
ליידן און מער נאָכגיביק צו היטלערן.
אין האַלב־פאַשיסטישן פּוילן איז גע־
וואַקסן דער אַנטיסעמיטיזם. די פּריס־
טאַראַוועס אַנטי־שחיטה געזעץ און אָוו־
שעם פּאָליטיק זיינען באַגלייט געוואָרן
מיט פּאָגראָמען און בויקאָטן.

אין דער לופט האָט געהאַנגען דער
ערב חורבן. אין פּוילן האָט מען ניט גע־
נוג געזען די שריפט אויף דער וואַנט.
אין דאַנציג האָבן יידן דייטלעך געזען
די סכנה, און די פירער פון דער דאַנצי־
גער געמיינדע האָבן דערמוטיקט וווהין
די אויגן טראָגן, דער עיקר קיין ארץ
ישראל. די פאַרמעגלעכע שטאַטלאָזע
האָבן געהאַט די ערשטע מעגלעכקייט צו
פאַרלאָזן דאַנציג מיט זייערע משפחות.
אויך די ווייניק פאַרמעגלעכע האָבן גע־
קראָגן הילף צו פאַרלאָזן דאַנציג. מיין
ברודער און משפחה, פריינד און באַקאַנ־
טע זיינען געקומען קיין אַמעריקע.

ס׳האָט זיך געפאָדערט פירערשאַפט,
פּאַרזיכטיקע שתדלנות און פינאַנצן צו
אָרגאַניזירן אַ מאַסן־הצלה פון דאַנציג.
ליידער האָבן די פּוילישע בירגער אין
1938 זיך געאיילט צוריקצופאָרן קיין
פּוילן. און דאָ האָט זיך אָנגעהויבן, ניט
דערוואַרט, אַ טראַגיש קאַפּיטל וואָס איז
ווייניק באַקאַנט. די רשעותדיקע פּוילי־
שע רעגירונג האָט אַוועקגענומען די ביר־
גערשאַפט פון די יידן וואָס האָבן געוווינט
אין דאַנציג. און אין פחד פאַרן וואַנדער־
שטאַק, האָבן זיי זיך אַריינגעשמוגלט קיין
פּוילן. אויך מיינע עלטערן פון דור־
דורות פּוילישע יידן האָבן פאַרלוירן די
בירגערשאַפט. אַ סך פּוילישע יידן וואָס
האָבן באַשלאָסן זיך ניט צוריקקערן קיין
פּוילן נאָר בעסער מיטמאַכן דעם שווערן
עקזאָדוס אויף שיפן צו אומבאַקאַנטע
ברעגעס, האָבן זיך געראַטעוועט און
דערלעבט היטלערס מפּלה. די יידן וואָס
האָבן זיך צוריקגעקערט צו זייערע פּוי־
לישע היימשטעט זיינען ליידער אומגע־
קומען. די גרעסטע צאָל דאַנציגער יידן
האָבן זיך סוף כל סוף געראַטעוועט אַ
דאַנק דעם מסירת־נפשדיקן אָנשטרענג,
פאַראַנטוואָרטלעכע פּלאַנירונג פון די
קהילה־פאַרשטייערס און ספּעציעל פון
דעם פריער־דערמאָנטן הערמאַן סעגאַל,
וואָס האָט זיך באַזעצט אין דאַנציג אין
די צוואַנציקער יאָרן און געאַרבעט ווי
אַן אַגענט פאַר געוויסע שיף־געזעלשאַפטן
פאַרקויפנדיק שיפסקאַרטן.

צוליב דער אַרבעט זיינער האָט ער גע־
האַט אַ קאָנטאַקט מיט דער אָפּטיילונג פון
אויסלענדער ביים דאַנציגער פּאָליציי־
פּרעזידיום, וואָס האָט אויסגעאַרבעט דאַנ־
ציגער פּעסער פאַר די עמיגראַנטן. (פאַר
געלט). ער האָט אויך געהאָלפן די אומ־
שולדיק־אַרעסטירטע אפילו אין דער נאַ־
צישער צייט. און ווי עס שרייבט ע. ליכט־
שטיין אין זיין בוך, האָט ער געהאָלפן יידן.
מיר איז ער באַקאַנט, ווייל פאַר אַ גרויסע
סומע געלט האָט ער אַרויסגענומען מיין

ברודער פון דער נאַצישער פּאָליציי. בכלל איז ער געווען אַ שתדלן און אַ מאַכער. אָבער אַ האַרציק איבערגעגעבענער ייִד, וואָס האָט צוליב זײַנע פֿאַרבינדונגען געהאָלפן דער הצלה. פריער נאָך האָט ער אַלאַרמירט אויסצוּוואַנדערן קיין ישׂראל, לעגאַל צי ניט לעגאַל.

אין 1938 האָט ער זיך אַליין באַזעצט אין ישׂראל. ער איז אָבער צוריקגערופן געוואָרן פון דער דאַנציגער קהילה צו העלפן אָרגאַניזירן די עמיגראַציע. ערשטנס האָבן זיי געמוזט האָבן די צושטימונג פון די דאַנציגער ייִדן, צווייטנס — שאַפן פינאַנציעלע מיטלען דורך הילף פון פאַרמעגלעכע, און דריטנס, צו פאַרקויפן די גרויסע שול אַם רייטבאַן און דאָס אייגנטום פון דער געמיינדע, בכדי צו ראַטעווען ייִדישע לעבנס. ס'זיינען געווען געראַנגלענישן און שטרייטיקייטן צווישן ראַבינער גרין און פּאָרזיצער ד"ר איציק. נאָך דיסקוסיעס און פּאַטעטישע רעדעס זיינען אַלע ייִדן מסכים געווען מקריב צו זיין די שול צו ראַטעווען לעבנס.

דעצעמבער 1938 איז פאָרגעקומען אַ מאַסן־פאַרזאַמלונג פון צוויי טויזנט ייִדן אין שול אין דער אָנוועזנהייט פון דער געסטאַפּאָ און פּאָליציי פּרעזידיום. ס'האָבן גערעדט ד"ר קורט איציק, אַדוואָקאַט לעווי און סעגאַל, און מיט רעדעס געפאָדערט די פולמאַכט צו פאַרקויפן די שול בכדי צו פינאַנסירן די מאַסן־אויסוואַנדערונג. סעגאַל האָט פאַר דער דאַנציקער נאַצישער פאָרשטייערשאַפט אָפּגעשאַצט די ווערט פון דער גרויסער שול אַם רייטבאַן, די אָרטאָדאָקסישע שול אין מאַטנבודן, די שול אין לאַנגפאָר. (די צאָפּאָטער שול האָבן די נאַציס פאַרברענט אין 1938); די אַליוּוער יוגנט־היים, די בית־עולמס א", פאַר איין מיליאָן דאַנציגער גולדן און פאַרלאַנגט אַ האַלבן מיליאָן. סוף כל סוף האָט די קהילה פאַרקויפט דאָס אייגנטום פאַר דריי הונדערט טויזנט גולדן. סעגאַל האָט געבעטן, אַז די פּאָליציי און רעגירונג זאָלן ניט מאַכן קיין שוועריקייט און ניט שיקאַנירן די עמיגראַנטן...

אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן די דראַמאַטישע עוואַקואַציע און עקזאָדוס פון די ייִדן פונעם פרעכטיקן פרייַשטאַט וואָס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ נאַצישן סדום. צוערשט זיינען אַרויסגעראַטעוועט געוואָרן קינדער, ספּעציעל פון די יתומים הייזער. איין טראַנספּאָרט באַגלייט פון הערמאַן סעגאַל איז אָנגעקומען קיין לאָנדאָן און אַ צווייטער טראַנספּאָרט — קיין תל אביב. (צווישן יענע קינדער זיינען געווען די צוויי שוועגערינס פון מיין אומגעקומענעם ייִנגסטן ברודער). ס'זיינען געדונגען געוואָרן שיפן פאַר דער עוואַקואַציע פון טויזנטער משפּחות. אַ גריכישע שיף „אַסטיר" האָט געפירט דעם ערשטן טראַנספּאָרט מעפּילים קיין ארץ ישׂראל. טויזנט ייִדן האָבן זיך געוואַלגערט אין הונגער, שמוץ און קראַנקייטן. עטלעכע מאָל האָבן ענגלישע סאָלדאַטן זיי צוריקגעשיקט צום הפקר־ים. צום סוף, נאָך צוויי חדשים, זיינען זיי אומלעגאַל אָנגעקומען אין ייִדישן היימלאַנד. אַ שיף איז אָנגעקומען קיין שאַנכיי און צוויי שיפן קיין מאַריציוס, אַפריקע. מיין פריינד מאַנק האָט מיט יענער גרופּע נע־ונד ייִדן געוואַט זיינע עלטערן און ברידער. זיין ברודער פון אויסטראַליע איז געקומען אויף אַ באַזוך פאַראַיאָרן אויף קבר־אבות אין מאַריציוס. ס'איז דאָרט פאַראַן אַ ייִדישער בית־עולם מיט ייִדישע מצבות, וואָס דערציילן אַ געשיכטע פון בלוט און טרערן פון דאַנציגער ייִדן. דער לעצטער טראַנספּאָרט איז אָנגעקומען מיט דער שיף אַטלאַנטיק אין מאַוריציוס, אויגוסט, 1940.

פון אַן ערך עלף טויזנט ייִדן זיינען אין דאַנציג דאָך געבליבן 200, וואָס זיינען דעפּאָרטירט געוואָרן קיין טערעזיענשטאַט. ווייניק פון זיי זיינען געבליבן לעבן. דער שרייבער ליכטענשטיין דערציילט אין זיין בוך וועגן אַ זקן וואָס האָט איבערגעלעבט היטלערן. ווען דער אַלטיטשקער האָט באַגלייט זיינע פריינד צו דער באַן האָט ער זיך מיט זיי געזעגנט: „הייַנט באַגראָב איך אייך, ווער וועט מיך מאָרגן באַגראָבן?" ווען ליכטענשטיין האָט זיין בוך אַרויסגעגעבן אין 1973 האָט נאָך דער אַלטער דאַנציקער ייִד געלעבט. ער איז אַלט געווען זעקס און נייַנציק יאָר. נאָך דר מלחמה זיינען די ייִדן פון

מאַוריציוס לאַגער אַנגעקומען קיין ארץ ישראל. אָבער אַ גרויסע צאָל זיינען גע־שטאָרבן פון הונגער און קראַנקייטן, דורך חדשים פון וואַלגערן זיך אויף די ימים און אינטערניר־לאַגערן.

## 6. דער סוף פון דער דאַנציגער קהילה און דער סוף פון פרייַשטאַט

דאָס לעצטע געמיינדע בלאַט וואָס איז אַרויס דעם 14טן אַפּריל 1939 האָט גע־שריבן אַז „1933 איז געפייערט געוואָרן די 50 יאָריקע עקזיסטענץ פון דער גרויסער סינאַגאָגע ביים רייטבאַן, און איצט זעקס יאָר שפּעטער וועט מער די סינאַגאָגע און די יידישע קהילה פון דאַנציג ניט עקזיסטירן. די פּרעכטיקע שול איז געוועזן דער סימבאָל פון יידישער אויפ־שטייג און דערגרייכונג. דאָס איז געווען אַ גייסטרייכער צענטער. ס'זיינען געקו־מען אַזעלכע לעקטאָרן ווי ד״ר לעאָ בעק און מאַרטין בובער; ס'זיינען פאָרגעקומען סינאַגאָגאַלע און קלאַסישע קאָנצערטן און אויף די יזכור טאָוולען זיינען פאַר־אייביקט געוואָרן די נפטרים און אומגע־קומענע סאָלדאַטן. דאָס אַלץ וועט מער ניט זיין. ווי אַמאָל ווען ס'זיינען פאַר־קויפט געוואָרן די קליינע שולן אין די פאָרשטעט כדי צו בויען די גרויסע שול, וואָס האָט אַלע פאַראייניקט אין אַ גרוי־סער קהילה, וועלן מיר איצט פאַרקויפן די שול צו העלפן דער חרובער קהילה אויסוואַנדערן און זוכן אַ נייע היים. מיר ווייסן וואָס דערוואַרט אונדז ביז מיר וועלן געפינען אַ דאַך איבערן קאָפּ. מיר ווייסן אויך וואָס מיר פאַרלירן. אָבער ווי אַמאָל, לוט, וואָס איז אַוועק פון ברע־נענדיקן סדום, טאָרן מיר ניט קוקן צוריק, נאָר גיין פאַרויס בכדי מיר זאָלן בלייבן לעבן.“

אַזוי האָבן די ראשי הקהילה פון דאַנ־ציג מיט שטאָלץ און אַחריות רירנדיק דערמוטיקט זיך צו ראַטעווען, ניט ווערן פאַר־צווייפלט, נאָר געמיינזאַם און אָרגאַ־ניזירט, אָן פּאַניק צו פאַרלאָזן דאַנציג אין דער גורלדיקער שעה, ערב קאַטאַס־טראָפע און חורבן פון אונדזער פאָלק.

די רעדעס פון די רעפּרעזענטאַנטן: ד״ר איציק, ד״ר לעווי און הערמאַן סעגאַל זיינען דאָקומענטן פון קוראַזש און דער־הייבנקייט. די צוויי ביכער פון ערווין ליכטענשטיין און סאַמועל עכט פאַר־נעמען אַן ערנהאַפט אָרט אין אונדזער חורבן־ליטעראַטור. די באַשיידענע אַר־בעט מיינע, געשטיצט אויף די אויבנ־דערמאָנטע ביכער, און אַנדערע מאַטע־ריאַלן, ווי אויך פון פּערזענלעכע דער־פאַרונגען ווילן מיר פאַרענדיקן מיט די ווערטער פון פריער דערמאָנטן געמיינדע בלאַט:

„מיר וועלן לעבן. מיר וועלן דווקא זאָגן יאָ, טראָץ אונדזערע צרות, נויט און אומזיכערער עקזיסטענץ. מיר וועלן האָבן האָבן דעם קוראַזש צו פאַרלאָזן די גרויסע סינאַגאָגע און אַוועק אין די מרחקים, וווּ ס'דערוואַרט אונדז ניט קיין דאַך איבערן קאָפּ, און וווּ מיר וועלן מוזן אָנהייבן פון בראשית בויען אונדזערע מויערן פון יסוד. מיר קענען ניט מיטנעמען די שול, אָבער מיר וועלן יאָ מיטנעמען דעם מאָ־ראַלישן כוח, וואָס מיר האָבן פון איר געשעפּט. די שול וועט אונדז אין דמיון לויכטן ווי אַ נר תמיד, ביז מיר וועלן אויפשטעלן אַ נייע קהילה אין אַ נייעם היימלאַנד.“

אין צען גרויסע קאַסטנס זיינען פאַר־פּאַקט געוואָרן ווערטפולע תשמישי קדו־שה: פּרוכתן, רימונים, קרוינען, נר תמיד לאָמפּן, קאַנדעלאַבערס, קערות, פדיון־הבן שליסל, שופרות, טליתים, מחזורים, מגי־לות, ספרים, אַמולעטן, מוהל־מעסערס, מזוזות, קידוש־בעכערס, לייכטערס, האַנד־פאַסן, פאַנען, טאָוולען מיט צען געבאָט, אויך אייל־בילדער — צוזאַמען 65 חפצים. דער טראַנספּאָרט איז אַנגעקומען ביים אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה קיין ניו־יאָרק צום יידיש־טעאָ־לאָגישן סעמינאַר וואָס איז אויסגעשטעלט געוואָרן אין יידישן מוזעום.

דער שרייבער ע. ליכטענשטיין דער־ציילט אין בוך „דאַנציג אונטער דער הערשאַפט דעס נאַציאָנאַל סאָציאַליזמוס“ אַז ווען די דאַנציגער צאָל־באַאַמטע האָבן איבערגעקוקט די הייליקע חפצים האָט

משה עטינגער / ניו־יאָרק

# לידער

## מיין מלמד׳ס לעצטער צוגאַנג

געווידמעט דב סדנען
צו זיין ווערן אַ בן גבורות

דער מלמד מאיר גאָט
זיין אַלטן חטא ער האָט
אויסגעווייטיקט
אויף די וועגן
פון זיין לעבן.
אַ יעדן פון זיי,
די „פיינע לייט״
צ׳פגעצאָלט שטילערהייט
דעם קנס, פון זיין מכשול:
אַמאָל, אַמאָל, מיט יאָרן צוריק
האָט ער זיך פאַרשפּאָטעט
ווי איבער אַ שטריק
און אַ פּאָר שיך אַוועקגעלקחנט.

פון יענער צייט אָן
האָט אפילו דער כפּרה־האָן
ניט פאַרגעבן אים
יענעם „גרויסן חטא״.
אוי, האָט ער געשוויצט;
שטייענדיק, געקוקט צו דער בריק
און מיט געטעמפּטן קול אויסגעקליגט
דעם — „לא תגנב״ — „זאָלסט ניט
גנבענען קיין מענטשן!״
די קונדסים אויף צוריק
האָבן מיט שמייכלדיקן בליק
אויגנשטעכיק, נאָכגעזאָגט:
„זאָלסט ניט גנבענען קיין מענטשן.״

אַז חיה פלעגט פון מאַרק אַ מידע אַריין אין שטוב
און געכאַפּט אויף אים אַ זייטיקן קוק —
פלעגט זי פרעגן: „מאירציע! מ׳האָט דיר
ווידער היינט שוין פאַרלייגט דעם וועג?״
פלעגט ער שטאָפּן מיט טאַביקע זיין נאָז —
אין דער פאַטשיילע, דער רויטער, אַריינביסן אַ בלאָז
און זיפצנדיק איר ענטפערן:
„וואָס ווייסט אַן אישה פון דעם צער פון דער וועלט?״

---

איינער פון זיי שטיל־טרויערק אַרויס־
געשעפּטשעט: „מיר, דייטשן, וועלן נישט
אויסמיידן גאָטס שטראָף״. און זיי האָבן
די שטראָף ניט אויסגעמיטן.
מיטן אונטערגאַנג פון דער דאַנציגער
קהילה איז פאַרשווינדן די פרייע שטאָט.
דאַנציג איז היינט דער פּוילישער פּאָרט
גדאַנסק, דאָס וווינאָרט פון לעך וואַלענסאַ
דער פירער פון סאָלידאַרנאָשטש, אין
געמויזעכץ פון היינטיקן פּוילן.

אָבער אין יענע ווינסטע טעג,
ווען פאַרגאָסן ס'איז דער וועג
געווען, מיט טרערן און יידיש בלוט,
האָט מאיר אַן אויסגעפּוצטער
אין שטריימל און אין טלית, געשפּאַנט פאַרשעמט.
חיה, אין דער פאַטשיילע, דער רויטער,
געטראָגן האָט, באַהאַלטן ווי אַ סוד
דעם ספר „שמות“— מיט די צען געבאָט —
געטוליעט עס צו איר דאַרער ברוסט.
און מיין מלמד, הי"ד, ר' מאיר גאָט,
האָט ביי דעם אָפענעם ברידער־גרוב —
אַ נאַקעטער און פון אַ קול אַ דורכגעלעכערטער,
ניט אויסגערופן דעם שם, דעם אחד...

## אָפּהענטיק

איך קען ניט איינהאַלטן די רישעות פון דער וועלט
ווי כ'קען ניט פאַנגען די וואָלקנס פון דעם רעגן.
ווען כ'מיין כ'האָב שוין איינגעהאַלטן —
ערשט זע איך:
איר ווילדע רציחה לויפט מיר אַנטקעגן.

איך קען ניט אָפּשטעלן די שרעקלעכע סכנה
ווי כ'קען ניט צאַמען דאָס ברויזן פון דעם ים.
ווען כ'מיין כ'האָב שוין אָפּגעשטעלט —
ערשט זע איך:
די וועלט פלאַקערט מיט איר אַטאָמישן פלאַם.

איך קען ניט אויסלעשן די פאַרשאָלטענע שרפה,
ווי כ'קען ניט צעברעכן דעם מלאך־המות חלף.
ווען כ'מיין כ'האָב אַקאָרשט שוין באַוויזן —
ערשט זע איך:
איך האַלט ביים אָנהייב ערשט, ביי דעם אלף.

# אין שול פון אַ ספרא רבא

אין פּאַליש אין שול פון ש״י עגנון
אין ירושלים השלמה אויף תלפיות,
האָבן צווי פייגל אַ נעסט זיך געבויט
אויף דעם קאָפּ פון דעם אָרון־קודש.
צו שחרית ווען עגנון לייגט דעם של־ראש
און מאַכט די ברכה — להניח תפילין
צעצוויטשערן די פייגל אַן אָמן אַ שטילן
און פאַרשלייפן אים — מיט אַ חסידישן ניגון.

טראָגט דער ניגון אים צו זיין פריער יוגנט,
צו דער חסידישער וויג, פון דער שטאָט בוטשוטש,
צו דער שול דער גרויסער מיט דער אָדלער־מנורה,
צו דעם מרא דאתרא — רבי יעקב אליהו.
ווערט ער צערודערט און מישט אין זיין זכרון
בלעטער פון טעג, בלעטער פון יאָרן
און עפנט פאַמעלעך די טירן פון אָרון.
פאַלט דאָרט אַרויס די „מגילת־עיפה"
(וואָס וויינט אויף דעם חורבן פון ת״ח־ות״ט)
דערפילט ער עס ברענט שוין ווידער אַ שרפה —
און אירע פלאַמען פאַרצערן זיין האַרץ און זיין גוף.

לויפט ער אין אַנגסטן צו דעם אָפענעם פענצטער.
גריסט אים ירושלים — מיט שטאָלץ און מיט פרייד.
מיט ביימער וואָס צוויטען, מיט בלומען וואָס בליען,
מיט לעבן וואָס פרילינגט, פון גלות באַפרייט.

זעט ער, די צווי פייגל זיצן אויף דעם כיור.
ווינקט ער צ'זיי און וויזט זיי די טיר.
איילן זיי אַרויס מיט יובל און געזאַנג
און פליען איבער ירושלים'ס גאַנצן פאַרנעם.
און עגנון דער ספרא רבה זאָגט: — הודו לאדושם!

לאָטי פּ. מלאך

# אַ קדוש צווישן קדושים

שטיל, ווי אַ ווערבע ביים טייך, האָט געלעבט אַ מענטש מיטן נאָמען יצחק יוריסטאַ. גרויסע שטורעמס האָבן זיך געטראָגן איבער זיין יונגן קאָפּ: מלחמות, פּאָגראָמען, רדיפות און פאַרפאָלגונגען. אָבער ער האָט דאָס אַלץ איבערגעטראָגן ביז — ביז די שווערד, וואָס האָט אַזוי גרויזאַם געשניטן אונדזער פאָלק, האָט אים דערגרייכט.

געבוירן איז ער אין 1903, אין אַ יידיש־באַלעבאַטישער שטוב, אין טשענסטאָכאָוו. איינער פון דער ענטוזיאַסטישער, יידישער יוגנט, וואָס טשענסטאָכאָוו האָט אַרויסגעגעבן אין די יאָרן פון נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. זיינע עלטערן — דער טאַטע משה, און די מאַמע חוה — האָבן געצויגן פרנסה פון אַ פאַבריק־קרעמל, ווו זיי האָבן אַליין אויסגעאַרבעט און פאַרקויפט צוקערלעך. יצחק איז געווען דאָס צווייטע קינד פון אַ „געזינד זאַלבע נײַן". פינף ברידער און צוויי שוועסטער. די משפחה יוריסטאַ, פשוטע, האַרציקע פאָלקס־מענטשן, איז געווען זייער באַליבט אין שטאָט מיט איר וואַרעמער שטוב און אָפענער טיר.

געוואָקסן איז דער שטילער יוריסטאַ אין אַ לעבעדיקער, אַקטיווער, יידיש־ראַדיקאַלער סביבה — פועלי־ציון. זיינע נאָענטסטע פאַרטיי־חברים פון יענער צייט זיינען געווען: גרשון פרענדקע, יוסף טשענסטאָכאָווסקי, לעאָן זיידמאַן. ער האָט אָבער אויך געהאַט אַ סך פריינד צווישן די טוער פון אַנדערע פּאַרטייען, מיט וועלכע ער האָט צוזאַמענגעאַרבעט אויפן געביט פון יידיש־וועלטלעכער דערציונג און אַנדערע געזעלשאַפטלעכע טעטיקייטן. צווישן זיי: מיכאל אַלטער, רפאל פעדערמאַן, שמואל פראַנק, מאַקס עריק, לעאָ אַש (דער רבס זון) און אַנדערע.

דאָס יונגע ווערבע־ביימל, יוריסטאַ, האָט זיך פון זיין פּריסטער יוגנט אָן איבערגעלאָדן מיט אידעען, אַזש די צווייגן האָבן זיך געבויגן ביז העט אַראָפּ צו דער ערד. ס'איז דאָך קלאָר ווי דער טאָג, די קאַפּיטאַליסטישע אָרדענונג וועט זיך דורך איר אַנטוויקלונג אַזוי פאַרשפּיצן, ביז אירע פונדאַמענטן וועלן אונטערגעשווענקט ווערן. נישט מער דאָס יידישע פאָלק קען נישט וואַרטן. עס מוז פירן אַ טאָפּלטן קאַמף, סיי פאַר זיין נאַציאָנאַלער אויסלייזונג, סיי פאַר זיין סאָציאַלער באַפרייונג. אויב אַזוי איז דאָך ד"ר לודוויק זאַמענהאָף טויזנט מאָל גערעכט, דאַרף מען דאָך טאַקע האָבן אַן אינטערנאַציאָנאַלע שפּראַך, עספּעראַנטאָ, דורך וועלכער מען זאָל זיך קענען צונויפרעדן מיט אַלע פעלקער פון דער וועלט און זיי געבן דאָס צו פאַרשטיין. אַזוי האָט זיך דאָס אויסגעלייגט אויף זיין יונגן מוח. און זיין האַרץ האָט זיך געהויבן פון באַגייסטערונג, און פעסט איז געווען זיין גלויבן: „יידן, אַן אומה צווישן אומות, און פרייהייט, וואָס זאָל קלעקן פאַר אַלע קינדער אויף גאָטס ערד..."

און ווען ער, יוריסטאַ, איז אַרויסגעגאַנגען אויף דער גאַס, אין זיין שיינער שטאָט טשענסטאָכאָוו, האָט ער געקוקט אויף זיין פוילישן שכן ממש ווי אויף אַ לייבלעכן ברודער. נאָר אַז „דער ברודער" מיט זיינע חברים האָבן אים אין מיטן העלן טאָג נאָכגעוואָרפן שטיינער און ווען זיין באַלעבאָס פון דער אייזן־פאַבריק, אַ ייד, האָט אים געגעבן אָנצוהערן, אַז לויט די נייע געזעצן מוז ער „באַשרענקען" די צאָל אָנגעשטעלטע און, אַז גראָד ער, וואָס טראָגט זיך אַרום מיט ביכלעך אין קעשענע און מיט קאַפּריזנע געדאַנקען אין קאָפּ, איז נישט פון די גאָר געווינטשטע — האָט יוריסטאַ שווער אָפּגעזיפצט, און צוזאַמען מיטן אַראָמאַט פון בליענדיקן בעז, האָט ער איינגעזאַפּט אין זיך דעם שווערן יאָך פון אייביקן ייד.

די פוילישע פּאָליציי האָט זיך אָנגעהויבן צו „פאַראינטערעסירן" מיט אים. זיינע אַרטיקלען, וואָס ער האָט אין יענע יאָרן — 1923-26 — פאַרעפנטלעכט: „דער הונגער־סטרייק"; „פרייע יוגנט"; „צוואַנציק יאָר יידישע אַרבעטער באַוועג־

גונג״; „אַרבעטער קולטור;״ „דאָס יאָר 1918״; „בער באָראָכאָוו״, און אַ ריי אַנדערע אַרטיקלען אין דער „אַרבעטער צייטונג״; אַ סעריע עסייען: „די נייע רומענישע ליטעראַטור״; „די געבורט פון עספעראַנטאָ״ אין די „ליטעראַרישע בלעטער״, רופן אַרויס זייער אויפמערקזאַמקייט. דערצו איבערזעצט ער אין עספעראַנטאָ „די יוגנט שבועה״ פון לייב מלאך, און אַנדערע יידישע אַרבעטער לידער, וואָס זיינען אַריין אין אַ זאַמלונג „פראָלעטאַריאָ קאָנטאַראַ״, אַרויסגעגעבן דורכן עספעראַנטאָ וועלט־פאַרבאַנד אין 1924. צו דעם אַלעמען קומט נאָך צו זיין פאַרצווייגטע קאָרעספאָנדענץ מיט שרייבערס פון אויסלאַנד, ווי: פאַריז, יאַפאַן, האָלאַנד, אינדיע. די פוילישע פאָליציי האָט אים אָנגעהויבן נאָכצושפיאָנירן און פאַרפאָלגן — אים, דעם יונגן טרוימער, דעם פון דור־דורות פוילישן ייד!

די שטאָט טשענסטאָכאָוו האָט זיך געבאָדן אין פרילינגדיקער זון, ווי נאָך קיין מאָל פריער — אַזוי האָט זיך יוריסטאַן אויסגעוויזן. ער האָט געקוקט צו די טויערן פון די עטלעכע פאַבריקן אין שטאָט מיט הייסער בענקשאַפט. וועמען וואָלט עס געאַרט ווען מען לאָזט אים (און נאָך אַזעלכע ווי ער) דאָ אַריין ער זאָל קענען אָפאַרבעטן אַ טאָג און אַהיימברענגען ס׳ביסל פאַרדינסט אויף ברויט און אַ דאַך פאַר זיך און זיין שיינער חברטע ברכה, מיט וועמען ער האָט זיך געקליבן חתונה האָבן. מער ווי צו אַ באַשיידן לעבן האָט ער קיין מאָל נישט געשטרעבט; זיינע גרויסע אַספיראַציעס זיינען געלעגן ערגעץ אַנדערשוו.

נאָר די פאַבריקן האָבן צוגענומען בלויז איינצלנע פון דער אַרבעטסוויליקער יוגנט. אָבער ער איז נישט געווען צווישן זיי. האָט ער איינגעפאַקט זיין טלומיקל, אָנגעזאָגט טאַטע־מאַמע די אומפאַרמיידלעכע בשורה, און איז אַרויסגעגאַנגען אין גאַס זיך געזעגענען מיט חברים. צום גליק איז ער נישט געווען דער איינציקער. אַ סך פון דער וואַקסנדיקער יוגנט האָבן געקוקט מיט פאַרליבטע אויגן אויף זייער שיינער שטאָט טשענסטאָכאָוו, אויף דעם קלאָרן טייך וואַרטאַ, און זיי האָבן זיך געלאָזט אין וועג אַריין. וווהין? ווו עס וועט זיך לאָזן. און וועמען עס האָט זיך נישט איינגעגעבן ערגעץ־ווו אָנצוקומען, איז געבליבן שטעקן אונטערוועגנס, אין האַפנס, ביי די גרענעצן, אין פרעמדע אָפגעלאָזטע האָטעלן. יוריסטאַ מיט זיין יונגער פרוי איז געלונגען אָנצוקומען אין פאַריז.

דאָ האָט ער געפונען עטוואָס בעסערס ווי ער האָט דערוואַרט. קודם כל האָט ער דאָ געטראָפן אַ סך פון זיינע פוילישע לאַנדסלייט און טשענסטאָכאָווער חברים. נאָך מער, די לאַנדסלייט האָבן דאָ געקלעפט איינער צום אַנדערן, ווי איין משפחה. איין גורל האָט זיי דאָ אַהער צוזאַמענגעפירט, אין די ענגע געסלעך פונעם „פלעצל״ אין בעלוויל (ספעציפישע יידישע געגנטן אין פאַריז). די מערסטע האָבן געוווינט אויף בוידעם־שטיבלעך מיט אויסגעקרימטע סטעליעס אונטער שפיציקע דעכער. אַלע האָבן געזוכט אַרבעט; אַלע זיינען געלאָפן אין דער „פעריפאַקטור״ נאָך פאַפירן; איינצלנע האָבן געקראָגן; די מערסטע האָט מען אָפגעזאָגט. דאָס האָט געמיינט זיך אויסבאַהאַלטן, זיך היטן פאַר דער פאָליציי און גרייט זיין אין מיטן נאַכט אַרויסצושפרינגען דורכן פענצטער אין פאַל פון אַ „זוכונג״.

פון דעסטוועגן איז דער גייסט געווען אַ האָפערדיקער; פאָרט יוגנט! אַן אידעאַליסטישע, גרייטוויליקע, קערנדיקע, אַרבעט־זוכנדיקע יוגנט.

יצחק יוריסטאַ האָט מיט דער צייט, נאָכדעם ווי ער מיט זיין יונגער פרוי זיינען אַדורכגעגאַנגען אַלע שבעה מדורי גיהנום, געקראָגן פאַפירן. דאָס הייסט, וווינרעכט. קיין אַרבעטס־פאַפירן האָט ער קיין מאָל נישט געהאַט. האָט ער געעפנט אויפן „פלעצל״ אַ קליינעם וואַרשטאַט. זיינע אָנגעשטעלטע, זיינע אַרבעטער, זיינען געווען: ער מיט זיין פרוי ברכה. (לויט די געזעצן האָט אַן אימיגראַנט נישט געהאַט קיין אַרבעטס־רעכט, אָבער אונטערנעמונגס־רעכט האָט ער יאָ געהאַט), און יוריסטאַ איז געוואָרן אַן „אונטערנעמער״. און דאָ הייבט זיך אָן דער פעריאָד פון די בעסטע פופצן יאָר פון זיין שאַפן.

אויף אַ יידיש־אימיגראַנטישער גאַס צעוויקלט זיך אַ ברייט געזעלשאַפטלעך לעבן. אינסטיטוציעס קומען אויף, ווי די

פּרוכטן אויף שפּעדיקע, טויאיקע פּעל־דער: קולטור־צענטערס, יידישע צייטונגען, טעאַטער, ספּאָרט־קלובן, אַרבעטער־היים, צוגאָב־שולן און פֿאָלקס־קיכן. דאָס איז געווען אין די אָנהייב דרייסיקער יאָרן אין צעכוואַליעטן פּאַריז, דאָס פּאַריז פון מיליאָנען קעפּיקע דעמאָנסטראַציעס, דאָס פּאַריז פון לעאָן בלום און „פראָנט פּאָפּולער" האָט נאָך צעצונדן די פאַנטאַזיע פון אונדזער טרוימערישער יוגנט. דער דורות־לאַנגער חלום פון פעלקערלעכער פאַרברידערונג איז ממש שיר מקוים געוואָרן אונטער די אויגן. נו, יאָ, ווי קען דען אַנדערש זיין?...

דריי פאַרשיידענע שטראָמען דראָען צו פאַרטרינקען אונדזער שטילן יוריסטאַ: די ברויזנדיקע אַרבעטער באַוועגונג, מיט וועלכער ער איז אַלע יאָרן געווען פאַרבונדן; די פראַנצויזישע קולטור און די נאַציאָנאַלע עספּעראַנטאָ געזעלשאַפט. נאָר מערקווירדיק, וואָס פאַר אַ גרויסן כוח יוריסטאַ ווייזט אַרויס. ער זאַפּט אין זיך איין די אַלע איינפלוסן; שיילט פון זיי אַרויס דאָס בעסטע און בלייבט אין זיין מהות יידיש.

ס'איז ש. אַנסקי וואָס רייצט זיין פאַנטאַזיע; ס'איז אַלטערלס (לייב מלאך) יוגנט יאָרן וואָס בלייבט אים אייגן; ס'איז מאַני לייבס קינדער־לידער, מיט וועלכע ער פאַרשפּילט זיין אייביקע קינדערישקייט.

ער איבערזעצט, טראָגט אַריין אין דער עספּעראַנטאָ־שפּראַך די יידישע עטיק, די תנכישע נביאות, די חסידישע התפעלות; די אידעען פון בער באָראָכאָוו און די פאָלקסטימלעכקייט פון אברהם רייזען; דאָס אַרבעטער־ליד פון דוד עדעלשטאַט און און פיינע פובליציסטיק פון ד"ר האָפּמאַן (צביון), און משה אַלגין. ער זעצט איבער אַ סך פון דער קלאַסישער און נאָך מער פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור און שרייבט אויך אייגענע, אָריגינעלע אַרטיקלען.

אין שטילע פאַרנאַכטן (דאָס הייסט, פאַר יוריסטאַן זיינען זיי געווען שטיל), ווען ער איז אַ היים געגאַנגען פון „מאַיזאָן" (דאָס הויז פון וואַנען ער האָט אַרויסגענומען אַרבעט), פלעגט ער שפּאַנען איבער די פריידיקע גאַסן פון פּאַריז, „זיין" פּאַריז, וואָס ער האָט באמת ליב געקראָגן. דאָס פאַריז וואָס האָט אים געגעבן ברויט צו דער זעט, אַ פּאָר פראַנק אויף אַהיים־צושיקן און אַ דאַך אויפן דריטן שטאָק, אויף רי „וויעי דו טאַמפּל" 34. דאָס פאַריז האָט אים אויך געגעבן שווונג צו שאַפן און איבערזעצן.

נאָך אין פוילן האָט דער קוים צוואַנציק יאָריקער יוריסטאַ איבערזעצט ש. אַנסקיס „דאָס לעבן פון אַ מענטשן", וואָס איז גלייך פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין „ליטעראַטור מאָנדע". אין 1924 איז דערשינען אויף עספּעראַנטאָ „דער יידישער וויץ" — 15 אַנעקדאָטן פון א. ראַווניצקי. אין 1926 איז געווען געדרוקט אין „העראַלדאָ" די איבערזעצונג פון שלום אַשס נאָוועלע „מענטשן און געטער". דאָ אין פאַריז האָט ער איבערזעצט און געדרוקט אַ גאַנצע רייע אויסצוגן פון די ווערק פון שלום עליכם, מענדעלע מוכר ספרים, דוד פינסקי, יוסף אָפּאַטאָשו און 11 דערציילונגען פון יצחק לייבוש פרץ.

פון די דיכטער האָט ער איבערזעצט אין עספּעראַנטאָ: משה לייב האַלפּערן, ה. לייוויק, באָושאָווער, איציק מאַנגער, יוסף פאַפּירניקאָוו און די משלים פון אליעזר שטיינבאַרג. ער האָט איבערזעצט און פאַרשפּרייט שריפטן פון בער באָראָכאָוו, אחד העם, י. ח. ברענער, נחמן סירקין און אַנדערע. אין 1939 איבערזעצט ער לייב מלאכס פּיעסע „מיסיסיפּי", וואָס די פאַריזער עספּעראַנטאָ גרופּע גיט אַרויס אין בוך־פאָרם.

מיט אַ זעלטענע פּיעטעט צו יעדן שרייבער, גיט דער פרומער יוריסטאַ זיינע אַריינפירן און נאָכבאַמערקונגען. מיט אַ וווּנדערלעכן יראת הכבוד צום פאָלק גיט ער זיינע באַלויכטונגען צום שטייגערלעבן און זיינע אויסטייטשונגען פון דער יידישער פאָלקס־פסיכיק.

נאָך 12-10 שעה אַרבעט אַ טאָג, נאָכן אָפּשטיין שעהען אין „מאַיזאָן", פלעגט ער זיך ערשט אַוועקזעצן על התורה ועל העבודה.

ד"ר לודוויק זאַמענהאָף האָט איבערגעלאָזט אַ סקעלעט פון אַ שפּראַך. די באַפליגלטע נאָכפאָלגערס זיינע (צווישן זיי אויך דער באַוווסטער עספּעראַנטאָיסט

שאָול גוטמאַן / ניו־יאָרק

# די יידישע מחשבה צווישן די צוויי וועלט־מלחמות

ד״ר העשיל קלעפפיש האָט זיך די לעצטע יאָרן קונה־שם געווען אין דער יידישער וועלט מיט זיינע גייסטרייכע רעדעס און רעפעראַטן. יעדער עפנטלעכער אויפטריט זיינער באַאיינדרוקט די צוהערער מיט זיין וויסן און עלאָקווענץ. אין דעם איצטיקן בוך ליטעראַרישע עסייען*) באַווייזט ער אַז ער איז נישט בלויז אַן אָראַטאָר, נאָר אויך אַ דענקער און אַ טאַלאַנטפולער שרייבער, וואָס קען אויסדריקן זיינע געדאַנקען לייכט און גראַציעז, אין אַ לויטערן, פאָלקסטימלעך־ראַפינירטן יידיש.

ווי דער מחבר דערקלערט אין זיין אַריינפיר, שטעלט דאָס בוך מיט זיך פאָר אַ זאַמלונג פון די עסייען וואָס ער האָט געשריבן אין די דרייסיקער יאָרן, וואָס זיינען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין די פעריאָדישע אויסגאַבעס אין וואַרשע, דער עיקר אין דער טעגלעכער טיינג „דאָס אידישע טאָגבלאַט". דאָס זיינען עסייען „וואָס טראָגן איבער דעם לייענער צו דער תקופה צווישן די צוויי וועלט־מלחמות און צום פיל־מיליאָניקן יידישן קיבוץ וואָס האָט ערב דעם נאַצי־חורבן געלעבט אין פוילן; זיי פירן אַריבער צו דעם אינטערעסן־קרייז פון פוילישן יידנטום אויפן שוועל פון זיין טראַגישן אונ־

*) „צווישן די צוויי וועלט־מלחמות" — ליטעראַרישע עסייען, פון ד״ר העשיל קלעפפיש. אַרויסגעגעבן דורכן וועלט־ראַט פאַר יידיש און יידישער קולטור; תל־אביב, 1982; 564 זייטן.

---

חיים קערבער) האָבן איר געגעבן בלוט און פלייש און אינהאַלט. יצחק יוריסטאַ האָט זי גאָר באַזונדערס באַרייכערט; ער האָט אין איר אַריינגעהויכט זיינע טיף־איבערגעלעבטע יידישע אידעאַלן.

ער האָט זיך נאָך געגרייט אַ סך, אַ סך צו שרייבן און איבערזעצן, ווען דער נאַצי האָט אויסגעשטרעקט זיין בלוטיקע לאַפּע נאָך אים. ווען די געשטאַפּאָ איז אַריין אין פאַריז, האָט זי אים „אויסדערוויילט" ווי איינעם פון די ערשטע צו אַרעסטירן. וואָס די יידישע געזעלשאַפטלעכקייט האָט אפשר נישט געוווסט, האָט די גוישע וועלט דווקא זייער גוט אָפּגעשאַצט, אַז יוריסטאַ איז אַ מענטש פון גאָר אַ באַזונדערער קוואַליטעט. פילסודסקיס געהיים־פּאָליציי, און שפּעטער די רוצחים פון דריטן רייך, האָט געוווסט דעם באַטייט פון יוריסטאַס שטילער פען, וואָס דערגרייכט די ווייטסטע ווינקעלעך פון דער וועלט מיט זיין „פאַרהאַסטער" יידן־עטיק.

אין דער יידישער סביבה אין פאַריז האָט מען זיך קיין סך נישט אָפּגעשטעלט אויף אים. ווער האָט עס צייט אין אַזאַ איילנדיקן, טומלדיקן פאַריז, זיך איינצוקוקן אין אַזאַ תמימותדיקן יונגן מאַן ווי יוריסטאַ? אַז קיין בענקלעך האָט ער נישט פאַרנומען, קיין עלנבויגנס נישט פאַרמאָגט, אפילו נישט קיין הויך קול — נו, יאָ, אַ ווערבע אין מיטן פאַריז...

אין פראַנקרייך איז אַרויסגעגאַנגען אַ יזכור־בוך נאָך פערצן אומגעקומענע יידישע שרייבערס. דער נאָמען יצחק יוריסטאַ ווערט דאָרט נישט דערמאָנט. פאַרוואָס?... אונדזערע קדושים זיינען געפאַלן קרבנות פון איין שונא; אונדזערע לעבן־געבליבענע צעטיילט מען, צום באַדויערן, לויט די פאַרטייען, צו וועלכע זיי האָבן געהערט.

יצחק יוריסטאַ איז אַרעסטירט געוואָרן דעם 14טן מאַי, 1941. ער איז אָפּגעשיקט געוואָרן אין קאָנצענטראַציע לאַגער פּיטווע, ווו ער איז פאַרבליבן 13 חדשים. דעם 26טן יוני, 1942, איז ער דעפּאָרטירט געוואָרן קיין אָשווענטשים, ווו ער איז אומגעבראַכט געוואָרן צוזאַמען מיט טויזנטער און טויזנטער פון זיינע ברידער און לאַנדסלייט.

יצחק יוריסטאַ וועט נישט פאַרגעסן ווערן. ער וועט בלייבן אין זכרון פון פאָלק צווישן אַלע ליכטיקע געשטאַלטן פון זיין דור — אַ קדוש צווישן קדושים.

טערגאַנג, צו דער גייסטיקער שפּאַנונג וואָס האָט אין אים אָנגעהאַלטן אין די ערב־חורבן־יאָרן, צו זיינע פּאָרכטיקע אַנגסטן, און נישט אויסגעלאָשענעם גלויבן.״

די קנאַפּע הונדערט עסייען וואָס געפינען זיך אין דעם ספר קען מען איינטיילן אין דריי הויפּט־קאַטעגאָריעס: —

1) באַטראַכטונגען וועגן יידן־שרייבערס וואָס זיינען אָנגעזען אין דער וועלט־ליטעראַטור: היינע, יאַקאָב וואַסערמאַן, ליאָן פויכטוואַנגער, פראַנץ קאַפקאַ, סטעפאַן צווייג, ערנסט טאָלער, פראַנץ ווערפעל, זשוליאַן בענדאָ, עמיל לודוויג און אַנדערע; 2) וועגן נישט־יידישע דענקערס און שריפטשטעלערס, וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט סימפּאַטיע און פאַרשטענדעניש פאַרן יידישן גורל און אויפטואונגען. אַזעלכע חסידי אומות־העולם ווי: ציפּריאַן נאָרוויד, מאַריאַ קאָנאָפּניצקאַ, אַדאַם מיצקעוויטש, עליזאַ אָזשעשקאָוואַ, זשאַק מאַריטען, וויספּיאַנסקי, רודאָלף ראָקער, און אַנדערע; 3) וועגן בעלי־תשובה: אַסימילירטע יידן ביי וועמען ס׳איז פאָרגעקומען אַ גייסטיקער איבערבראָך, און זיי האָבן זיך אומגעקערט אַהיים, צו זייער פאָלק: פראַנץ ראָזענצוויג, לודוויג לואיסאָן, נתן בירנבוים. פאַראַן אויך אַ ריי עסייען וועגן יידן אין דער פּוילישער ליטעראַטור: סלאָנימסקי, טואווים, שמעון אַשכנזי, ווילהעלם פעלדמאַן, וויטלין און אַנדערע.

ביז גאָר אַקטועל איז די אָפּהאַנדלונג איבער פויכטוואַנגערן און זיינע היסטאָרישע ראָמאַנען: ״יאָזעפוס״ און ״ייד זיס״ — ביכער וואָס איך האָב מיט יאָרן צוריק געלייענט און האָבן אויף מיר געמאַכט אַן אומפאַרגעסלעכן איינדרוק. די סצענע וואָס פויכטוואַנגער צייכנט מיט דראַמאַטישן כוח, ווען יאָזעפוס (יוסף בן מתתיהו) זיצט אויף דער אַרענע, אין רוים, בעת מען פירט פאַרביי די געפאַנגענע יידישע העלדן־זעלאָטן, און ס׳קעמפן אין זיין ברוסט צוויי נשמות — די יידישע און רוימישע קולטור־עלעמענטן, אָבער עס איז אים נישט געלונגען; זיין אויפפאַסונג פאַלט דורך.

ד״ר קלעפּפיש האַלט אַז אין דער היסטאָרישער נאָוועלע איז דאָ עפּעס פון פויכטוואַנגערס אויטאָ־פּאָרטרעט: ״רוים אָדער ירושלים — דאָס איז דאָך אייגנטלעך דער פראַגע־צייכן אונטער וועלכן עס שטייט דאָס לעבן און שאַפן פון פויכטוואַנגערן גופא... אין יענעם מאָמענט ווען יידן זוכן אַ סינטעז צווישן רוים און ירושלים, ווערן יידן שוואַך, ווייל יעדע אַזאַ פאַראייניקונג איז פאַרמשפט אויף אַ דורכפאַל.״ דער עסייאיסט סקיצירט אויך דעם סיפור המעשה פון ״ייד זיס״ (דער ראָמאַן איז אין אַמעריקע אונטערן נאָמען ״פּאַוער״ געווען אַ בעסט־סעלער) און ער פירט אויס, אַז דער מוסר־השכל דאַרף פאַר אונדז זיין אַז ״נאָר נאַיווע מענטשן קענען זיך פאַרוויגן אין מיראַזשן און גלייבן אַז וועלט און ייד קענען לעבן אין האַרמאָניע.״

נישט אַלע וועלן קענען אָננעמען דעם מחברס קאַטעגאָרישן פּסק־דין אַז עס מוז זיין אַן אייביקע מלחמה צווישן רוים און ירושלים — ס׳הייסט צווישן דער יידישער און מערב־אייראָפּעישער קולטור. וואָרעם אפילו אויב איר וואַרפט אָפּ די קאָנצעפּציע פון אַ יודעאָ־קריסטלעכער ציוויליזאַציע, מוזט איר אויך צוגעבן אַז די היינטיקע ״ירושלים״ שליסט איין עלעמענטן פון ״רוים״, פּונקט ווי ״רוים״ האָט איבערגענומען געוויסע קאָמפּאָנענטן פון ירושלימס ציוויליזאַציע.

אויך די עסיי וועגן וואָלטער ראַטענאַו, דער יידיש־דייטשער שטאַטסמאַן און עקאָנאָמיסט, וועמען די דייטשע אַנטיסעמיטן האָבן דערמאָרדעט אין 1922, איז היינטצייטיק און אָנרעגנדיק, ספּעציעל פאַר אַסימילירטע יידישע אינטעלעקטואַלן וואָס אַנטלויפן פון זיך. אין ראַטענאַו, האַלט דער מחבר, האָט די ראַנגלעניש צווישן יידישקייט און דייטשישקייט אָנגענומען די שאַרפסטע פאָרם, ווייל אָט דער מענטש פון גייסט, ראַטענאַו, איז נתפּעל געוואָרן פון ברוטאַלן און רויען פּרייסנטום. שולדיק אין דעם מינדערווערטיקייט־קאָמפּלעקס איז, לויט קלעפּפישן, קודם כל זיין דערציונג, און די פּרייסישע לופט וואָס ער האָט איינגעאָטעמט פון זיין פריסטער יוגנט.

זי האָט אים אָנגעשטעקט מיט דעם מיקראָב אַז די דייטשן שטייען העכער ווי די יידן.

אָן ספק, אַז די דערציִונג און די יונקערישע סביבה האָבן אַ חלק אין דעם שטאַטסמאַנס אימפּעריאַטעט־קאָמפּלעקס. אָבער, איז דאָס אַ פֿולע אויפֿקלערונג פֿון דער רעטעניש? אָט האָט דאָך פֿראַנץ ראָזענצווייג אויך געשטאַמט פֿון דער־זעלביקער דייטשער קולטור־סביבה, און איז געווען נישט ווייניקער אַסימילירט פֿון ראַטענאַוען, און דאָך האָט ער זיך פֿון די אַלע פֿאַלשקייטן און מיראַזשן באַפֿרייט! וואַרשיינלעך שפּילט דאָ אַ ראָלע נישט בלויז דערציִונג און סביבה, נאָר אויך כאַראַקטער, און דאָס פֿאַרמאָגן נישט אַלע טאַלענטירטע מענטשן. סוף־כּל־סוף איז ראַטענאַו געווען, דער עיקר, אַ מענטש פֿון טאַט, און די דאָזיקע פּערזענלעכקייטן ווילן זיין פּאָפּולער ביי די מאַסן.

## II

פֿאַר יעדן ייד וואָס ווייטיקט און איז טיף פֿאַרוווּנדעט איבער דער אַכזריות־דיקער אויפֿירונג מצד אַ סך פּאָליאַקן לגבי יידן במשך דער צווייטער וועלט־מלחמה וועט אפֿשר זיין אַ שטיקל טרייסט אָפּצופֿרישן אין זכּרון, אַ דאַנק קלעפּפּישן, אַז אויך אין „סדום“ זיינען געווען „צען צדיקים“. איבערגייענדיק צו די חסידי אומות־העולם באַהאַנדלט דער מחבר אַ ריי פּאָליאַקן יידן־פֿריינד וואָס, נישט געקוקט אויפֿן ים פֿון אַנטיסעמיטיזם וואָס האָט פֿאַרפּלייצט פּוילן אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, ספּעציעל צווישן די צוויי וועלט־מלחמות, זיינען פֿאָרט געווען אַ ריי אויסנאַם - פּערזענלעכקייטן וואָס האָבן אויסגעשטרעקט אַ וואַרעמע האַנט זייערע שכנים־יידן. ער פֿרישט אויף פֿאַר אונדז די באַציִונג פֿון פּוילנס גרויסן דיכטער אַדאַם מיצקעוויטש צו יידן. ער דערמאָנט אונדז ווי אין פּאַריז, אין 1845, אין דער צייט ווען פּוילן האָט געשמאַכט אונטערן דעספּאָטיזם, האָט זיך דעמאָלט אין דער פֿראַנצויזישער הויפּט־שטאָט געפֿונען אַ באַדייטנדיקע פּוילישע קאָלאָניע. דעמאָלט וואָכן אויף חרטה־געפֿילן און מען באַטראַכט זיך אַז פּוילן האָט געזינדיקט בנוגע יידן. צווישן די וואָס פֿאָדערן אַז מ׳זאָל רעווידירן די באַציִונג צו יידן איז איינער פֿון די טאָן־געבערס מיצקעוויטש.

דער פּוילישער דיכטער מאַכט אַ שטודיע פֿון דער יידישער געשיכטע, און ער געפֿינט אויס וועגן תשעה־באָב און דעם צערעמאָניאַל וואָס יידן פּראַווען אין דעם טאָג. ער באַשליסט זיך אָנצוקצוזעצן צוזאַמען מיט יידן טרויערן אין אַ שול. אום תשעה־באָב תר״ח (1845) איז מיצקעוויטש צוזאַמען מיט אַן עולם פּאָליאַקן אָנגעקומען אין אַ פּאַריזער סיגאַגאָגע וואָס די קאָנסיסטאָריע האָט באַשטימט. נאָכן אָפּלייענען „איכה“ האָט מיצקעוויטש געבעטן אַ וואָרט און גערעדט וועגן יידישער אייגנאַרטיקייט, וועגן דער טראַגעדיע פֿון גלות, און ער האָט פֿאַרענדיקט: „עס וועלן קומען די אויסגעבענקטע טעג, גאָט וועט אייך אויסלייזן פֿון גלות און פֿירן קיין ירושלים.“

אָבער די אַסימילירטע קאָנסיסטאָריע־יידן קענען נישט פֿאַרטראָגן זיינע רייד און דערקלערט אים אַז דאָס יידישע פּראָבלעם איז שוין געלייזט, ווייל זינט די פֿאַראַנצויזישע יידן האָבן באַקומען גלייכבאַרעכטיקונג זיינען זיי פֿראַנצויזן. ווען מיצקעוויטש כאַפּט זיך צו וואָס פֿאַר אַ יידן ער איז אַריינגעפֿאַלן, זאָגט ער זיי, אַז ער איז פֿון ווילנע, און דאָס וואָס ער האָט היינט געזאָגט איז אין גייסט פֿון פּויליש־ליטווישע יידן.

דער עסייאיסט צייכנט וואַרעם די פּראָפֿילן פֿון די יידן־פֿריינדלעכע שריפֿטשטעלערס: קאָנאָפּניצקאַ, אָזשעשקאָוואַ, נאָרוויד, און אַ ריי אַנדערע ווייניקער באַקאַנטע אויסער פּוילן. מיט אמתער באַגייסטערונג שילדערט ער די ראָלע פֿון דעם באַרימטן דייטשן שריפֿטשטעלער רודאָלף ראָקער, וועלכער האָט זיך אויסגעלערנט יידיש און געוואָרן אַ פֿירער ביי די יידישע אַרבעטער אין ווייטשאַפּל.

פֿאַר אונדז אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן, וואָס האָבן ראָקערן געקענט און געלייענט און געוווּסט וועגן זיין איבערגעגעבנקייט צו דער יידישער אַרבעטערשאַפֿט, וועט זיין אינטערעסאַנט זיך צו דערמאָנען וואָס ד״ר קלעפּפּיש באַטאָנט, אַז אָט דער באַרימטער פּובליציסט און מענטשן־פֿריינד

איז געווען באַגייסטערט פון דער חסידי־שער באַוועגונג. אים איז געעפעלן דער חסידישער רעיון אַז אין יעדער זאַך איז דאָ אַ געטלעכער פונק, און אַז אויך אין פשוטן המון איז דאָ אַ ניצוץ פון הייליג־קייט. ראַקערן האָט אויך אימפּאָנירט דאָס בשותפותדיקע וואָס מען געפינט ביי די חסידים, און וואָס עס הערשט דאָרט אַ נאָענטע חברשאַפט.

## III

ס'איז פאַרשטענדלעך אַז אַ רעליגיע־זער יידישער דענקער, וואָס איז טיף פאַרפלאַנצט אין גייסטיקן יידישן באַדן זאָל אויפנעמען מיט התפעלות די אָפּגע־פרעמדטע יידישע דענקערס און שריפט־שטעלערס וואָס זיינען נאָך אינערלעכע ראַנגלענישן געוואָרן מיטקעמפּערס און באַרייכערערס פון אונדזער קולטור. קלעפּ־פיש צייכנט מיט טיפער סימפּאַטיע דעם לעבנס־וועג פון פראַנץ ראָזענצווייג און לודוויג לואיסאָן. ספּעציעל נאָענט איז מיר געווען זיין עסיי וועגן לעצטן, ווייל זייט דעם אָנהייב פון די צוואַנציקער יאָרן.

ווען איך האָב זיך באַקענט מיט לואיסאָנס אויטאָביאָגראַפיש בוך „אָפּ סטרים" (קעגן שטראָם) ביז איך געוואָרן זיינער אַ פאַרערער און נאָכגעפאָלגט זיין טראַנס־פאָרמאַציע פון אַן אַמעריקאַנער קריטי־קער, אַ סובטילן עסייאיסט און סטיליסט, ביז ער איז געוואָרן אַ פריידיקער פון רעליגיעזער יידישקייט. דער רושם וואָס זיין אויטאָביאָגראַפיש בוך האָט אויף מיר געמאַכט מיט אַזוי פיל יאָרן צוריק איז ביז היינט פאַרבליבן אין זכרון...

אַוודאי ווייסט דער מחבר פון די ליטע־ראַרישע עסייען אַז דער בעל־תשובה ווערט צייטנווייז געשטרויכלט צונויפ־מישנדיק פרעמדע קולטור־עלעמענטן מיט די יסודות פון יידישקייט. דאָס איז אומפאַרמיידלעך פאַר אַלע „צוריקגעקו־מענע"—פון אוריאל אַקאָסטאַ ביז פראַנץ ראָזענצווייג. דערצו איז אויך דער שטיי־גער פון צוריקגעקומענע צו רעדן אין אַ פּויפּסטלעכן טאָן, גלייך ווי אין דער סטאַ־דיע האָבן זיי דעם גאַנצן אַבסאָלוטן אמת. און דאָס איז טאַקע געווען דער פאַל מיט לודוויג לואיסאָן. ער איז דערגאַנגען צו אַזעלכע עקסטרעמקייטן און איינזייטי־קייטן וואָס האָבן אָפּגעשטויסן נישט ווי־ניק סאָפיסטיצירטע אַמעריקאַנער יידישע אינטעלעקטואַלן.

אין קאָנטראַסט צו לואיסאָנען שטעלט דער מחבר אַוועק יעקב וואַסערמאַן, אין וועמען ס'האָבן זיך געראַנגלט יידישקייט און דייטשישקייט און ס'איז אים נישט געלונגען שלום צו מאַכן צווישן זיי, בעת לואיסאָן איז „צוריקגעקומען ביז גאַנצער, שלימותדיקער יידישקייט."

דאָ איז כדאי צו באַטאָנען אַז וואַסער־מאַן האָט אין דער דייטשער, מאַנאָליטי־שער, אַראַגאַנטער קולטור נישט געקענט האַרמאָנירן יידישקייט און דייטשישקייט, ווייל אפילו פולשטענדיקע אויפלייזונג, שמד, האָט נישט גאַראַנטירט יידן אַן איינטריט־בילעט אין דער דייטשער גע־זעלשאַפט — נישט געקוקט אויף אַלע פילפולים פון אַ הערמאַן קאָהען, און די רעפאָרם־ראַבינערס וועגן דער אינטע־לעקטועלער קרובהשאַפט צווישן דער יידישער און דייטשער קולטור. אָבער אין דער פיל־פעלקערדיקער, פלוראַליס־טישער, דעמאָקראַטישער אַמעריקע איז די מערכה פון יידישקייט ווי־אַזוי אַמערי־קאַנישקייט גאָר אַנדערש. לואיסאָן האָט אפילו אין זיין דור — ס'הייסט ביז 1955, ווען ער איז געשטאָרבן — ווען דער אַמע־ריקאַנער יידישער קיבוץ איז נאָך נישט געווען אַזוי איינפלוסרייך ווי היינט — אפילו מיט אַ פערטל יאָרהונדערט צוריק, האָט לואיסאָן נישט געליטן צוליב זיין יידישקייט, נאָר צוליב זיין דייטשישקייט.

לואיסאָן איז בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען אַמעריקע איז אַריין אין קריג קעגן דייטשלאַנד, געווען אַ פּראָפעסאָר פון דייטשער ליטעראַטור אין אַן אַמע־ריקאַנער קאָלעדזש. דעמאָלט האָט זיך אין די פאַראייניקטע שטאַטן אויפגעהויבן אַ סופּער־פּאַטריאָטישע אַנטי־דייטשע באַ־וועגונג וואָס האָט אויך געטראָפן פערזענ־לעכער לואיסאָנען. דערצו האָט לואיסאָן געלעבט אין פיל־מיליאָניקן אַמעריקאַ־נעם יידישן קיבוץ, ווו ס'האָט פולסירט אַ גייסטיק דיפערענצירט פאָלקסטימלעך

יידיש לעבן. אין אַזאַ יידישער געזעל־שאַפט איז געווען אַ סך לייכטער ווי אין דייטשלאַנד צו ווערן אַ גאַנצער, אויטענ־טישער ייד. אין זיינע דרייסיק ביכער עסייען, דערציילונגען, ראָמאַנען, קריטי־שע שטודיעס, האָט לואיסאָן באַוויזן צו זיין שעפעריש אין ביידע קולטורן — אין דער יידישער און אַמעריקאַנער.

אינטים אין דער דייטשער, פראַנצויזי־שער און ענגלישער ליטעראַטור, לערנט ער זיך אין רייפן עלטער העברעיש און יידיש, יידישע געשיכטע און ליטעראַטור. ער טרעט אויף ביי אַ „צוקונפט"־סימפּאָ־זיום, און ער שרייבט באַגייסטערטע אַר־טיקלען וועגן דער יידישער פּאָעזיע, און ווידמעט זיין טאַלאַנט דעם יידישן פאָלק.

ווי יעדער בעל־תשובה, וואָס האָט אַ סך יאָרן געלעבט אין „דער פרעמד", זעט ער אונדז, ווען ער קומט „אַהיים" מיט די אויגן פון אַ גר, מיט פאַרגוואישטע אויגן. דאָך ווי אַ סובטילער קינסטלער מיט אַ גרויסן באַגאַזש וויסן, האָט ער באַנומען די גרויסקייט און אייביקייט פון דער פיר־טויזנט־יעריקער יידישער ציוויליזאַציע. ער האָט געבויט אַ בריק צווישן וועסט־ערנייזירטע יידן און דער יידישער וועלט. און אויב דער איצטיקער דור יידישע אינטעלעקטואַלן אין אַמעריקע שליסט איין אַ פּאָטענציעל פון גאַנצע, פּאָזיטיווע יידן האָט אין דעם אַ חלק לודוויג לואי־סאָן.

צווישן די אַלע בעלי־תשובה וואָס קלעפּפיש באַהאַנדלט אין דעם ספר פאַר־נעמט ביי אים ד"ר נתן בירנבוים דעם אַנגעזעענסטן אָרט אויף דער מזרח־וואַנט; און דאָס איז באַרעכטיקט; ווייל קיינער פון די „צוריקגעקומענע" האָט זיך נישט אַזוי באַהאַפטן און געוואָרן אַן אינטעגראַל'ער טייל פון דער מזרח־אייראָ־פּעישער פרומער יידישקייט ווי נתן בירנבוים. אין אים, ס'הייסט אין זיין לעצטן עטאַפּ, זעט דער עסייאיסט דעם „טיפּסטן מאַנער און שטורמישסטן אויפ־פאָדערער צו גאַנצער, איינהייטלעכער, אין יעדן טריט און שריט קענטיקער יידישקייט". קלעפּפיש פאַרענדיקט זיין „אָדע" מיט אַן אויפפאָדערונג צום יידישן עולם ער זאָל לייענען און פאַרשפּרייטן בירנבוימס ווערק.

איך לייגט אַוועק ד"ר קלעפּפיש'ס בוך מיט אַ געפיל פון צופרידנקייט וואָס אַ תלמיד חכם, אַ מאמין, איז אויך אַ בן־בית אין דער אייראָפּעיש־אַמעריקאַנער ליטע־ראַטור און פילאָסאָפיע, אַ שריפטשטע־לער וואָס איז נישט מבטל די גוייִשע קולטור, אָבער ער פאַרזעט אויך נישט די איבערפלעכלעכקייט און לייכטזיניקייט פון אַ סך פון אירע פראָמינענצן — אַ בערנאַרד שאָו, טעאָדאָר דרייזער, ד'אַ־נונציאָ און אַנדערע. דאָס ספר לעבט אויף פאַר אונדז די תקופה צווישן די צוויי וועלט־מלחמות, אירע אידעישע שטריטן, פּראָבלעמען און ראַנגלענישן דיסטילירט דורכן מוח און האַרץ פון אַ סענסיטיוון רעליגיעזן יידישן געלערנטן. ער איז איבערצייגט אַז נאָר דער יידישער וועלט־באַנעם און די יידישע וויזיע איז בכוח צו היילן אַלע חולאתן פון דער מענטש־הייט. איז אויב איר קענט נישט מיט־גיין מיט אים דעם גאַנצן וועג, טוט אייך הנאה וואָס מיר האָבן צווישן אונדז אויך היינט דענקערס וואָס זיינען אַריין אין „פּרדס" פון דער וועלט־קולטור, און זיי־נען געבליבן פעלדזן־פעסט אין זייער יידישער השקפה און איבערצייגונגען.

וועגן אַלע רעדאַקציע ענינים פון „חשבון"
זיך ווענדן צו:
**SOL SCHLOSSER**
1108 South Clark Drive Los Angeles, Calif. 90035

לייב וואַסערמאַן / ניו־יאָרק

# לידער

## 1. איך פאַררוף זיך...

איך פאַררוף זיך
אויף אַן אות,
און ס׳ווערט דערפון
אַן אויפשטראַל.
חותמס,
וואָס זיינען פון דעם אות,
לויפן באַלד אָן.
מסתמא
בין איך אויך
פון דעם אות.

## 2. מאַנכעס מאָל...

מאַנכעס מאָל
שטראַל איך אויס שטילקייטן
אפילו פונעם טויט.
און אַז איך שטראַל זיי אויס,
גיי איך אַרום אַן אויסגעמישטער
מיט אַלע שטראַלן.
מיט אַזוינע,
וואָס זיינען דאָ אפילו
אין שלאָף,
און מיט אַזוינע,
וואָס מען שטייט
פאַראָבלט.

## 3. עפעס ווערט...

עפעס ווערט
אַלע מאָל
פאַראייביקט ביי מיין טיש.
אַ געשווינדקייט
גייט דורך,
און כ׳ווער נעענטער
צו זיך.
אין האַרץ,
ווערט אויסגעוועבט
אַ געפאַרלאָזיקייט.
אַ שפע,
וואָס באַשיצט מיך.

## 4. דאָס שטיבל...

דאָס שטיבל
און די שעה,
דאַרף איך אַלע מאָל
האַלטן אָפּגעזונדערט.
איך דאַרף האָבן
אַ באַזונדער זייגער
פאַר די טרוימען.
אַ באַזונדער זידלונג,
צו אָפּזונדערן
דאָס ליים
און דאָס גראָז.

## 5. כ׳וועל גיין...

כ׳וועל גיין
ביז צו מיינע אייגענע
פיר ווענט אין די וועלטן.
יענע ווענט,
זיינען באַר
פון שטילשטאָף.
פון אַ שטענדיקן
ברענענדיקן מאמר
אין דער רו.

## 6. פאַרטרוישאַפט...

די פאַרטרוישאַפט
שפּראָצט אין מיין שטוב
באַבלעטערט.
אָבער ס׳פעלן
מיר נאָך ווערטער

ד״ר יעקב י. מייטליס / לאָנדאָן

# געדאַנקען וועגן דער פאָלקישער יצירה

## א. תפילה

אין דעם ברייטן שטראָם פון דער פאָלקישער יצירה פליִצט אויך הרווחהדיק און חיותדיק די שיינע יידישע תפילה אין אַלע היסטאָרישע אַספעקטן און פילמיניקע ניואַנסן. קער זי זיך גאָר קרובישנאָענט אָן מיט דער וויַיט־אַרומנעמיקער און הויכוועַרטיקער פאָלקסשאַפונג. דער רייכער אוצר פון געהויבענע תפילות, ווי זיי זענען אין משך פון דורות געשאַפן געוואָרן, געזאַמלט און איבערגעענטפערט צו אונדז מיט זייער פלאַמיקער אמונה און קוואַליקייט, אָנגעלאָדן מיט געשפאַנטקייט און טיפער עמאָציע, און אַן אייגנדיקן, פשטותדיקן נוסח. שפּילן די דאָזיקע תפילות נאָך עד היום אַ באַטייטיקע און דאָמינירנדיקע ראָלע אין דעם רעליגיעזן לעבן פון יידישן פאָלק. איז שוין כלל נישט קיין חידוש, אַז די אקומולירטע, תמציתדיקע תפילות פאַרנעמען אַ ביז גאָר אָנזעעוודיקן אָרט אין דער ליטורגישער פאָרשונג סיי ביי יידן און סיי ביי די אומות־העולם. מען לערנט און מען שטודירט זיי מיט גרויס פלייס און וויסנשאַפטלעכער באַהאַוונטקייט, זייער אויפקום און אַנטוויקלונג, אויספורעמונג און קריסטאַליזאַציע, אָנגעהויבן פון דעם בראשיתדיקן באַגינען איבער די שפּעטערדיקע דורות ביז אין אונדזערע טעג.

אין פלוג, זענען די איינגעשטעלטע און כוללדיקע געבעטן נישט בלויז פון אַ נוציק באַוואָרנטן און פונקציאָנעלן כאַראַקטער, נייערט, און דאָס איז דער גרויסער עיקר, פון אַ הויכן מאָראַליש־רעליגיעזן און נאַציאָנאַלן ווערט, אַ גייסטיקער פאַקטאָר וואָס לאָזט אונדז עפּעס הערן.

אין דער תפילה גיסט דער מענטש אויס זיין פאַרצערט און פאַרקלעמט האַרץ און אַ מאָל קלינגט עס אָפּ מיט אַ האָפערדיקן ניגון פון בטחון און פרייד צו דעם בורא־עולם, אין וועמען סיי דער פשוטער און סיי דער עליטאַרער בשר־ודם זוכט אַ חיזוק און זיך מיט אים מייחד זיין.

אַוודאי איז דער פרימאַט פון תפילה די אומאָפּפרעגלעכע, אמתע אמונה, וואָס אָן איר קען גאָר נישט אויסקומען דאָס צעבראָכענע און צעשטויסענע האַרץ פון אַ מענטש. דער ראַציאָנאַליזם אַליין מיט זיין מיושבדיקן אויפקלער איז נישט בכוח צו פאַרענטפערן אַלע פאַרפלאָנטערטע פראָבלעמען אין לעבן מיט די סתירות און געשפּאַנטקייט וואָס זיי רופן אַרויס. דער באַקלער קען זיין לאָגיש און שכל־הישרדיק, אָבער פאַר דעם צעשטורעמטן, סענסיטיוון געמיט בלייבט ער נישט־פאַרנעמיק, הויל און אויסגעליידיקט, נישט דעטערמינירט, אַ גאָלע אַבסטראַקציע, אָן אַ פּאָזיטיווער, ממשותדיקער ווערטיקייט.

בעצם קוקט אַרויס דאָס לעכצנדיקע, פאַראומערטע נפש פון מענטש אין זיין נויט אָדער פרייד אויף צו ווערן דערהערט, האָבן אַ ישועה און אַ גייסטיקע הרווחה. דאָס קען דער מענטש, סיי ביחידות און סיי בציבור, נאָר געפינען אין זיין שטיל־צעוואָרעמטן תפילה־געזאַנג צו דעם כל־יכולדיקן באַשעפער, וואָס פירט די וועלט מיט דין און רחמנות,

צום היכל
ניגונים
פאַר נאָך נסים.

## 7. ווען מען שטאַרבט...

ווען מען שטאַרבט,
קומט צוריק
די פולע קינדהייט ——
נאָר אַ געשטאָרבענע.
אַלץ,
וואָס ס'איז פאַרגאַנגען,
קומט צוריק.
ס'מוז אַלץ
מיט דער עלטער
ריכטיק שטאַרבן.

און צו וועמען ער האָט אַן אַבסאָלוט פֿאַר־
טרויען, אַ נישט בלייבט דער בשר־ודם
אַן אַנאָנימע, אומפּערזאָניקע געשטאַלט, אַ
פֿאַרלוירענער אין זיך.

בשייכות דערמיט איז אינטערעסאַנט
דער קריטישער אויספֿיר פֿון דעם באַ־
הויכטן פֿראַנצויזיש־יידישן דענקער אַל־
בער קאמי, ווי ווייט איך דערמאָן זיך,
וועגן דעם תמציתדיקן ענין פֿון אמונה.
אָן אַ רעכטער, איינגעטיפֿטער אמונה מיט
אירע פֿענאָמענאַלע, גייסטיקע ווערטי־
קייטן און עטיש־אַבסאָלוטע פּרעדיקאַטן
און דערהויבענע פֿאָדערונגען צו דעם
מענטש ווי אַזוינעם, איז דער עצם ווירק־
לעכקייט אַן אויסגעליידיקטע, אָן אַ
ממשותדיקער עקזיסטענץ. עס איז אַן
אַבסטראַקטע, עולם־הדימיונדיקע ווירק־
לעכקייט, אָן אַ תוכן און אַ נשמה, אַ מין
מיטישער שפּיל פֿון געטער און מענטשן,
וואָס שטייט ברייט אָפֿן און פֿריי פֿאַר אָן
אַ שיעור סאָציאַלע עוולות און רציחות,
פֿאַרדאַרב און מעשים תעתועים, וואָס
פֿירן קאַוזאַל צו אַ שווערן קריזיס און
כאַאָס מיט אַ צעמישעניש פֿון זעלבסט־
מאָרדן פֿון פֿאַרפֿירטע און צעבראָכענע
מענטשן. דער פּשוטער מאמין גלויבט
אין אַ בנימצאדיקער, אינפֿיניטיווער רע־
אַליטעט אין דער וועלט מיט איר באַ־
וואָרנטן אמת און צדק, און געפֿינט אין
דעם, ווי עס זאָל נישט זיין, אַ שטיץ און
אַן אָנהאַלט אין לעבן.

אגב, רעדט אויך דער גרויסער פֿילאָ־
סאָף העגעל פֿון דער כסדרדיקער, דואַ־
ליסטישער געשפּאַנטקייט צווישן דער
וויטגרייכיקער, פֿאַרהוילענער געטלעכ־
קייט, אַ „געפֿאַנגענע“ אונטער דער
ווירקלעכקייט, און אַן אייגענעם, גאַנץ
געטלעכן לעבן פֿון מענטש מיט זיין אינ־
טעלעקטועלער תּפֿיסה און פֿאַרלאַנג זיך
מייחד זיין מיט דער אין־סופֿיקער געט־
לעכקייט. קומט אַפּנים אויס, אַז אין יעדן
איינעם פֿון אונדז איז פֿאַראַן אַ ווירקעוו־
דיקע געטלעך־מענטשלעכע נקודה וואָס
שמאַלט וויטאַל, און דערקוויקט מחיה־
דיק דאָס אָפּט־פֿאַראומערטע טעגלעכע
לעבן. אין דעם זינען לאָזט אונדז אויך
דער פּסיכאָלאָגיש־איינגעטיפֿטער קאַפֿקאַ,
דער גרויסער בעל־נפש, הערן אין זיין
„דער דאָרפֿישער דאָקטאָר“, אַז מען קען
נישט ברענגען קיין רפֿואה און הילף צו
מענטשן אין אַ תקופֿה וואָס האָט פֿאַר־
לוירן יעדן ווערטיקן גלויבן.

עס פֿאַרשטייט זיך, אַז פֿאַר אַ נאמנות־
דיקן מאמין איז פֿאָרט לייכטער איבער־
צוקומען זיינע נסיונות און אָנשיקענישן,
שטרויכלונגען און נויט, מחמת זיין תּפֿילה
איז נישט אַבסטראַקט. ער ווייסט באַ־
שיימפּערלעך, אַז עס איז פֿאַראַן אַן איבער־
מאַכטיקער כוח אין דעם וועלט־געשפּרייט
וואָס איז תמיד וואַכיק און פֿירט אַן אי־
בערצייטיקן חשבון מיט דער בריאה. עס
איז פֿאַראַן אַן אָפֿן אויער פֿאַר דעם צע־
שטויסענעם האַרץ פֿון דעם מענטש, וואָס
דערהערט אים אין אַן עת־צרה, און שיקט
אים צו די פֿאַרהאַפֿטע ישועה מיט איר
אַנטרינונג אַביסל מזל־ברכה אין זיין חיות.

אַזוי בעט האַרציק־רחמימדיק אַ ייד
מיט אַ פֿאַרקלעמט האַרץ צו דעם בורא־
עולם, און אַן אַנדערש מאָל בשעת ער
איז געווען גוט אויפֿגעלייגט, צעזינגט זיך
זיין פֿריידיק געמיט מיט אַ הלל־שירה צו
גאָט פֿאַר זיין לייטזעליקייט און חסד וואָס
ער האָט אים און זיין פֿאָלק באַוויזן. אַזוי
איז דאָס שוין צוגעגאַנגען ביי די אַמאָ־
ליקע פּרימיטיווע פֿעלקער און נישט אַנ־
דערש ביי די הויך־קולטווירטע, קדמונ־
דיקע פֿעלקער אין דער וועלט, וואָס האָבן
געדינט אין זייער קולטישן צערעמאָניאַל
צו די מיטיש־אימאַזשינערע אָפּגעטער,
פּערזאָניפֿיצירטע אָפּבילדונגען אין דעם
פּאָליטעיסטישן געטער־פּאַנטעאָן. אין אַ
געוויסן פּרט איז דאָס אויך חל געווען
אויף יידן אין דעם וויטן אַמאָל. אָבער
אין תוך גענומען האָט ביי יידן מיט זייער
אימאַנענטער, געלייטערטער אמונה, דער
קאָלעקטיוו־רעליגיעזער גאָטדינסט גע־
טראָגן אַ סובלימירטן און אידעישן כאַ־
ראַקטער. אפֿילו דער אַקט פֿון קרבנות
אין די אַלטע הייליקטימער און שפּעטער
אין צענטראַליזירטן בית־מקדש אין ירו־
שלים זענען שוין געווען פֿון אַן אַנדערן
מין, אייגנדיק און סימבאָליש־יידיש, און
באַגלייט פֿון אַ קורצער. דערהויבענער
תּפֿילה צו דעם איינציקן און אַבסאָלוטן
גאָט אין הימל. מען האָט געבעטן פֿאַר
אַ רחמימדיקן דערהער און אַ שפֿע פֿון

אַלדאָס גוטס און שלום פאַרן כלל פאָלק.

לאָמיר דאָ נאָך מוסיף זיין, אַז שוין פון קדמונים זענען ביי יידן געווען צום ערשט קורצע, אַדעקוואַטע תפילות און דערצו ליבטיקע, עמאָציאָנעלע מיזמורים, וואָס האָבן תחילתדיק געהייסן סתם „ברכות". ערשט שפּעטערדיקע דורות האָבן די תפילות כסדר פאַרמערט, איינגעטיפט און תוכיק פאַרגאַנצט, געשליפן און אָפּ־געהיט געפורעמט, אַז זיי זאָלן האַרציק־אינטים רעדן צו יעדן ייד. די תפילה איז אויף אַזאַ אופן אויסן געווען נישט בלויז צו העלפן דעם יחיד און כלל אין די טעג־לעכע באַדערפענישן, נייערט ביי גלייך צו שטאַרקן און פעסטיקן דעם בטחון און ביישטאַנד אין לעבן, מיט אַן אויסקוק אויף אַ נאַציאָנאַלער אויפריכטעניש און אַ באַלדיקער גאולה פון פאָלק ישראל אין זיין בויט און שפלות אין דער אַרומי־קער וועלט.

אויף אַזאַ אופן האָט זיך אין מהלך פון דורות דער אָנגענומענער סדר פון די תפילות נישט בלויז פאַרמערט און פאַר־נעמיק צעשפּאַרט מיט כל המינים באַ־דאַכטע פסוקים, אַ גרויסע צאָל מיזמורים, אַ גרויסע צאָל מיזמורים פון תהילים און געהויבענע פיזמונים, נייערט מיט וויי־טערדיקע הוספות פון ריטמיש־אימפּאַ־זאַנטע, אָפט דידאַקטישע פיוטים און יוצ־רות, וואָס זענען געווען אידעיש און אייגנדיק צוגעפּאַסט צו דער תפילה פון טאָג. אַ שפּאַר ביסל צוגאָבן פון מיסטי־שע תפילות מיט זייער סוד און רמז זענען נאָך שפּעטער צוגעקומען פון די אינטור־איטיוו־צעשטראַלטע און לעכצנדיקע מקו־בלים, מיט זייערע מעטאַפיזישע השגות און פאַרהוילענע טייטשן פון יעדן אות און פאַרטונקלטע טעקסטן, וואָס פאַרלאַנ־גען אַ באַזונדערן איינשטעל און כוונה, כדי זיך קאָנטעמפּלאַטיוו מיחר צו זיין מיטן הייליקן נאָמען פון קודשא בריך הוא און די שכינה. מען איז דערמיט אויסן געווען מיט מעדאַטיווע פעולות וואָס זאָלן האָבן אַ השפעה אין די אייבערשטע וועלטן, און געפונען אַ ברייטן אָפּקלאַנג אין די ספערן פון די מיסטיש־צעפלאַמטע נאָכגייערס. אין דעם טראָט איז אויך נאָכגעגאַנגען דאָס פאָלקיש ־ צעוועקטע

חסידות, וואָס האָט מיט זיין גרויס דבקות און התלהבות געקוויקט דאָס פאַראומער־טע האַרץ פון ייד און אים דערהויבן אין זיין צעשיינטער תפילה.

האָט, על כן, די אימפּולסיוו־האַרמאָני־זירטע תפילה מיט איר טעמאַטישער אייגנ־קייט, מהות און נוסח פאַרנומען אַ וואַ־גיקן, וויל מען, אפילו אַ מכריעדיקן פּלאַץ אין דער ברייט־פאַרצווייגטער פאָלקס־שאַפונג פון אַמאָל. לכן, לאָמיר ביי דער געלעגנהייט אויך דערמאָנען ווי אַ שיי־נעוודיקע דוגמא די ליבלעך־האַרציקע תחינות אין עברי־טייטש, מיט זייער ברויזיק ־ פאָלקישן און באַרעדעוודיק־פאַרניגונטן טראַפּ, וואָס גאָטספאַרכטיקע יידישע מאַמעס האָבן תחנונימדיק און מיט גרויס לעכצעניש אויסגעגאָסן דאָס פאַרקלעמטע האַרץ פאַרן וועלט־באַשאַ־פער אין דער ווייבער־שול אין איינקלאַנג מיט דעם צעקרעכצטן מענה־לשון קול פון די שול־זאָגערקעס. עס איז געווען אַן אויפגעטרייסלטער, ממעקימדיקער אויסגעשריי פון אַ געטרייער־יידישלע־כער טאָכטער צו איר פאָטער און בעל־רחמים אין הימל, בעת זי האָט מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ געבעטן אַז איר תפילה זאָל ווערן אָנגענומען, און ער, וואָס זי איז נישט ווערט צו דערמאָנען זיין היי־ליקן נאָמען, זאָל זי דערהערן און שיקן אַ באַלדיקע נחמה און ישועה פאַר זיין פאַרשפּלטן און געפייניקטן פאָלק ישראל.

באַגלייך אָבער מיט די איינגעשטעלטע, תוכיק־אימפּרעסיווע און באַטעמטע תפי־לות און אַ ריינער, דערהויבענער אמונה אינעם אל אחד, האָט פאַרט נישט גע־פעלט, ווי מיר ווייסן, סיי ביי יידן און סיי ביי אַנדערע פעלקער, אַ שפּאַר ביסל אַטאַוויסטישע, אויסגעטראַגענע און פאַר־יירשנטע פאָלק־גלייבענישן מיט אַ שלל פון מיסטיש ־ פאַרפלאָנטערטע, באַגומענע אמונות, וואָס זענען על־פּי־רוב אַריינ־געדרונגען פון דעם פרעמדן אַרום אין יידישלעכן לעבן.

וועגן דעם מין אויסטערלישע גליי־בעכצן און משונהדיקע הוריות ווייסט אונדז די פאָלקלאָר־פאָרשונג אַ סך צו דערציילן. עס איז אַ פאָלקישער שירים אין אַלע זיינע פאַרשפּרייטע וואַריאַנטן,

מאָטיוון און ניואַנסן פון מיסטעריעזע און פאַנטאַסטישע גלייבענישן וואָס האָבן געלעבט אין דער תמיד־צעשראָקענער פסיכיק פון מענטש. אַזוי איז דאָס אויך צוגעגאַנגען ביי יידן. דער פשטותדיק־תמימותדיקער בשר־ודם איז נישט געווען בכוח זיך פאַרדבקותדיק צו דערהייבן אין זיין טעגלעכער תפילה צו אַ מדריגה פון אַן איינגעטיפטער התבוננות און אַ סענסיטיוון חשבון־הנפש, האָט ער זיך דערפאַר צוביסלעך גענערט מיט דימיונדיקע השגות, איינרעדענישן און אימאַזשן.

אויף אַזאַ אופן איז געגאַנגען האַנט־אין־האַנט כשרע און ערלעכע אמונה מיט אַ צולאָג פון טיפלות און אַבסורדן. מען האָט געגלייבט אין פאַרהוילענע כוחות און שלעכטס און גוטס, טומאה און קדושה, אַ הערראַכיע פון גוטע, ליכטיקע מלאכים און אַנטקעגן זיי דער בעל־דבר, דער שטן גופא, און אַ פאַנטאַזמאַגאָריע פון מזיקים און שדים, בייזע כוחות און נישט־גוטע, וואָס לאָקערן אויף יעדן טריט און שריט פון מענטש און ווילן אים שעדיקן. כדי גובר צו זיין די אַלע משחיתים און זייערע מסוכנדיקע פלאָגענישן האָט מען זיך באַוואָרנט מיט אַן אויסגעפרוּווטער סגולה אָדער אַ קמיע מיט אָפּשפּרעכענישן און השבעות, וואָס האָבן געזאָלט האָבן אַ פעולה אָפּצוטאָן אַלדאָס בייז פון לעבן.

אָבער נישט געקוקט אויף אָט די זייטיקע, טריוויאַלע פאָלק־אמונות און באַוואָרנטע סגולות און פלאַדיקע מופתים, שטייט די אמתע און פנימיותדיקע תפילה אויף אַ גאַנצער אַנדערער ספּיריטועלער הייך. אַ מאָל קען זי זיין וואָכעדיק, אפילו וואָלוול ווי אַ פּראָסטער אַשרי יושבי ביתך, אָבער אויך מיט אַ צעעפלאַמטער יום־טובדיקייט, אָנגעגליט מיט אַן אימפּולסיוון ברען און האָפּערדיקער התלהבות פון אַ קדושה־ברכו צו זיין ליבן נאָמען.

אָבער נישט געקוקט אַ מאָל אויף די באַדאַכטע און פאַרהוילענע השגות און קונציק אויסגעמוחטע כוונות מיט אַ צולאָג פון סוגעסטיווע גלייבענישן און אַפּאָקאַליפּטישע אמונות, קען מען אויך געפינען אויפן ראַנד פון די לעגיטימע און טראַדיציאָנעלע תפילות אַ פריקרע שטער אין די לאַנגדויערעוודיקע, צעצויגענע, אָפּט מאָנאָטאָנע איבערחזרונגען תחנון־זאָגעכצן, וואָס גייען מיטן אויסגעטראָטענעם וועג און שליאַך, ווערן אַ פּשוטע רגילות, אַ גאָלע רוטין. סיי ווי סיי זענען אַזוינע אויסגעסדערטע און אַריינגענומענע תפילה־טעקסטן אָפּט פון ברייטן עולם געוואָרן איבערגעהיפּערט און אין געאייל אויסגעלאָזט ביים דאַווענען. פון דעסטוועגן טאָר מען נישט בלויז זוכן אויסנעמיקע חסרונות אין דער קאָמפּאָזיציע פון תפילה־צערעמאָניאַל, וואָס האָט אויפצעווייזן אַ דורות־לאַנגע אַנטוויקלונג, זיך אויסגעברייטערט, פאַרמערט און פאַרגאַנצט ביז ער האָט באַקומען זיין היינטיקן סדר און סיסטעם. מען מוז האָבן אַן אויג און נישט פאַרגעסן, אַז דער רוב תפילות מיט זייער פנימיות און קוואַליקייט, תמצית און עצמדיקייט, תוכיקייט און באַנעם, זענען געוואָרן אַ האַפּטיקע און בלייביקע רעליגיעזע רעאַליטעט אין יידישן לעבן, מיט אַן אַפּאָקליפּטישן גאולה־אויסקוק. אין דער אמתן האָבן מיר דאָ צו טאָן מיט אַ ביז גאָר דיסציפּלינירטן דרך אין דער יידישער אמונה, וואָס האָט באַקומען איר אַדעקוואַטן, אויטאָראַטיוון אויסדרוק אין דעם קאָמפּליצירטן און איינגעזאַמלטן סדר פון תפילות פון אַ גאַנץ יאָר.

און לאָמיר נאָך אַ מאָל באַטאָנען, אַז מיר האָבן דאָ נישט צו טאָן, נישט געקוקט אויף געוויסע מערקלעכע חסרונות, מיט אַן אינסטיטוציאָנעל־איינגעשטעלטן און קאָנווענציאָנעלן תפילה־פּיזמון, נייערט אַ דאַווענען בציבור וואָס קוואַליקט מיט גרויס געשפּאַנטקייט און בטחון, געראַנגל פון נסיונות און פּלאָגענישן, ספקות און סתירות, קדושה און דערהויבנקייט, אין וואָס אָפּגעהיטע יידן האָבן בדחילו ורחימאדיק מדקדק געווען. ספּאָנטאַן און מיט התרוממות האָט זיך דאָס בטוחותדיקע און האָפּערדיק קול פון די מתפללים צעקלונגען, ברייט און הילכיק אין מקום־קדוש. פון לויטער גלוסטעניש און לעכצעניש צום בורא־עולם האָט זיך דאָס האַרץ פון ייד צעוואַרעמט און צעשטראַלט אין זיין ליבלעכער תפילה, און דערפילט אַן אמתדיקן עונג רוחני פון דעם ליכטיקן און טייערן יום־טוב צו וואָס ער האָט דערלעבט.

נישט אַנדערש, אָבער מיט מער ברען

און פאַרכאַפּטן נשמה־יתירהדיקן געפיל איז דאָס צוגעגאַנגען אין דער פּנימיות־דיק־צעפלאַמטער עדה פון חסידים. עס איז געווען אַ תפילה פון גרויס התעוררות און דבקות, אַ טיפע אַריינגעטאָנקייט מיט אַלע חושים, מוח און האַרץ אין יעדן פּסוק און וואָרט פון שירהדיקן דאַווענען, באַגלייט פון אַ צעהילכטן געזאַנג און צע־פייערטע תנועות, כדי צו דערגיין צום סאַמע שורש און תמציתדיקער נקודה אין דער געלייטערטער אמונה. עס איז געווען אַ בחינה פון הוילער רוחניות, אַ שטורעמדיקע מאַניפעסטאַציע פון הת־להבות און אַ גריילעכער פּאַטענץ פון נשמה און אַן עקזאַלטירטער מחשבה גע־לעכצט מיט גרויס בענקשאַפט צו אַ הת־קרבות און ייחוד מיט השם־יתברך אין זיין הייליקער אין־סופיקייט וואָס לעבט אומעטום אין דער בריאה און גבורהדיק־שאַפעריש אין דער גאַנצער וועלט.

עס זענען געווען דערהויבענע מדריגות צו וואָס נאָר באַהויכטע יחידים אין זייער דורותדיקן טראַט האָבן געקענט גרייכן אין זייער צעפלאַמטער התבוננות און אַ צעליכטיקטער שירה. לויט אין דער עדה יעדן איז דער יחידישער מענטש נישט געווען אַליין. לויט דער חסידישער תורה איז דער בורא־עולם מיט זיין גרויסן חסד און רחמים צוזאַמען מיט יעדן איינעם, פון קליין ביז גרויס. עס איז נישט געווען קיין חילוק צווישן רייך און אָרעם, דעם מופלאדיקן למדן און דעם פּשוטן ייד. אין דער התעוררות פון זיין אימפּעטיק־עמאָציאָנעלן תפילה־דיאַלאָג האָט יעדער איינער קוממיותדיק־צוואָרעמט געבעטן אויף זיין אופן, אין זיין פאָלקיש־באַטעמ־טער אייגנקייט, נוסח און ניגון ביי דעם באַשאַפער אַ שעת רצון און רחמים. עס איז געווען אַ חדווהדיק־איינגעטיפטע תפילה־געזאַנג וואָס האָט זיך אַרויסגע־ריסן, בפרט אין די צעשיינטע ימים־טובים, פון די אָנגעוויטאָגטע הערצער פון אַ קהל יידן און כוח־גבאַרדיק גע־שפּאַרט ביז צו די עולמות העליונים, און געמאַכט אַ רושם וואָס האַלט נאָך היינט אָן.

* * * * *

לעבט נאָך היינט אין זכרון, איינגעטיפט אין אַ צעווישטן געמיט, דאָס באַטעמטע אַמאָליקע דאַווענען בציבור, בפרט אין די פּאַרכטיקע טעג פון אַ ראש־השנה אָדער אַ יום־כיפור. בחדרי־חדרימדיק קלינגען נאָך היינט אָפּ באַוועגלעכע און תוכיקע תפילות וואָס אַ קהל יידן האָט געזאָגט מיט גרויס התעוררות און אַ שווער האַרץ, באַגלייט פון אַ כלות־הנפש־דיקער און צעבּיסלעך מיסטיש־באַהויכטער נגינה מיט אירע טראַדיציאָנעלע און האַרציק־האָפערדיקע מעלאָדישע מאָטיוון. אָפּגעדרוקט אין אַ זייט ביי דעם אַריינגאַנג אין דער אַלטער, הילצערנער שיל פון שטעטל, צווישן דעם פּראָסטן עולם, שטייט אַ קליין איינגעדאַרט יידל מיט אַ צעשויבערט גרוי בערדל, איינגעהילט איבערן קאָפּ אין זיין טלית, און זאָגט נאָך די שווער־עברידיקע תפילות פּאַוואָליע און מיט גרויס כוונה. עס איז געווען ר' ירחמיאל, ווי מען האָט אים גערופן אין שטעטל; אַ פּשוטער, שטילער און אָפּ־געהיטענער ייד, אַ שלאָפער, הויט און ביינער, מיט פאַררויטלטע, טריפנדיק־פאַרטרערטע אויגן. געווען איז ער אַ שטיק לאַטוטניק, אַ באַהאַלטענער אין זיך, און קיינער האָט נישט געוווּסט פון וואָס ער לעבט. דער ד ל ו ת האָט אַראָפּגעשיינט פון זיין צעקנייטשט, ביי־נערדיק פּנים, אָבער מיט אַ האַרץ ווי גאָלד, קיינמאָל נישט אויסגערעדט קיין שלעכט וואָרט איבער אַ מענטש. אַדרבא, געזוכט אויף יעדן איינעם אַ זכות, און דערצו נאָך זיך געטיילט מיט זיין אָרעם שטיקל ברויט מיט אַ נויטבאַדערפטיקן ייד. עס פלעגט זיך אפילו טרעפן, אַז פון זיין מילד און וואַרעם האַרץ האָט מען אַ מאָל דערהערט אַ שטילן, פאַרזאָרגטן זיפץ. אָבער גאָר גיך האָט זיך אין זיינע מאַטע און טריבע אויגן באַוויזן אַ לייכט פייערל וואָס האָט געשפּאַרט מיט גרויס בטחון און אויפמונטערונג. מיט אַ דער־הויבענעם בליק צו דעם אין הימל האָבן זיינע מאָגערע, בלאַסע ליפּצן געשפּ־טשעט מיט אַ התלהבותדיקער הרגשה און תמימותדיקער אמונה: „געלויבט ביזטו, אַ גאָטעניו, אונדזער גאָט, פאַר דיין חסד און רחמים וואָס דו באַווייזט דער בריאה און דיין פאָלק ישראל, די אמתע בני אברהם, יצחק און יעקב, וואָס זענען

אין פינצטערן און ביטערן גלות ביי די אומות־העולם!״

זע איך נאָך היינט פאַר מיינע אויגן דאָס קליינע, פשוטע יידל, אַ שטאַרקער בעל־בטחון און אַ בעל־אמונה, ווי ער גייט און שטייט מיט אַ צעליכטיקטן, שע־מעוודיקן שמייכל אויף זיין מאָגער, פאַר־דאַרט פנים, און גיט אָפּ אַ שבח דעם בורא־עולם פאַר אַלץ וואָס ער האָט פאַר אים ביז איצט געטאָן. היינט ערשט אין דער צעברויזטער עדה יידן מיט זייערע צעהילכטע תפילה־קולות און צאַפּלדיקע תנועות אין דעם פאַרכטיקן טאָג פון משפט און דין, שטייט ר׳ ירחמיאל, דער פשוטער אַריינגעטאָנער ייד, איינגעהילט אין זיין אַלטן, איבערגעניצעוועטן טלית און מחזור אין האַנט, אַן איינגעבויגענער מיט זיין גוף אין אַ ווינקל פון דער אָנ־געפּאַקטער שיל, און זאָגט נאָך וואָרט־ביי־וואָרט די נוסחדיקע תפילות פון חזן און קהל.

די לאַנגע עברידיקע סליחות און פּיז־מונים רעדן עפּעס נישט צו זיין צע־שטורעמט האַרץ. זיי קלינגען הויל, מע־כאַניש, און אָן נשמה. צווישן דעם היציק־פאַרתפילהטן עולם פילט זיך ר׳ ירחמיאל ווי אַן איבעריקער, אַ גאַסט אויף אַ פרעמדער שמחה. אים, דעם פּראָסטן, אָרעמען ייד מאַטערן אַ שפּאָר ביסל איי־גענע, בידנע מחשבות מיט אַ פאַרדאגהטן דין־וחשבון אין זיך און אַרום זיך. זיין צעהיצט און צעבראָכן נפש איז פול מיט נאַגנדיקע שאלות און היפּוכדיקע קשיות אויף וואָס ער אַליין איז נישט בכוח צו געפינען אַן ענטפער. ער ווייסט, אַז ער איז גאָרנישט ראוי אַריינצוטראַכטן אין דעם קנויל פון כלל־מענטשלעכע פּראָ־בלעמען, נסיונות און גורל פון יידישן פאָלק, דעם עם־הנבחר, פון גאָט ברוך־הוא אויסדערוויילט פון אַלע אַנדערע פעלקער, וואָס זיין נויט און שפלות האָט גאָרנישט קיין ברעג.

אַוודאי איז זיין אמונה גרויס. ער וואַקלט זיך נישט אין דער השפחת הבורא. זיין אמונה איז האַפטיק; זי לעבט און קוואַליקט אין אברים פון זיין צעשרויפטן גוף. ער האָט גאָר קיין ספק נישט אַז עס איז פאַראַן אַ מיין און אַ זינען אין דעם וואָס קומט פאַר אין לעבן, אָבער די אַלע ענינים מיט זייערע הויכע השגות זענען פאַר אים שטאַרק פאַרפלאָנטערט און ער קען זיי אפילו גאָרנישט תופס זיין מיט זיין פּראָסטן שכל. פון דעסטוועגן איז פאָרט פאַר אים קשה צו פאַרשטיין פאַרוואָס ער ברוך־הוא לאָזט אַזוי לאַנג זיין משועבדיק־פאַרשעמט פאָלק אין פינצטערן גלות און לייזט זיי נישט אויס. איז חלילה נישטאָ קיין סוף צו די צרות און פּלאָגענישן פון כלל־יידן, און ווען וועט שוין פאָרט קומען דער צוגעזאָגטער משיח אויף וועם מיר אַלע קוקן שוין אַזוי לאַנג אַרויס?

אַן אויגעציטערטער פון זיינע שווערע רעיונות, נעמט זיך ר׳ ירחמיאל אין זיין צעשראָקענער פאַרלוירנקייט פאַמעלעך אַרומקוקן צווישן דעם עולם, טאָמער האָט עמיצער דערהערט דעם שטיל־נאָגנדיקן צאַפּל אין זיין האַרץ. ער פילט בחוש אַז זיינע אומגעטראָטענע און צעפלויגענע טראַכטענישן זענען מסוגל צו זיין אַ מי־אוסע שטרויכלונג פאַר אים און אפשר חלילה אויך פאַר דעם כלל יידן אין דעם גרויסן יום־הדין.

עס טאָר בפירוש צו דעם נישט קומען. ווער איז ער, דער נישטיקער און זינ־דיקער בשר־ודם צו האָבן תרעומות און קומען צו דעם אל רחום וחנון מיט אַזוינע נאַרישע טענות? ווייסט ער וואָס ער וויל מיט זיינע שטותיקע קשיות? ווי קען אַן אמתער ייד בכלל גאָר מעיז פנים זיין כלפי דעם רבונו־של־עולם, קומען מיט היתכן און שאלות, וואָס פירן אַראָפּ פון דרך הישר און פאַרשוואַרצן דאָס פנים פון כלל יידן, אויף אַזוינע בעלנים און זיי־ערס גלייכן טשאַטעווען כסדר די מלאכי־חבלה מיט דער כת פון בעל־דבר אַליין, וואָס קוקן נאָר אַרויס צו מאַכן אַ תל פון אַלץ און אַלעמען אין לעבן. נישט אַנ־דערש ווי דער סטרא אחרא, דער ימח־שמוניק, האָט אים אָפּגערעדט און אַריינ־געפירט אין זיין אויסטערלישער נעץ.

האַלט ער, דער פּראָסט־פשוטער ייד, ר׳ ירחמיאל, שוין אַזוי ווייט? פּיבערט טאַקע זיין יידישלעך צעטראָגן האַרץ מיט גרויס דאגה און אימת־המות געדאַנקען. שטייט ער ווי אַלע יידן אין דעם הייליקן און

פאַרכטיקן טאָג פון דין און מישפּט און בעט ביי גאָט ברוך־הוא אַ סליחה ומחילה פאַר זיינע זינדיקע מחשבות און אַ תיקון פאַר זיין אומרויק נפש.

מיט אַ מאָל טשוכעוועט זיך אויף זיין צעפלאַטערט האַרץ. שטיל און הכנעהדיק צעוועקט זיך אין אים אַ כוח פון אַ באַנייטן בטחון וואָס טראָגט אים אונטער אַ קאַפּעטשקע נחת־רוח מיט אַ ביסל הרווחה. פאַרט איז נישט אַלץ הפקר־דיק. אדרבא, עס איז דאָ אַן אייביק, וואַכיק אויג וואָס קוקט אַריין אין אַ באַטריבט, צעבראָכן האַרץ פון אַ ייד. ער איז אַ בטוח אַז דער אין הימל וועט נישט פאַרלאָזן זיינע אָרעמע שעפעלעך, נייערט זיי ווייטער אָפּהיטן פון די ווילדע צעיושעטע וועלף אין דעם גויישן אַרום. פּאַמעלעך צעליכטיקן זיך זיינע צעצונדענע, פאַרטונקלטע אויגן וואָס מינטערן און וועקן מיט גרויס אמונה זיין פאַראומערט און צעדריקט האַרץ.

אַז עס איז געקומען די שעה פון דער האַרצרייסנדיקער תפילה „שמע קולנו“, דער הער, גרויסער און אייביקער גאָט, אונדזער צעוויינטער קול, וואָס האָט זיך געריסן מיט גרויס התעוררות פון די מיילער פון קהל־יידן, האָט זיך דעמאָלט דער פאַרשמאַכטער און איינגעקאַרטשעטער גוף פון ר' ירחמיאלן מיט אַ מאָל אויפגעריכט און הויך געהאַלטן זיין אינעם אַלטן טלית איינגעוויקלטן קאָפּ. פאַר־הוילענע כוחות פון אַמאָליקע דורות, יידן, גיבורים און האַרן אין דער תורה, געליטענע און אומגעקומענע, האָבן אין אים, דעם פשוטן ייד, איצט ממעקימדיק געשפּאַרט. מיטן פינגער אין פאַרמאַכטן מחזור און אַ דערהויבענעם בליק צום הימל האָט ער מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ תחנונימדיק אויסגערופן:

„אָ, גאָטעניו טייערער, טאַטע אין הימל, צו דיר דעם גרויסן בעל־רחמים רעדט דיין געטרייער דינער און קנעכט, ירחמיאל בן שרה־לאה, וואָס האָט דיך, טאַטעניו, אַזוי שטאַרק ליב, אַז אויב ער וואָלט ווערט געווען דיין חסד וואָלט ער פון גרויס פרייד געקושט דעם זוים פון דיין הייליקן כסא־הכבוד. איז ער דאָך אַ פּראָסטער חי וקים, ווי קומט ער גאָר צו אַזוינע געהויבענע טראַכטענישן. טוט אים, ירחמיאלן, דאָס האַרץ וויי. די נויט איז אין לשער און מען ווערט פשוט דערטרונקען אין אַ ים פון צרות. קום איך דעריבער צו דיר, רבונו של עולם, אַן אויסגעליידיקטער פון מצוות און מעשים טובים, און שטיי ווי אַ ביטערער אָרעמאַן אין דער טיר מיט מיין שטומפּיק לשון און אייגסטיק געבעט.

„אָ, גרויסער בעל־רחמים, וואָס פּרוווט אויס די נירן און אַלע קעמערלעך פון מענטשלעכן האַרץ, און בעט דיך, דערזע דעם דלות און פּיין פון דיין פאָלק ישראל. קער זיך נישט אָפּ פון אונדזער הייסער תפילה, דערהער און ענטפער אונדז מיט דיין אייביקן חסד און דערבאַרעמדיקייט, אַז מיר זאָלן נישט אַרויס פון דיין מישפּט מיט ליידיקע הענט. בידער אַראָפּ, איך בעט דיך מיט מיין פאַרקלעמט האַרץ, פון דיין פאַרכטיקן כסא־דין און גיי אַרויף אויף דיין באַשיינטן כסא־רחמים, באַהיט און באַשיץ דיינע פאַרלוירענע שאָף. טו אָפּ פון אונדז אַלע חולאתן און אויסטערלישע מגיפות, און זיי מבטל אַלע דינים און גזירות רעות אויף דיין אומגליקלעך פאָלק. זאָל דאָס זיין אַ שעת רצון און רחמים פון פאַר דיר, האַר פון דער וועלט, און גיב אונדז אַלעמען צוזאַמען מיט דיין פאַרשמאַכטע קנעכט, ירחמיאל בן שרה־לאה, אַן אמתע סליחה און מחילה, אויב שוין נישט פון אונדזערטוועגן, טו דאָס אין דיין באַרעמהאַרציקייט פון דיין שטראַליקן כבוד וועגן.

„זאָלן מיר זוכה זיין אָנגעשריבן און געחתמעט צו ווערן צו אַ גוט, געבענטשט ניי יאָר, מיט געזונט און פּרנסה ברווח, אַז מען זאָל נישט דאַרפן אָנקומען איינער צום אַנדערן. דערפיל אונדזערע אָרעמע הענט מיט דיין האַפטיקער בענטשונג און מזל־ברכהדיקער גאָב. זאָל שוין זיין אַ סוף פאַר דעם פינצטערן גלות, און לאָמיר דערלעבן די צוגעזאָגטע נחמה און ישועה אויף וואָס עס קוקן אַרויס אונדזערע פאַרטרערטע אויגן. אָמן ואָמן!“

אַזוי האָט גערעדט אויף זיין אופן און שטייגער אַ פשוטער, פרומער און תמימותדיקער ייד, השתפכות־הנפשדיק אין

שלמה שוואַרץ / שיקאַגע

# לידער

## כ'בין די אָפּגעבּרענטע שטוב

כ'בין
די אָפּגעבּרענטע שטוב
מיט צעאַקערטע קנייטשן
פאַר מייז,
קינדער
און ווינטן.
כ'בין
די חורבה פון אַש
אין קרייז
פון גרויע
אויסגעלאָשענע שעהן.

כ'בין
די כמאַרע
מיט פאַרשנייטע שאָטנס
אין אַלבאָמען.
ווי,
אָן קאַרשנביימער.
ווי,
אָן בלומען.

דער זומער מיט אַלע זיינע
פאַרבן
וועט קומען
אין טיפן חושך
פון מיין שטאַרבן
מיט גראָזן ווי קנויטן
אָנגעצונדענע
ביי מיינע פלויטן.

מיינע אויגן —
ניט שויבן
פון זונליכט אונגעצונדן
נאָר
ווי אָפּגעבּרענטע סימנים
פאַרמאָגן
אפילו ניט טרערן.

## דער אויסגעבויכטער הימל

אין דעם אָפּשיין פון פייער
מיין גאַס איז
פלוצלונג
ראָזער
געוואָרן
מיט אַ יונגשאַפט
פון פלאַמען
מיט פאָנען אין ווינט.

---

זיין פראָסט יידיש לשון צו זיין פאָטער אין הימל, דעם בורא־עולם אין דעם פאָרכטיקן יום־הדין, ווען, ווי דאָס פאָלק פלעגט זאָגן, אפילו אַ פיש אין וואַסער ציטערט פאַר גרויס אימה. עס איז געווען אַ תחינה־געבעט פון אַ טיף־באַוועגט האַרץ, וואָס האָט תחנונימדיק געבעטן ראַטונעק און ישועה אין זיין פאַרקלעמטער נויט. קלינגען נאָך היינט אין אויער אָט די מחיהדיק־האַרציקע און ליכטיקע תפילות אין צעהילכטע, באַטעמטע ניגונים מיט וואָס יידן האָבן אויסגעגאָסן כלות־הנפשדיק זייער צעבראָכן האַרץ פאַר דעם גאָט וואָס לעבט אייביק, וואָס זיין נאָמען טאָר מען אפילו נישט דערמאָנען.

זענען די תפילות און זייער פשטות־דיקער נוסחדיקייט און שלמות, אַ תמצית־דיק־דערהויבענער אויסדרוק צו דעם אימפּרעסיוון כלל־געפיל, נשמה און מוח, אַ וויטאַלער און דערהויבענער טייל פון דער תוכיק־שטראַליקער גייסטיקער ירושהדיקייט פון דורות יידן, און פאַרנעמען אַ באַטייטיקן אויבנאָן אין דער וויט־פאַרצווייגטער און אַרומנעמיקער פאָלקישער יצירה, אַן אימפּאָזאַנטער און צעשייטער קולטור־קנין און גייסטיקער אוצר פון יידן, פון וייטן אַמאָל ביזן היינטיקן טאָג.

(תשרי־חשון, תשמ"ג)

אומגעוויינלעך־שיין
שניי און פייער
איבער דעכער;
צעוועקטע
מחנות פונקען
ביז די העכסטע ביימערשפּיצן
געוועלטיקן פלינק.

רויטע ציגל פון מיין גאַס
ווי הייסע בריסטן
אין שנייאיקן שפּיגל
מיט צעבריטע צייכנס.
כ'לעש עס
מיט גרויע טרערן
פון אַ וואָלקן .

בלינדער פייער
קריכט אויף די ווענט
צום אויסגעבויכטן הימל.

(יאַנואַר, 1982 — שיקאַגע)

## דער אַלטער פרידזשידער

דער אַלטער פרידזשידער
איז געשטאַנען הייס
אין אָפּגענאַרט
נאָך דער שרפה
מיט שטיקער פלייש
אין זיין אינגעווייד;
מיט רויטע עפּל
צווישן אייזערנע ציין
צעקייקלטע
אין צעפּלאַצטע־פלעשער־ווייַן —
מיט פאַרשוויצטע מערן
ווי שליסלעך דערבײַ.

אין צעבריטע טאָצן
מערקווירדיק
בלאָנדער יום־טוב־ברויט
צעהיצט
און פייערדיק.

נאָר
איבערגעלאָזענער
סאַלאַט
פון נעכטן
ווי קברים בלימעלעך
דורך די שפּאַרן
איז אָנגעזאַפּט
מיט דעם ריח
פון ווילדן רויך.

(יאַנואַר 1982 — שיקאַגע)

## אַ קוואַל פון ליכט

דער האַרבסט האָט אָנגעהויבן
משפּטן מיין זומער.
איך האָב אָנגעהויבן
צו מאָלן אין שורות
די פאַרשפּיצטע צווייגן
פון האַרבסט
וואָס נעמט מיר דורך איצט
מיט אַ ברוינע מאָגערשאַפט
אין אַ שאַ־שטילער הכנעה —
פון אויסגיין.

זיי מיין שותף
דו, אַראָפּגעפאַלענע בלעטל,
אַזוי ענלעך
צו די אַלטע בריוו
וואָס מיין זיידע פלעגט מיר שרייבן
דאָ,
אין קאַרל סאַנדבורגס שטאָט:
„אפשר זאָלסטו פּרובירן מיט
יידישע ווערטער
אַזוי נאָך אייביק בלייבן...״

איצט שטראָמט
אַ קוואַל ליכט
אומגעריכט
אין אָפּגעדעקטן טראַכטן.

(1982 — שיקאַגע)

חנן קיעל / ניו־יאָרק

# ציר ק־בליצן

מיין גורל ווינדיקט זיך אויפן פליענדיקן טראַפּעז,
אין טויטן־שפּרונג איך פאַל, נאָר כּהרף־עין
כ'ווער ניצול פונעם אויפגעבליצטן נס;
אַזוי כּסדר, מיט מיין גורל כ'וועל זיך הוידען און געדייען.

***

מיר זיינען צעטומלטע לייבן אין צירק־אַרענע,
אַנגסטיק מיר גיבן זיך אונטער דעם געקנאַל פון בייטש,
אונדזער פּחד פאַרשטייט ניט דעם זין און טייטש;
איבער קעפּ און גריוועס סווישטשעט און שאַלט,
מיט קללהדיק געבריל מיר אַנטלויפן פון גיהנום,
נאָר דער אַרויסגאַנג איז צוגעפּראַלט
און די פייער־בייטשן ברענען.

***

מיר זיינען בלאַזנעס גרימירטע,
וואָס חוזקן פון זיך אַליין,
אַקראָבאַטן, וואָס קלעטערן צום טונקעלן פאַרגיין,
אין סכּנה
מיטן גורל בין איך זיך מתיחד.
ניט אין גלייכגעוויכט פאַרלירן
נאָר אין רוישיק אַפּלאָדירן
גרייכט צו מיר דער פּחד.

***

כ'בין אַ גומי־מענטש, געשליידערט פון אַ גלית־ריז,
ניסימדיק איך פאַל און בלייב שטיין אויף די פיס;
אַן פליגל אין דער לופט איך פלי, ווי אַ שפּענדל לייכט,
כ'טאַנץ אַ בערן־טאַנץ, דער פּובליקום פון געלעכטער קייכט;
צו אַלע טויט־געפאַרן מוזיק שפּילט מיר צו צום טאַנקט,
גראַציעז איך דאַנק ווען ס'ענדיקט זיך דער לעצטער אַקט.

***

כ'וויל זיין אַ דראַטנגייער אויפן כּישופדיקן דראט,
אַ לבנהדיקער לץ מיט טאַרבעס שפּאַט,
אַ זשאָנגלאָר וואָס וואַרפט די שטערן־לעמפּ
און כאַפּט זיי שנעל צוריק,
אַ קונצנמאַכער אויף אַ וואָלקנדיקן שטריק;
כ'וויל זיין אַ צויבערער פאַר געפלעפטע קינדער,
מיינע לידער זאָלן פליען
ווי טויבן פון צילינדער.

# יידישער נאַציאָנאַל פאָנד
# אניואיטי פאנד

## איר קענט האָבן

## אַן איינקונפט אין משך פון אייער לעבן

### מיט אַ צוגאָב פון אַ בונד מיט ישראל

עס איז אייער אינטערעס זיך באַלד איינצושאַפן
אַ לעבנסלענגלעכע נאַציאָנאַל-פאָנד אַניואיטי-הכנסה
און העלפן זיך אַליין דורך העלפן מדינת ישראל!

**שניידט אָפּ דעם קופּאָן און שיקט עס דורך פּאָסט**
**פאַר ווייטערדיקער אינפאָרמאַציע :**

סטענפאָרד דויטש, קאַונסיל פרעזידענט • טעלעפאָן : 655-8100
זאב וויניצקי, עקזעקוטיוו דירעקטאָר

---

# JEWISH NATIONAL FUND

WESTERN REGION, JEWISH NATIONAL FUND

**6420 Wilshire Blvd. • Los Angeles, Calif. 90048**

*Yes, I am interested in helping the Land of Israel while obtaining an income for life. Please send me more information about the Jewish National Fund Annuity Trust.*

Name.................................................................

Address.................................................................

City.................................................Zip Code.............................

לילי בערגער / פּאַריז

# יידן גזלנים...

— פאַרוואָס ווילט איר אונדז צעשיידן? וואָס האָט איר מורא מיר זאָלן זיין צוזאַמען? גאָט אַליין האָט אונדז צונויפגעפּאָרט. וואָלט איך געווען אַ פרומער ייד וואָלט איך געזאָגט, אַז ס'איז דעמאָלט געשען אַ נס מן השמים און איר... איר ווילט דאָס צונישט מאַכן, איר, איר...

מאָריס קליינמאַן האָט נאָך אַרויסגעוואָרפן אַ בינטל רייד מיט האַרצווייטיק, מיט יאוש. אויף זיין שטערן האָבן זיך באַוויזן טראָפּנס שוויס. דאָס קראַנקע האַרץ האָט אָנגעהויבן גיין ביי אים ווי אַן אַלטער וואַנטזייגער. ער איז געבליבן זיצן אין שווייגעניש. די מיטגלידער פון נעם לאַנדסמאַנשאַפט־קאָמיטעט האָבן אַ ווײַלע אויך געשוויגן. אַלץ וואָס זיי האָבן געהאַט אויסצושטעלן קעגן זיין פאַרלאַנג האָבן זיי שוין אַ סך מאָל געהאַט אַרויסגעלייגט. איי ס'האָט זיך עפּעס געענדערט, וועט מען אויפסניי באַטראַכטן די זאַך. ס'האָט געדויערט אַזוי לאַנג, וועט געדויערן נאָך אַ ביסל.

פאַר מאָריסן געדויערט עס צו לאַנג. פון אָנהייב האָט ער געשריבן בריוו צום קאָמיטעט פון דער לאַנדסמאַנשאַפט. ווען עטלעכע בריוו זענען געבליבן אָן אַן ענטפער, האָט ער אָנגעהויבן אומגעבעטענערהייט קומען אויף אַ זיצונג פון קאָמיטעט און ווידער אַמאָל און אָבער אַמאָל אויפגעמישט די גאַנצע מעשה. איז וואָס נאָך איצט דאָ צו באַטראַכטן, בפרט ער קאָן צושטעלן איצט אַ גאַראַנטיע? זיינער אַ ידיד, אַ לאַנדסמאַן מיט וועלכן ער איז אַלס אַ קליין ייִנגל געגאַנגען צוזאַמען אין חדר, האָט אים נישט איין מאָל געהאַט געזאָגט:

— מאָריס, דו דאַרפסט אַליין פאַרשטיין, אַז ביי יידן פירט מען זיך נישט אַזוי. דו ווייסט, איך בין נישט קיין פרומאַק, אָבער פירן זיך יידישלעך דאַרפן מיר.

— פאַרוואָס נישט יידישלעך? מיין ווייב האָט מער יידיש האַרץ ווי אַנדערע יידישע ווייבער.

— מיר ווייסן, מיר ווייסן וואָס פאַר אַ מענטש זי איז, ווי זי האָט איינגעשטעלט דאָס לעבן, אָבער וואָס וועט זיין אויב...? מ'האָט דיר דאָך שוין געזאָגט וועגן אונדזער מורא. איז זיי נישט געבאָדן אין הייס וואַסער, לאָז אונדז גוט באַטראַכטן די זאַך, זיך אַן עצה האַלטן מיט עמעצן. אַזעלכע זאַכן מאַכט מען נישט אויף איין פוס.

— אויף איין פוס? עס שלעפּט זיך שוין חדשים־לאַנג, כמעט אַ יאָר צייט. וואָס, כ'האָב געמאַכט מיטן רבונו של עולם אַ קאָנטראַקט אויף ווי לאַנג איך האָב נאָך? אַזאַ האַרץ קאָן אַ ליאַדע טאָג זיך אָפּשטעלן. און זי, מיין זשערכען, איז דען באַוואָרנט? איז דעמאָלט שריי וקים. אויף איין פוס, זאָגסטו? ווייניק גערעדערייען געווען אַרום דעם? וויפל איז דער שיער?

אַן אַנדער לאַנדסמאַן מיט וועלכן ער האָט זיך געהאָדעוועט אַ טיר ביי אַ טיר, דער איינציגער פון דער לאַנדסמאַנשאַפט, וואָס גייט יעדן פרייטיק אין אָוונט און שבת דאַווענען אין אַן אַשכנזישער שול, האָט אים געמוסרט:

— האָסט דאָס אַלץ געקאָנט אויסמיידן. אַ ייד דאַרף זיך פירן ווי אַ ייד. האָסט געדאַרפט באַלד פון אָנהייב אַ טראַכט טאָן וועגן די זאַכן.

— ווען פון אָנהייב? אפשר מיט פערציק יאָר צוריק?

* * * * *

די מעשה האָט זיך טאַקע אָנגעהויבן מיט פערציק יאָר צוריק. ס'איז געווען אין יולי 1942. אין די פריע פרימאָרגנשעהען האָבן אויפן באַפעל פון די היטלעריסטישע אָקופּאַטן, פראַנצויזישע פּאָליציי־אַגענטן אין פּאַריז געקלאַפּט אין יידישע היימען, אַרויסגענומען וועמען מ'האָט געטראָפן, אָפּגעפירט אויף דעם זאַמל־פּונקט אין וועלד־היוו, דערנאָך אין דראַנסי־לאַגער, אינעם פאָרהויז פון אוישוויץ. מאָריס קליינמאַן האָט די טיר פון זיין בחורישער דירהלע נישט געעפנט. די פּאָליציי־לייט האָבן געקלאַפּט אַלע

מאל שטארקער און שטארקער. פון זייער רוגזה איז קענטיק געווען, אז זיי וואלטן די טיר ארויסגעזעצט.

— דער מענטש, ווי הייסט ער דארט, איז מסתמא נעכטן אוועקגעפארן, כ'האב געזען אים אוועקגיין מיט א וואליזקעלע...

אזוי האט געטענהט צו דער פאליציי די פראנצויזישע שכנטע, אן איינזאמע יונגע פרוי וואס איז אלארמירט געווארן פון דער שטארקער טראסקעריי אין דער דערנעבנדיקער טיר. דאס שטיקל ארבעט איז איר געלונגען. די פאליציי איז אוועק. אויף צומארגנס זענען אנדערע געקומען, די טיר אויפגעריסן, נאר קליינמאנען נישט געטראפן. זשערמען זשארדאן האט אים שוין געהאט אריינגענומען צו זיך אין שטוב.

העכער א יאר איז דער שניידער־מאדעליסט מאריס קליינמאן געזעסן אין קליינעם צימעדל ווי א מויז אין א לאך. דאס פענצטער פארהאנגען מיט א געדיכטן פארהאנג, די טיר פארמאכט, איז ער געווען אפגעשלאסן פון דרויסן, פון דער וועלט. זשערמען האט געוואכט איבער אים, געקעכלט אים, צוגעטראגן א ריין העמד, נישט פארבעטן קיינעם צו זיך, איבערגעריסן מיט באקאנטשאפטן. בעתן אוועקגיין אין דער פרי צו דער ארבעט פלעגט זי אנזאגן מאריסן נישט צו דערנענטערן זיך צום פענצטער, מ'זאל פון קעגנאיבערדיקן הויז נישט דערשנאפן, אז עמעצער איז אין שטוב. ס'האט נישט געהאלפן.

— מאדאם זשערמען, עס וווינט עמעצער ביי אייך? דער שכן פון ערשטן שטאק האט מיר געזאגט, אז ווען איר זענט ביי דער ארבעט, הערט ער פון מאל צו מאל טריט ביי אייך. מיר גייט עס נישט אן, נישט מיין עסק, אבער היינטיקע צייטן... איר ווייסט וואס עס טוט זיך...?

זשערמען איז אריין אין שטוב אן אויפגעציטערטע. די באהעלטעניש איז דורכגעפאלן. דער שכן פון אונטן איז א פארדעכטיקער פארשוין וואס טוט מען? ווי אזוי ראטעוועט מען ווייטער מאריסן? איצט זענען זיי ביידע באדראט. פאר אויסבאהאלטן א ייד קומט די גרעסטע שטראף.

איך וויל נישט איר זאלט צוליב מיר איינשטעלן אייער לעבן. כ'וועל מארגן גאנץ פרי אוועק, כ'וועל פרוון אנקומען ערגעץ אויף א דארף, ס'איז זומער, שניטצייט. כ'וועל זאגן... כ'וועל זאגן כ'זוך ארבעט, כ'וועל זאגן... כ'וועל זאגן כ'האב פארלוירן מיינע פאפירן. אפשר גאר בעסער אויסזאגן דעם אמת? אומעטום קען מען אנטרעפן אויף גוטע מענטשן. מארגן פרי וועל איך פרוון דאס מזל, לאזן זיך אין וועג.

— ניין, אליין נישט. איר האט נישט ווו צו פארן, צו וועמען צו פארן. איך האב יא וווהין צו פארן. כ'האב אין די סעווענען־בערג א ירושה־הייזקע, א גארטן, עטלעכע העקטאר ערד. די באפעלקערונג דארט — א פראטעסטאנטישע, געווען אמאל אליין פארפאלגט. מ'האט מיר געזאגט, אז די מענטשן דארט זענען זייער גינסטיק צו די פארפאלגטע יידן, ס'וועט לייכטער זיין צווישן זיי. זאל מען נאר זיך אריבערקריגן אהין. מ'דארף וואס גיכער נעלם ווערן פון דאנען. ס'וועט נישט לייכט זיין, אבער מען מוז וואס גיכער.

ניין, ס'יאז נישט לייכט געווען. פאריז איז געווען א יאגדפעלד אויף יידן. די נישט אפטע, פול געפאקטע צוגן אויך נישט זיכער. דערצו א נייע געפאר: מאריסעס שארפער אקצענט, וואס קאן פארראטן אויב ער מוז ענטפערן אויף א פראגע. וואס טוט מען ער זאל נישט דארפן רעדן? זשערמען האט געטראכט און צוגעטראכט: ער דארף זיין א שטומער. ווייניק שטומע פאראן אויף דער וועלט? פארוואס זאל ער נישט זיין קיין שטומער? פארוואס אויך נישט קיין בלינדער? א שווערן בעל־מום וועלן זשאנדארן נישט פארהאלטן. א ווייס שטעקל איז פארבליבן ביי איר האלב־בלינדער באבען, וואס האט איר געלאזט די ירושה.

אין שווארצע ברילן, מיט א ווייסן שטעקן אין איין האנט, מיט דער צווייטער האנט אנהאלטנדיק זיך אין זשערמענס ארעם, האבן זיי דורכגעשפאנט דעם אומרואיקן פאריז. דער קאנטראלער פון צוג האט א קוק געטאן אויף מאריסן מיט מיטלייד. זשערמען, דערלאנגענדיק די בילעטן האט, ווי פאר א סגולה, א זאג

געטאָן: ער איז בלינד און שטום. זי האָט דאָס אויך געזאָגט, ווי זי וואָלט זיך איינגעחזרט וואָס זי וועט זאָגן אין פאַל ווען עס באַווייזן זיך זשאַנדאַרן. זיי האָבן זיך נישט באַוויזן.

נאָך אַ סך שעהען פאָרן אין פולגעפאַקטן וואַגאָן, וווּ מאָריס האָט קיין וואָרט פון זיך נישט אַרויסגעבראַכט, זענען זיי בשלום אָנגעקומען אין סעווענער שטעטל שאַמבאָן. זשערמען האָט אָפּגעאָטעמט. מאָריס האָט אַראָפּגענומען די שוואַרצע ברילן, געלאָזט אין די קוסטעס דאָס ווייסע שטעקל. ער האָט געגאַרט זיך צו באַפרייע פון דער אַרויפגעצויגענער בלינדקייט, פון דער שטומקייט; ער האָט אָנגעהויבן ווי אַ קינד פּלאַפּלען צו זשערמען, אויסגיסן אין שטילע ווערטער זיין דאַנקבאַרקייט.

זיי האָבן זיך פאַרנומען מיט אַ באַרגיקן וועג, וואָס זשערמען האָט געקענט נאָך פון איר קינדווייז. צו דער דאָרפישער ירושה איז אַ צען קילאָמעטער. די צעגרינטע, באַביימערטע בערג האָבן זיי אַנטקעגן־געשמייכלט. דער זומערדיקער הימל — אַ הויכער, אַ בלויער. די זון האָט זיך אַראָפּגעקייקלט נידעריק פון פירמאַמענט אָבער צעשיט נאָך אַ שפע זילבער־גאָלדענע שטראַלן. מאָריס האָט האַסטיק אַריינגעצויגן אין די לונגען די באַרגיקע לופט, געקוויקט זיך מיטן גריינעם אַרום. ס'האָט אויסגערונען פון אים די שרעק. נאָך אַזוי פיל צייט פאַרמאַכט זיין צו געפינען זיך אויף דער פריי! דער קנויל אין האַלדז, וואָס האָט געשטיקט, האָט נאָכגעלאָזט. האַלטנדיק זשערמענס האַנט אין זיינער האָט ער באַוווּנדערט אירע איינפאַלן, איר דרייסטקייט.

— ששששש! רעד נישט, ווער ווידער שטום!

אויף די באַרגיקע, געדרייטע וועגן דערזעט מען נישט פון דער ווייטנס. זשערמען האָט פריער דערהערט טריט, דערנאָך ערשט דערזען אַ מענטש. דער זשאַנדאַר האָט זיך דערנענטערט, צוגעלייגט די פינגער פון דער רעכטער האַנט צום היטל און זיך פאַרהאַלטן.

— נישט קיין היגע, וואָס?

— כמעט היגע... אַ ירושה דאָ פון מיין באָבען.

ער האָט אָפּגעמאָסטן מאָריסן פון קאָפּ ביז די פיס, געקוקט אויף אים פאַרדעכטיק:

— דער נישט קיין היגער, האַ? פון וואַנען קומט ער?

— פון נישט ווייט...

— אייערע פּאַפּירן, יונגערמאַן?

מאָריס האָט זיך געמאַכט נישט הערנדיק, אָבער ס'האָט אים באַגאָסן אַ קאַלטער שווייס. זשערמען האָט קינסטלעך זיך צעשמייכלט, אַרויפגעצויגן אויף זיך אַ געמיטלעכקייט.

— מעסיע זשאַנדאַר, ער הערט דאָך נישט. איר זעט נישט אַז ער איז אַ שטומער? אַ טויבער אויך, אַזאַ אומגליק אין דער משפּחה. איך מוז זיך פאַרנעמען מיט אים. אויב איר זענט אַ היגער האָט איר מסתמא געהערט פון די פאָנטואַס, מיין באָבע־זיידע געווען, געלאָזן מיר אַ ירושה, שווער מיר דאָס צו צוהיטן; דער שטומער וועט מיר העלפן אין אָרדענונג ברענגען דעם גאָרטן. אַ שטומער, אָבער אַרבעטן קאָן ער.

אָבער פּאַפּירן דאַרף מען היינטיקע צייטן האָבן ביי זיך.

— אָט זענען מיינע פּאַפּירן. כ'האָב נישט געטראַכט אַז אַזעלכער זאָל אויך דאַרפן האָבן פּאַפּירן ביי זיך. מעסיע זשאַנדאַר, מיר איילן זיך, פאַרהאַלט אונדז נישט, איר זענט מסתמא אַ פּראָטעסטאַנט, מיין באָבע־זיידע אויך געווען...

— ניין, כ'בין נישט קיין פּראָטעסטאַנט, אַ קאַטאָליק.

— מיר אויך קאַטאָליקן, מעסיע זשאַנדאַר, מיין באָבע־זיידע געווען פּראָטעסטאַנטן.

זי האָט געכאַפּט אַ קוק אויפן זייגערל:

— אוי, ווי שפּעט שוין, דער אָוונט פאַלט באַלד צו און מיר האָבן נאָך אַ סך וועג אָנצולייגן. מעסיע זשאַנדאַר, לאָזט אונדז שוין גיין, דער שטומער איז הונגעריק. איר ווייסט מסתמא, אַ שטומער, אַז ער איז הונגעריק...

— נו, גייט, גייט, נאָר אַ צווייט מאָל ווען ער וועט קומען אין שטאָט, זאָל ער האָבן די פּאַפּירן ביי זיך. ס'איז מלחמה.

מאָריס האָט קוים צוריק דאָס לשון באַקומען. צום פערטן מאָל איז ער געווען אין אַ געפאַר און געראַטעוועט געוואָרן. באַלד אויף צומאָרגנס איז זשערמען אַוועק צום באַקאַנטן פּראָטעסטאַנטישן פּאַסטאָר און אַרויסגענומען אַ טויף־שיין פאַר מאָריסן. אויב וואָס־ווען איז אַ טויף־שיין אויך אַ דאָקומענט. האָבן דען ווייניק יידן, בפרט יידישע קינדער, אַרויסבאַקומען אין יענער געגנט טויף־שיינען? פאַרוואָס דעם באַקאַנטן יונגן מאַן נישט צוטיילן אַזאַ דאָקומענט? איי זשערמען האָט אים פאַרגעשטעלט אַלס קאַטאָליק? דער זשאַנדאַר פון דער שטאָט וועט זיך נישט מטריח זיין ערגעץ אין אַ פאַרוואָרפן דאָרף אין די בערג.

אין איין פּרט האָט זשערמען נישט אָפּגענאַרט דעם זשאַנדאַר, ווען זי האָט אים פאַרערדט די ציין: מאָריס האָט באַאַרבעט דעם גאָרטן, פאַרנומען זיך מיט דער באַלעבאַטישקייט. די צוויי יונגע מענטשן זענען זיך נאָך נענטער געוואָרן, זיך ליב באַקומען, זיך צוגעזאָגט קיין מאָל זיך נישט צו שיידן. באַלד נאָך דער מלחמה האָבן זיי חתונה געהאַט, געוואָרן אַ גליקלעך פאָרפאָלק.

* * * * *

די יאָרן זענען געלאָפן. מאָריס און זשערמען האָבן אַריבערגעשפּרייזט די זיבעציק. צו די יאָרן זענען צוגעקומען חולאתן. ביי מאָריסן גייט דאָס האַרץ מיט אַ „פיל“. ווי לאַנג וועט עס נאָך גיין מיט אַ קינסטלעכן אונטערשטופּער? זשערמען איז אויך נישט מיט אַלעמען. איז פאַרוואָס זיך נישט באַוואָרענען באַצייטנס, אין פאַל... אין פאַל ווען... אין פאַריז באַוואָרענען זיך יידן. מען קויפט באַצייטנס אַן אייביק אָרט אין אַ „קאַוואָ“ (קאָלעקטיווער קבר אין אַ לאַנדסמאַנשאַפט).

מאָריס קליינמאַן איז באַוואָרנט. אַ מיטגליד פון אַ היפּשער לאַנדסמאַנשאַפט האָט ער פון לאַנג אַריינגעטראָגן זיין חלק פאַר דעם „קאַוואָ“. איין גאָט ווייסט פאַרוואָס ער האָט זיך באַלד נישט געכאַפּט, אַז מען דאַרף צושרייבן זשערמען. צי ס׳וואָלט פריער גרינגער געווען איז אַ גרויסער ספק, אָבער ווי האָט ער נישט געקענט טראַכטן דערוועגן? האָבן זיי דאָך פון סאַמע אָנהייב געהאַט אָפּגעמאַכט ביי זיך קיינמאָל זיך נישט צו צעשיידן, נישט ביים לעבן און נישט נאָכן טויט. האָט מאָריס אָנגעהויבן איינלייגן וועלטן, צושטיין צו זיין לאַנדסמאַנשאַפט מ׳זאָל זיין ווייב צושרייבן צום „קאַוואָ“, וווּ ער האָט אָפּגעקויפט פאַר זיך אַן „אייביקן אָרט“.

— זי איז דאָך נישט קיין יידישקע! ווי אַזוי וועט מען מקבר זיין אַ גוישע פרוי אין אַ יידישן „קאַוואָ“? און אַז איר משפחה וועט אַרויפשטעלן אָדער לאָזן אויסקריצן אַ צלם אויפן „קאַוואָ“?

די מורא פאַר אַ צלם האָט אַלע אַרומגעכאַפּט, בפרט מען שמועסט, אַז עפּעס אַזעלכעס איז שוין געשען. און דער פּרעזידענט פון דער לאַנדסמאַנשאַפט קען גענוי די מעשה מיטן צלם. ער איז אַרויס מיט לשון:

— אויב איר ווילט וועל איך אייך אַוועקפירן אויפן בית־עולם פון מאָנפּאַרנאַס וועט איר זען ווי חיים סוטין ליגט אונטער אַ גרויסן צלם צוליב זיינער אַ גוישער געליבטער.

— ווער ליגט דאָרט אונטער אַ צלם? ווער, זאָגט איר?

— חיים סוטין. איר ווייסט אפשר נישט ווער דאָס איז געווען? גאָר אַ וואַזשנער יידישער מאָלער. ס׳קאָכט מיט אים די וועלט, אָבער ער איז געווען אַ יידישער ייד. מ׳האָט מיר דערציילט, אַז ער האָט גערעדט יידיש ווי איך און איר און געשטאַמט פון דעם פּראָסטן יידישן עולם.

— האַ, חיים סוטין, געהערט וועגן אים. נו, פאַרוואָס ליגט ער עפּעס אונטער אַ צלם? ווי געשעט עס אַזאַ זאַך?

דער פּרעזידענט האָט געהאַט אַ גוטע געלעגנהייט צו דערציילן באריכות די גאַנצע געשיכטע, וואָס מ׳האָט אים דערציילט:

— חיים סוטין האָט געהאַט אַ פראַנצויזישע געליבטע, אָדער אַ ווייב, ווער קאָן דאָס היינט וויסן ווי אַזוי ס׳איז געווען ביי זיי? גענוג, זי האָט אים געראַטעוועט בעת דער אָקופּאַציע, אויסבאַהאַלטן אים ביז ער איז געשטאָרבן. האָבן זיי זיך צוגעזאָגט, פונקט ווי אונדזער מאָריס מיט זיין ווייבל, קיינמאָל זיך נישט

צו שיידן, קיינמאָל נישט, איר הערט? אפילו נישט נאָכן טויט. הכלל, נאָך סוטינס טויט האָט זיין געליבטע אַ סך יאָרן געקרענקט און אויך געמאַכט אַ שטאַרב. האָט זי פריער אָנגעזאָגט דער משפחה מ׳זאָל זי מקבר זיין דאָרט ווו עס רוט איר געליבטער, סוטין הייסט עס. די משפחה האָט איר לעצטן פאַרלאַנג דערפילט און אין דער לענג און ברייט פונעם קבר איינגעמויערט אַ צלם. אַזוי ליגט דער ייד חיים סוטין אונטער אַ גרויסן צלם. איצט פאַרשטייט איר וואָס ס׳קאָן געשען?

— איר האָט דאָס אַליין געזען? מיט אייערע אייגענע אויגן?

— און אַז איך האָב דאָס נישט געזען מיט מיינע אייגענע אויגן איז דאָס נישט אמת? ס׳האָט מיר דאָס דערציילט אַזעלכער וואָס האָט דאָס יאָ געזען מיט די אייגענע אויגן. ס׳האָט זיך אפילו געקאָכט וועגן דעם אין יידישע צייטונגען. ס׳האָבן זיך אפילו געפונען בעלנים וואָס האָבן זיך מטריח געווען צו דער משפחה און געוואָלט פועלן מ׳זאָל אַראָפּנעמען דעם צלם. נאָר די משפחה האָט געזאָגט ניין און ניין. די געשטאָרבענע איז געווען אַ קריסטין דאַרף זי ליגן אונטער אַ צלם. איי סוטין איז געווען אַ ייד? דאָס איז נישט זייער עסק. איצט פאַרשטייט איר ווי מ׳דאַרף זיך אויסהיטן?

די נייע מעשה מיטן צלם אויף סוטינס קבר האָט אַלע אויפגערודערט, אונטערגעהייצט: ניין און ניין, מ׳טאָר נישט איינשטעלן! וואָס הייסט מ׳וועט נעמען אויף זיך אַזאַ ריזיקאַלישקייט? מילא, אַז זי גופא, מאָריסעס ווייבל, איז נישט קיין יידישע איז נאָך אַ האַלבע צרה, מאָריס שווערט זיך דאָך אַז זי האָט אַזאַ יידיש האַרץ, אַז זי קען באַשטיין פאַר הונדערט יידישקעס, נאָר זיך אויסשטעלן אויף אַ געפאַר צו האָבן צו טאָן מיט אַ קריסטלעכער משפחה, זי זאָל האָבן אַ חלק אין „קאַוואָ״ — דאָס נישט! מאָריסעס ידיד האָט אָבער ווי געטאָן דאָס האַרץ פאַר זיין גוטן פריינד, ער האָט געעצהט:

— ווייסט איר וואָס? זאָל מען דערוויילאָפּלאָזן די זאַך. זאָל מען אים נישט געבן אָט שוין באַלד אַ שלעכטן ענטפער; אַן אָפּזאָג וועט זיין ווי אַ זעץ איבערן קאָפּ. ער האָט דאָך אַ קראַנק האַרץ. זאָל מען אַ ביסל אָפּשלעפּן. אפשר וועט ער אַליין אָפּלאָזן, פאַרגעסן אַ ביסל, ער האָט דאָך אַנדערע דאגות, גייט יעדן מאָנטיק און דאָנערשטיק צום דאָקטער.

מאָריס קליינמאַן האָט אָבער נישט געוואָלט פאַרגעסן, נישט אָפּגעלאָזט. וואָס מער דאָס קראַנקע האַרץ האָט געלאָזט הערן פון זיך, אַלץ מער האָט ער זיך געאיילט צו באַוואָרענען זיך מ׳זאָל אים נישט צעשיידן מיט זשערמען. אפשר גאָר בעטן אַן עצה ביי זיין יידישן אַדוואָקאַט? ער האָט אים באַריכות דערציילט די געשיכטע און געפרעגט:

— מעסיע, ווי אַזוי קאָן מען דעם קאָמיטעט פון דער לאַנדסמאַנשאַפט פאַרזיכערן אַז אויב ס׳וועט געשען אַן אומגליק, די שעה זאָל נישט זיין, וועט מיין ווייבס משפחה זיך נישט מישן צום „קאַוואָ״?

מ׳קאָן, מ׳קאָן דעם קאָמיטעט פאַרזיכערן. אַ פשוטע זאַך: אייער ווייב שרייבט אָן באַצייטנס אַזאַ שריפט, זאָל מען זאָגן אַ טעסטאַמענט, אַז קיינער פון דער משפחה האָט נישט דאָס רעכט צו שטעלן אַ צלם, זי ווּנטשט זיך דאָס נישט.

דערהערט אַזעלכע ווערטער איז מאָריס אויפגעריכט געוואָרן. ער איז אַוועק אַהיים, דורכגערעדט די זאַך מיט זשערמען און באַלד טאַקע אָנגעשריבן אַ נייעם בריוו צום קאָמיטעט. קיין ענטפער איז ווידער נישט געקומען. וואָס האָט דער קאָמיטעט זיך צו איילן? די זאַך זעט שוין אויס אפילו אַביסל אַנדערש, אָבער דורכטראַכטן, באַראָטן זיך דאַרף מען, צי אַזאַ פאַפיר וועט האָבן דעם אמתן ווערט. דערצו האָט דער קאָמיטעט שטענדיק גאַנצע בערג זאַכן צו דערלעדיקן. וואָס איז דאָס איילעניש? דאָס יאָגעניש? ס׳האַלט דאָך נישט חס וחלילה ביי יציאת נשמה. מ׳קאָן צוואַרטן.

מאָריס קליינמאַן וויל אָבער נישט וואַרטן. ער האָט זיך נישט געפוילט און ווידער אומגעבעטענערהייט געקומען אויף דער חודשלעכער זיצונג פון קאָמיטעט.

— פאַ וואָס האָב איך נישט קיין ענטפער אויף מיין בריוו? איצט וועט איר

שאָול מאַלץ / ניו־יאָרק

# לידער אויף אַלטע מאָטיוון

## א. דער ל״ו־ניק

דער ל״ו איז דער וואַסערטרעגער,
וואָס קומט די שטאָט מיט וואַסער באַזאָרגן.
פון קאַיאָר האָרעוועט ער צו שטילן
דעם דאָרשט פון פרימאָרגן.

אַלע זעטיקט ער און ער פראַוועט תעניתים,
ווייל אין די היימען בליט די נויט;
קומט ער מכלומרשט וואַסער ברענגען
און אויפן טיש לאָזן אַ לעבל ברויט.

אַזוי פון פרימאָרגן ביז שפּעט ביינאַכט
פאַרזייט ער אין געסלעך די טריט,

---

דאָך האָבן אַ געשריבענע גראַנטיע. פאַר־וואָס שלעפּט איר אָפּ?

— וואָס, ס׳ברענט? זאָל מען אַלץ לאָזן אין דער זייט און זיך פאַרנעמען מיט דיר און דיין זשערמען? מ׳האָט דען דיר גע־זאָגט ניין? מ׳זאָגט דיר אַז מ׳דאַרף אויפ־סניי נעמען די זאַך אויפן טיש.

— מאָריס, זיי נישט אין הייס וואַסער געבאָדן. טאַקע אַ שטיקל גאַראַנטיע, אָבער אַ טראַכט טאָן דאַרף מען? איבער־רעדן דאַרף מען?

— האָסט אַזוי לאַנג געוואַרט, וועסטו צוואַרטן נאָך עטלעכע וואָכן. ס׳וועט זיך מסתמא דערליידיקן, האָט אים אַן אַנדע־רער געטרייסט.

כ׳האָב נישט געמאַכט מיט גאָט קיין קאָנטראַקט ווי לאַנג מיין קראַנק האַרץ וועט גיין. אויב מאַך איך צו אַן אויג, ווער וועט טראַכטן וועגן מיין זשערמען?

— איז וואָס ווילסטו, מיר זאָלן שוין אויף דער הייסער מינוט צושרייבן דיין וויבל צום „קאַוואָ״? מ׳זאָגט דיר מ׳וועט אויפסניי באַטראַכטן, וועט מען באַ־טראַכטן. זעסט חס וחלילה נישט אויס ווי אַ מסוכן קראַנקער, זאָלסט נישט קאָ־נען צוואַרטן.

ביי מאָריס קליינמאַן האָט נישט נאָר דאָס געדולד געפּלאַצט. אַ חשד האָט אויפגעבליצט אין מוח. צי איז אין דעם אָפּשלעפּן נישט פאַראַן קיין שלעכטע כוונה? מיט וואָס וועט ער איצט קומען צו זשערמען? צי קאָן ער איר גאָר דער־ציילן וועגן זיין חשד? גראָבע טראָפּנס שווייס האָבן באַדעקט זיין שטערן. די אויגן האָבן געברענט ביי אים ווי אין פיבער. ער האָט מיט נישט זיין קול זיך צעשריגן:

— יידן גזלנים, פאַרוואָס ווילט איר אונדז צעשיידן?! גאָט אַליין האָט אונדז... איר וועט דאָך האָבן אַ גאַראַנטיע! וואָס ווילט איר נאָך? יידן גזלנים!...

נאָך אַ ווײַלע שווייגן האָט דער פּרע־זידענט אַ זאָג געטאָן צום סעקרעטאַר:

— גיב אַהער דעם בריוו! זאָל דאָס נעמען אַ סוף, אַן עק! לאָמיר אים ווייזן, אַז מיר זענען נישט קיין יידן גזלנים. אויב ס׳וועט זיין אַ געשריבענע גאַראַנטיע...

מאָריס איז געקומען אַהיים אַ נייגעבוי־רענער. ער האָט זיך אַרומגעכאַפּט מיטן ווייב ווי דאָס גרעסטע גליק וואָלט אים געשען:

— זשערמען, מיר וועלן שוין קיינמאָל נישט זיין צעשיידט!

אומעטום האָט ער יום־טוב געבראַכט,
אומעטום האָט פאַר אים אַלץ געבליט;

אין סאָד דער בוים, אין גאָרטן די גרינסן,
און אין ווייטע פעלדער די זאַנגען —
אומעטום האָט ער פאַרשפּרייט אַ ברכה
און פון שפע געזונגען געזאַנגען.

אַ נסתר איז ער אין זיין גאַנג,
אַמאָל דער שניידער, דער שוסטער, דער שמיד:
דאָס פאָלק האָט אים פאַרוועבט אין מעשיות
און געזונגען וועגן אים ס'שענסטע ליד.

## ב. דער פאַסטעך שפּילט אויפן פייפיאַל

(דעם פאַסטעכס פייף בשעת נעילה האָט געשפּאָלטן הימלען.
— פון פאָלקלאָר)

שטעל זיך אָפּ וואַנדערער,
האַלט איין די טריט,
דער פאַסטעך שפּילט איצט
דאָס שענסטע ליד.

הער זיך איין וואַנדערער,
פאַרהאַלט די טריט!
דער פאַסטעך אויפן פייפיאָל
שפּילט דאָס שענסטע ליד;

אַלע פייגל זינגען איבער
זיין זיס געזאַנג,
אַלעביימער האָבן זיך
צעבליט פון לאַנג.

דאָס ליד שפּינט זיך,
ווי אַ געוועב פון שטראַלן,
די ווערטער ווי רעגנטראָפּנס
מיט ברכה פאַלן.

אַלע בלעטער שאָרכן סודות
פון פרוכט אין בלי;
פון קאַיאָר האָט דער מענטש
געפלייסט זיך מיט מי,

דאָס ליד פון דעם פאַסטעך
זינגט מען אין אַלע ערטער,
יעדער דור זינגט דעם ניגון
מיט אייגענע ווערטער.

אַז ביימן זאָלן פאַרזייט ווערן,
אַז אויפגיין זאָלן זאַנגען
און ווינטן זאָלן זיי וויגן
צום פאַסטעכס געזאַנגען.

יעדער זינגט אין תפילות אויס
זיינע פאַרלאַנגען,
צום כסא הכבוד גרייכן בלויז
די ערלעכע געזאַנגען.

חיים קעניגער / פּאַריז

# לידער

## פון פיר זייטן

אָט קומען איצט ווידער
צונויף זיך די וועגן —
און ברענגען דיר אָפּ דיין פאַרמעגן.

ווער בין איך געווען? ווער בין איך געוואָרן?
דעם שליסל איך זוך אין מיין נעכטיקן צאָרן.

דער עכאָ פון טריט, די שטילקייט פון אימה.
געפלאָכטענע שאָטנס פון ביימער...

עס קומען איצט ווידער צונויף זיך די וועגן.

***

די ערד איז באַלאָדן מיט ביימער,
די ביימער מיט פּירות פון גאָט.
איך שטער דעם גן־עדן־פאַרבאָט
אין נעכטיקער שטילקייט געהיימער.

די פּרוכט וועל איך אַלע צעטיילן
פּאַר ברידער פון מיין נע־ונד,
און זאָלן זיי עסן צו זאַט,
און זאָל זייער עלנט זיך היילן.

ביז שמייכלען זיי וועלן אין נעפּל,
און ס'וועט זיי דערקענען מיין בליק.
ווען ס'קומען די ברידער צוריק —
איז ווייניק די ערד מיט די עפּל!

מער וויל איך מיט זיי זיך נישט שיידן.
דאָס איז דאָך דער אָנהייב פון טרוים,
מיט צייטיקע פּירות דער בוים —
דער אומקער צוריק אין גן־עדן.

## די גרענעץ

וווּ איז די גרענעץ
צווישן טאָג און נאַכט?
צווישן לעבן און טויט
דויערט די שיין.

ווי אַ שלעכטער שווימער
שלינג איך די לופט
מיט אַ קרום מויל
און כ'ווער פון די כוואַליעס
פאַרטראָגן אין גרויל.

אינעם סוף פון דער צייט
אַלץ הייבט אָן זיך פון דאָס ניי.
דורכזיכטיק ווערט די וועלט,
אין צער ווערט געבוירן די פריידּ
און טרערן ווערן פּערל.

שמואל איזבאַן / ניו־יאָרק

# די וואונדערס פון אַ האָר־פּאַרוק

(דערציילונג)

1.

פּיט ראַיען, אַ ניו־יאָרקער בילדער־איינראַמער, האָט אין אַ פראָסטיקן ווינטער אויפדערנאַכט, געהאַלטן ביים שליסן זיין טיף טונקעלע קראָם. די קראָם, וואָס האָט פון אַן אויסגעשפּיצטן ווינקל־מויער אַרויסגעקוקט אויף דער פינצטערער באַוערי, האָט געהאַט דעם אויסזען פון אַ טונקעלן אַנטיקוואַריאַט. שווערע שאַפעס מיט קאָסטבאַרע געמעלן, מיט ווערטפולע אַנטיקן, אויסגעשניצט פון גאָלד, באַצירט מיט גראַווירן, האָבן פאַרשטעלט די הויכע ווענט.

די סטעליע, אונטערגעשפּאַרט פון שטיינערנע קאָלאָנעס, איז געווען אויסגעוועלבט ווי אַ הימל. איינס נאָך ס'אַנדערע האָט דער בילדער־איינראַמער פאַרלאָשן די עלעקטרישע לעמפּלעך, וואָס האָבן ווי שוואַכע אויגן אַראָפּגעגלאָצט פון דער בלויער סטעליע.

צוגייענדיק צום ברייטן שוי־פענצטער, וואָס איז געווען באַצירט מיט דינע אייז־בלומען, האָט ער אַ ווײלע אַרויסגעקוקט אויף דער גאַס. ס'האָט געשאָטן אַ געדיכטער שניי. ער האָט אַ צי געטאָן אַ שטריקל און די שווערע ראָלעט איבערן שוי־פענצטער, ווי אַ בינע־פאָרהאַנג, האָט זיך אַראָפּגעלאָזט.

דער טאָג אַרבעט איז געווען פאַרענדיקט. פּיט אַליין איז געווען אַלט, צעקנייטשט ווי אַ קברות־מאַן. זיינע מידע אויגן האָבן געשלומערט. די רויטלעכע געקאַרבטע באַקן זיינען געווען פול מיט שפּאַלטן, ווי אַ מויער וואָס קרישלט זיך. אַריינשטעקנדיק ביידע שפּיצן הענט אין די טעשלעך פון זיין רויטער סאַמעטענע וועסט, האָט ער ביים שיין פונעם אייניציקן לעמפּל, וואָס ער האָט געלאָזט ברענען, געכאַפּט דעם לעצטן בליק אויף די בינטלעך דיפּלאָמען, בילדלעך און מעדאַלן, וואָס קונדן האָבן היינט אַריינגעבראַכט. די באַשטעלונגען האָבן געוואַרט מען זאָל זיי איינראַמען און שיצן אונטער גלאָז.

ער האָט געזוכט אויף דער וואַנט די דאַטע און די שעה. דער קאַלענדאַר האָט געוויזן דעם 31טן דעצעמבער. דער הענג־זייגער האָט אויסגעשלאָגן זיבן. דאָס האָט געמיינט: פינף שעה ביז צום אויסגיין פונעם אַלטן יאָר. פּיט איז צוגעגאַנגען פאַרמאַכן די אַרויסגאַנג־טיר.

אַ פאַרשנייטער, געוויקסיקער מאַן, אָנגעפּעלצט ווי אַן עסקימאָס, איז אים אַנטקעגן געקומען אויף דער שוועל:

— נאָר איין ווײלע, פּאָפּ.

— קיין באַשטעלונגען מער היינט! איך שליס! — האָט ער אָפּזאָגנדיק, געוואַרט דער פרעמדער זאָל זיך אָפּטראָגן.

דער פרעמדער האָט אויפגעקנעפּלט זיין שווערן מאַנטל, אַראָפּגעוויקלט דעם גרינעם וואָלענעם האַלדזטוך און אָפּגעשאָקלט פון זיך דעם שניי, וואָס איז זיך צעפלויגן ווי געשליסענע פעדערן.

— דו וועסט מיך נישט אַרויסטרייבן, פּאָפּ. איך קום פון ווירזשיניע.

— מעגסט אפילו קומען פון אַלאַסקאַ

— האָט פּיט דעם פרעמדן אָפּגעזאָגט — ס'איז אַ פּרינציפּ, כ'נעם נישט אָן קיין אַרבעט די לעצטע נאַכט פון יאָר.

— אַ פּרינציפּ?

— אַן אָבערגלויבן. עס גייט איבער פון זיידן צום טאַטן, פון טאַטן צום זון. און איך, ווי אַ געטרייער איירישמאַן — האָט ער שטאָלץ אויף זיך געטייטלט — היט אָפּ משפּחה־טראַדיציע.

דער פרעמדער האָט זיך אַ פּאַטש געטאָן אין די הענט אַריין.

— וואָס ווייסטו! נישט אויסצוהיטן זיך פון מיינע שטאַם־ברידער! אויף אַלע שייד־וועגן איבערן לאַנד באַגעגען איך זיי... אפילו אין די קאַנאַלן און רערן פון ניו־יאָרק פליסט דאָס בלוט פון מיינע רויט־האָריקע ברידער... כ'וועל וועטן, אַז נאָך אַ געשמאַקן איבערשמועס וועט זיך אַרויסווייזן, אַז מיר ביידע באַלאַנגען צו איין משפּחה־בוים...

— ביסט איריש? — האָט ער אים
באַטראַכט מיט קנאַפּן צוטרוי.
— פון בלוט און פליש !
— קענסט באַווייזן
— כ׳וועל אויסזינגען אַ מעלאָדיע וואָס
וועט דיך רירן. עס וועט צוואַרעמען
דיינע אָדערן. אַ מעלאָדיע מיטן איירישן
טראַפּ. איינשטימיק? און לאָמיר זיך באַ־
קענען. דיין נאָמען אויף דער שילד איז
פּיט ראַיען. איך הייס ביל קינג.

ביל האָט זיך אַוועקגעשטעלט אין דער
פּאָזע פון אַן אַקטיאָר. ער האָט פאַרגלאָצט
די רויטלעכע שוואַרץ־באַברעמטע אויגן
און מיט אַ ברייט אָפן מויל זיך גענומען
לאַנגזאַם וויגן צום טאַקט פון דעם צע־
צויגענעם ניגון:

...ווהען איַריש איַיס אַר סמיילינג,
שור... די וואָרלד איז בראַיט ענד געי...*)

בשעת ביל האָט געזונגען, האָט פּיט
ראַיען אַריינגעשטעקט די טייטל־פינגער
פון ביידע הענט אין די וועסט־טעשלעך
און פאַרזיכטיק געפּאַרשט דעם אויסטער־
לישן איירישמאַן. אונטערן קלאַנג פון די
מענער, האָבן זיינע מידע אויגן אויפגעע־
לויכטן. איבער די רויטלעכע געקאַרבטע
באַקן זיינען אויפגעאַנגען שטריפן פרייד.
ער האָט ביל׳ן נישט געלאָזט ענדיקן זינ־
גען און אַרויסגערוקט פאַר אים אַ ווייכן
אויסגעבעטן שטול:

— זעץ דיך. מיט וואָס קען איך דיר
העלפן?

ביל קינג האָט ברייטלעך אויסגעטאָן
דעם שווערן מאַנטל, דערנאָך אַרויסגעע־
שלעפּט פון בוזעם־קעשענע אַ העלע, צע־
שויבערטע האָר־פּאַרוק פון היי־קאָליר
און זי אַוועקגעלייגט מיט חשיבות.

— צום איינראַמען.

פּיט האָט צוערשט געוואָרפן אַ בליק
אויף דער האָר־פּאַרוק, דערנאָך אָנגעע־
שטעלט זיינע אויגן אויפן גאַסט, ווי ער
וואָלט געוווען גערירט אויפן קאָפּ. ערשט
איצט האָט ער גוט באַטראַכט זיין אויסזען.
דאָס צעפּלאַטשטע, קאָכיקע פנים האָט נישט
פאַרראַטן. ס׳איז געווען פון אַ הייס־
בלוטיקן איירישמאַן. די רויטע בלוט־
אָדערלעך איבער די באַקן זיינען געווען
צעשפּרייט ווי דינע נערוון איבער אַ צייַ־
טיקן בלאַט. די אויגן האָבן געמיניעט
גרינלעך־גרוי. אַ פּאַסיקל באָרד האָט
אַרומגעוויקלט דעם קין, ווי אַ געפלאָכטן
שטריקל. פּיט ראַיען האָט נישט געקענט
פעסטשטעלן ביל׳ס עלטער. איז ער אַ
פערציקער? אַ זעכציקער? די יאָרן האָבן
זיך באַהאַלטן אונטער דעם רייפן, אויס־
געשטויסענעם קערפּער, וואָס איז געווען
שטייף און מוסקולירט, ווי ביי אַ פּרייז־
באָקסער.

דער אַלטער איינראַמער האָט נאָך אַמאָל
אַ קוק געטאָן אויף דער צעשויבערטער
האָר־פּאַרוק און געצויגן מיט די אַקסלען:

— אויסטערליש! כ׳בין געוווינט אַריינ־
צוקריגן אַנטיקן. מען באַשטעלט איינצו־
ראַמען זעלטענע אָנדענקונגען. מען ברענגט
מיר איינצופּאַסן אונטער גלאָז אַ שלאַכט־
פאָן, אַ שפּליטער פון אַ געזונקענער שיף,
אַ פליגל פון אַן עראָפּלאַן. אפילו אַש פון
דער קרעמאַטאָריע וויל מען שיינען אין
ראַמען. אָבער אַ האָר־פּאַרוק־ אויסטער־
ליש! אויסטערליש!

— די פּאַרוק האָט הינטער זיך אַ לאַנ־
גע געשיכטע, פּיט ראַיען.

— פון אַן אַקטיאָר?

— ניין. פון אַ העלד, פון דורות העלדן.
דער צעשויבערטער קנויל האָר איז אַלט
העכער דריי הונדערט און פופציק יאָר.
די פּאַרוק האָט באַקליידט דעם קאָפּ פון
אַ פּיאָנער פון דער „מעיפלאַוער". עס האָט
זי געהאַט געטראָגן אַ זעלנער פון אַמעריִ־
קאַנער אויפשטאַנד, דערנאָך אַ שקלאַפן־
הענדלער פון דער סאַוט... אַ וואַנדערנ־
דיקער קנויל האָר, פּיט ברודער! איצט
ברענג איך די האָר צו באַגרעבעניש. זאָל
די פּאַרוק רוען אין אַ ראַם, הינטער גלאָז.

— האָסט אַ טרונק, וואָס צעקאָכט די
אָדערן? אַ הייסער זופּ, סקאָטש, פּיט ברו־
דער, אַ וואַרעמען טרונק, און כ׳וועל
איבערדערציילן די וווּנדער־געשיכטעס
פון דער האָר־פּאַרוק...

פּיטס פאַרוווּנדערונג איז איבערגעגאַנ־
גען אין אַן אויפגעלייגטקייט. ער איז
פאַרשוווּנדן הינטער אַ פאָרהאַנג. ס׳האָט

*) ווען איירישע אויגן שמייכלען,
שטראַלט די וועלט און איז פול
מיט פרייד...

נישט געדויערט מער ווי איין ווײַלע און עס האָט זיך באַוויזן אַ פלאַש סקאַטש מיט צוויי גרינע גלעזלעך. פּיט איז געגאַנגען פאַרשליסן די געוועלב־טיר, און ביל האָט זיך באַקוועמער אַרײַנגעזעצט אינעם אויסגעבעטן שטול. פון מונטערקייט האָט ער אויפגעקנעפּלט זײַן לויזן תּאַמעטענעם ראָק און פאַרוואָרפן אַ פוס איבער אַ פוס. ער האָט צערטלעך געגלעט דעם פאַרוק, ווי מען גלעט דעם קאָפּ פון אַ קינד. און וווּנדער איבער וווּנדער, די האָר, צעבלאָזענע, צעפלויגענע, ווי היי־פּעדים, האָבן אָגעטראָגן ווירבל־ווינטן. די ווירבל־ווינטן האָבן איבערגעשטעלט די צײַט און צוריקגערישט דעם קאַלענדאַר אויף העכער דריי הונדערט און פופציק יאָר...

## .2

...אין סעפּטעמבער, 1620 איז די שיף „מעיפלאַוער“, אַ געפּאַקטע מיט פּילגרימען, געשוווּמען איבער די בלויע וואַסערן פון אַטלאַנטיק. טראָץ די שטורעמווינטן האָבן די פּילגרימען, פרומע פּראָטעסטאַנטן, געטאַנצט פון באַגײַסטערונג, וואָס זיי דערנענטערן זיך צום נײַעם לאַנד. אין די קאַרגע זוניקע טעג זײַנען זיי אין גאַנצן נישט אַראָפּ פונעם דעק. זיי האָבן אויסגעמיטן שפּילערייען און אָפּגעריכט תּפילות. אין די פאַרנאַכט־שעהן האָבן די ווײַבער געשטריקט און געהעקלט. די מאַנסבילן האָבן געזויגן ליולקעס און געמאַכט פּלענער צו גרינדן דעם ערשטן ישוב ניי־פּלימוט. פאַרן שלאָפן גיין, כּדי זייערע ווונטשן זאָלן דערפילט ווערן, האָבן זיי ווידער געדינט גאָט.

צווישן די פּאַסאַזשירן האָט זיך אַרומגעדרייט אַן אויסטערלישער פאַרשוין, וואָס איז, פונקט פאַרקערט ווי די גאָטספאָרכטיקע פּילגרימען, געווען אַ פרייידיקער, אַפילו אַ לעסטערער, ווײַל ער האָט אָפּגעשפּעט פון די פּינקטלעכע גאָטעסדינסטן. ער איז געווען אַן אויסגעצויגענער און איבערגעבויגענער ווי אַ קרום־געוואַקסענער בוים. זײַן פּנים דורכגעבאַקן פון די ים־ווינטן און די קאַלעמוטנע אויגן — ווי בײַ אַ ווילדן ים־פויגל. ער האָט געהייסן יאָהאַנעס.

יאָהאַנעס האָט תּמיד געהאַלטן פולע הענט מיט קאָלירטע שטיינדלעך און פּאַטשערקעס און זיך אײַנגערעדט, אַז ער וועט דערפאַר אײַנהאַנדלען בײַ די אינדיאַנער גרויסע שטיקער לאַנד. דער עלטסטער פון די פּילגרימען, אַ גרייז, וואָס האָט אין זינען געהאַט, אַז בײַם אַריבערטרעטן די נײַע וועלט, וועט ער דאַרפן פירן מיט זיך די ביבל און די ביקס, האָט געלאַכט פון יאָהאַנעסעס חלומות. ער האָט געזאָגט:

— פאַלשע שטיינדלעך, פונקט ווי פאַלשע שמייכלען, קענען בלויז פאַרשפּילן קינדער... דעם אינדיאַנער וועסטו מיט דעם נישט געווינען. און ווייס, יאָהאַנעס, דער אײַנגעבויגענער איז אייפערזיכטיק אויף אונדז, ווײַסע דעראָבערער, וואָס קומען באַזעצן דאָס נײַע פאַרוואָרלאָזטע לאַנד.

דער פרומער, גאָטספאָרכטיקער גרייז איז געווען געשלאָגן מיט קורצזיכטיקייט. ווי ערלעך ער איז געווען, אַזוי אָן פאָרשטעלונגס־קראַפט. ער האָט נישט געקענט פאָרויסזען, אַז מיט זעקס יאָר שפּעטער, וועט אַן אַנדער פּילגרים, פּיטער מינואיט, אָפּקויפן בײַ די אינדיאַנער דעם גאַנצן מאַנהעטן־אינדזל פאַר שטיינדלעך, שפּיגעלעך און גלעקעלעך. און דאָס פאַר פיר און צוואַנציק דאָלער די ווערט.

יאָהאַנעס האָט נישט אויפגעהערט צו רייצן די פּאַסאַזשירן מיט זײַן צירונג. די רייד פונעם גרייז האָבן נישט געמינערט די ווערט פון זײַנע שטיינדלעך. מיט דער צײַט האָבן נישט אַלע פּילגרימען געקוקט מיט גרינגשעצונג אויף זײַנע אײַנרײדעניש. אויב די פרומע מאַנסבילן האָבן בלויז אין זינען געהאַט די ביבל און די ביקס, האָבן טייל ווײַבער, צווישן קאָכן און שטריקן, אויך אין זינען געהאַט דעם שפּיגל.

איינע, דאָס ווײַב פון אַ פּילגרים, הונגעריק נאָך פוץ, גײַציק נאָך ביליקער צירונג, האָט נישט אויסגעהאַלטן פון דעם בליאַסק פון די קאָלירטע שטיינדלעך און געזוכט מיט אַלערליי ווײַבערישע שפּיצלעך דאָס אַרײַנצוקריגן פאַר זיך.

יאָהאַנעס, אַן ריטערלעכער באַנעמונג, קאַלט צום ווײַבערישן וואָפן, האָט איר

אָפּגעזאָגט. ער איז בלויז געווען גרייט אַוועקצוגעבן די איידלשטיינער פאַר אַ ווערט־אויסטויש. דעם פּילגרימס ווייב איז נישט אָפּגעטראָטן. זי האָט אפילו אָנגעבאָטן אַ הויכן פּרייז. יאָהאַנעס איז געווען נייגעריק און געפרעגט:

— וואָס קענסטו מיר פאָרשלאָגן אין אויסטויש?

— אפילו מיין פּאַרוק! — האָט זי אַנטשלאָסן געענטפערט.

— דיין פּאַרוק?

— יאָ, מיין פּאַרוק איז מזלדיקער פון אַ טאַליזמאַן. זי איז אָנגעשטאָפּט מיט כּישוף. זי שיצט פון באַטרוג און געפאַר. די פּאַרוק שטאַמט פון ענגלישן קעניגלעכן הויף. דזשיימס דער ערשטער האָט דורך איר געהיילט אַלע זיינע קרובים. ער האָט זי געקראָגן פון אַן אינדישן פּריזירער... אַז אַ מיטגליד פון דער דינאַסטיע אָדער איינער פון דער הויף־דינערשאַפט איז אַוועקגעפאַלן, האָט מען אָנגעטאָן אויף דעם קראַנקנס קאָפּ די פּאַרוק און דער קראַנקער איז געגעזן געוואָרן. אַ דערבאַרעמדיקע נאָנע האָט דאָס מיר געשאָנקען. אויך מיר האָט די פּאַרוק אָפּגעדינט. נאָך דעם ווי מיין זון איז אויסגעלייזט געוואָרן פון די שווערע פּאַליקע, האָט זי פאַר מיר קיין נוצן מער... נעם זי אין אויסטויש פאַר דיין צירונג, יאָהאַנעס. דיר, אַן איינשטעלער און אַוואַנטוריסט וועט דער האָר־קנויל העלפן אין וועג. עס וועט דיך נישט פון איין צרה אַרויסדרייען.

יאָהאַנעס האָט לאַנג אָנגעקוקט דאָס לוסט־ווייב מיט אומצוטרוי און באַשלאָסן:

— כ׳וועל נעמען די פּאַרוק, דו פרייַלעכע שפּילווייב! נאָר אויב דו נאַרסט מיך, אויב אין דער פּאַרוק שטעקט נישט קיין כּישוף, וועל איך פאַרגעסן אַ כ׳בין אַ פּילגרים, כ׳וועל פאַרגעסן אָן דעם ביקס און אָן דער ביבל און כ׳וועל דיך אַריינוואַרפן אין ים אַריין, איידער מיר דערנענטערן זיך צו די לאַנד־ברעגן.

ווי נאָר יאָהאַנעס האָט צוגענומען די פּאַרוק, איז ער געוואָרן אַן אַנדער מענטש ער האָט אָנגעהויבן נאָכצוקוקן צניעות־דיקע ווייבער. זיינע בייזע, קאַלעמוטנע אויגן זיינען געוואָרן אָנגעגאָסן מיט לוסט.

די אָפּשטויסנדיקייט איז פון אים אַוועק. זיין שטרענגע צונג איז געוואָרן ווייכער. דאָס פאַרהאַלטן זיך מיט מענטשן — צוגעלאָזענער. טייל פון ווייבלעכן געשלעכט, וואָס האָבן פריער זיך געהאַט געשראָקן פאַר אים, האָבן איצט אויסגעפונען, אַז זיין שווערער, צעוואַקסענער קערפּער איז אַטלעטיש; זיין גראָב, האַרט פּנים איז שיין.

יאָהאַנעס האָט אָפּגעצאָלט פאַר דער ווייבלעכער אויפמערקזאַמקייט מיט ריטערלעכקייט. ער האָט זיי געמאַכט אָנבאָטן פון ליבע. די פּראַקטיקע פּיאָנערן האָבן אים מיט האַרטע רייד געשטראָפט. מיט אַמאָל איז אָנגעקומען אַ שטורעם. די שיף איז פאַרשווענקט געוואָרן פון די בורויזנדיקע כוואַליעס. די זעגלען זיינען געווען אָנגעצויגן ביז צום פּלאַצן. און דער עלטסטער פון די פּילגרימען איז געווען איבערצייגט, אַז צוליב יאָהאַנעסעס זינדיקע געדאַנקען ווערט דער ים שטורמישער און מען קאָן נישט לאַנדן ביי די האָדסאָן־ברעגן, ווי עס איז פון פריער געווען געפּלאַנט.

אַז דער שטורעם איז אַריבער און די „מעיפלאַוער" האָט זיך געשטעלט ביי די ברעגן פון דער נייער וועלט, האָט דער לעסטערער יאָהאַנעס, דער ערשטער באַטראָטן די ערד. ער איז אָבער נישט געבליבן מיט די פּילגרימען, נישט געהאָלפן זיי בויען דעם ערשטן ישוב ביי פּלימוט. ער איז געלאָפן קיין ווירדזשיניע, וווּ מען האָט צוגעזאָגט גאָלד־גרובן. עס האָט אים אָפּגעגליקט. ער האָט איינגעקראָגן רייכע שטרעקעס לאַנד. פון דאָרט האָט ער ווידער זיך געיאָגט קיין ניי־העמשיר, וווּ עס האָבן זיך געהאַט באַזעצט יעגערס, פישערס און פעל־הענדלערס. יאָהאַנעסן האָט דאָס מזל אַריינגעשפּילט. אין אויסטויש פאַר שטיקער לאַנד האָט ער אַריינגענומען אין זיין באַזיץ געלט און סחורות. דער פאַרדאַכט אַז אין דעם פּאַרוק שטעקט כּישוף, איז געוואָרן שטאַרקער און ער האָט זיך מיט איר נישט געשיידט אויף קיין איין טאָג. ער האָט דערפון דערציילט יעדן איבערזידלער ביי דער ערשטער באַגעגעניש.

(המשך אויף זייט 53)

# א הסתדרות
# אניואיטי טראסט-קאנטראקט

— פון דער —

# ישראל הסתדרות פונדאַציע

אינקאָרפּאָרייטעד

פאַרזיכערט אייך און אייער פרוי:—

- אַ יערלעכע הכנסה אַזוי הויך ווי 20% (לויט די יאָרן) און
- באַדייטנדיקע איינשפּאָרונגען:

הכנסה־שטייער, ירושה־שטייער, „פּראָבעיט"־הוצאות, ווי אויך פונעם „קאַפּיטל־געינס"־שטייער אויף סעקיוריטיס, וואָס איר האלט לענגער ווי 6 חדשים.

**זייט איר פאַראינטערעסירט...**

**אין העלפן זיך אַליין דורך העלפן ישראל?**

אויב יאָ... טוט זיך אַליין אַ טובה און דערקונדיקט אייך וועגן דעם נייעם 20% פּראָצענט הסתדרות אַניואיטי טראָסט פונדאַציע.

דזשעק קאַהאַן, פּרעז. עמעריטוס

דזשאָדזש ס. שוואַרץ, פּרעזידענט • אברהם פרענק, דירעקטאָר

שניידט אוים דעם קופּאָן און שיקט צו דורך פּאָסט:

**HISTADRUT ANNUITY TRUST**
**of the ISRAEL HISTADRUT FOUNDATION, Inc.**

8455 Beverly Blvd., Los Angeles, Calif. 90048 — Tel. 651-4892

APPLICATION for Histadrut Annuity Trust Agreement

To be issued to ..............................

Address ..............................

Date of Birth .............. Soc. Sec. No. ..............

Principal Amount $ ..............................

Date .............. Signature of Applicant ..............................

(ש. איזבאַן — המשך פון זייט 51)

כאָטש די פּאַרוק, צעקעמט אין לאָקן, אין גלעקעלעך — האָט זיך געפּאַסט פאַר אַ פרויען־קאָפּ, האָט ער זי פון דעסט־וועגן געטראָגן יעדעס מאָל ווען ער האָט באַטראָטן ניי לאַנד, געטראָגן ווי אַ צייכן פון מזל. מענטשן האָבן אים געהאַלטן פאַר אַ שוואַרצקינצלער און זיינען אים נאָכגעלאָפן. יאָהאַנעס איז געווען צופרידן וואָס ער ליגט אין די מיילער פון אַלע קאָלאָניסטן און וואָס מען צעטראָגט זיין נאָמען איבער ווייטע שטרעקעס.

אין ניי־העמשיר האָט מיט יאָרן שפּע־טער געווירטשאַפט אַ קאַפּיטאַן, דזשאָן מאַסאָן, אַ פאַנטאַזיאָר און אַוואַנטוריסט, וואָס האָט געפּלאַנט אַריינצוקריגן אין זיינע הענט דעם גאַנצן שטאַט. יאָהאַנעס האָט מיט אים געשלאָסן שותפות. ביידע האָבן אָנגעבאָטן דעם קעניג קאַרל דעם ערשטן אָפּצוקויפן די קאָלאָניע און גע־וואָלט דערפאַר דאָס רעכט אַריינצופירן דריי הונדערט טאָן פראַנצויזישן וויין אָן אָפּצאָל. דער אָנבאָט איז אָפּגעוואָרפן גע־וואָרן. יאָהאַנעס איז אָבער נישט אַראָפּ־געפאַלן ביי זיך. ער האָט אויסגעפונען אַז די רויטהויטיקע אינדיאַנער שבטים ברענען פון שנאה, וואָס די ווייסע איבער־זידלער דעראָבערן אַלץ גרעסערע שטרע־קעס לאַנד, הגם זיי קריגן באַצאָלט פאַר יעדן אַקער. און יאָהאַנעס האָט געזוכט די שנאה אויסצונוצן פאַר זיך.

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר וואָר־האַפטיק, אַז אין דער האָר־פּאַרוק האָט געשטעקט נישט בלויז כישוף און מזל, נאָר אויך אַ בייזע פלוך, אַ לוסט נאָך צעשטערונג. יאָהאַנעס איז געוואָרן אָנ־געשטעקט פון דער לוסט. זיין טייוולאָ־נישער פּלאַן איז געווען אַרויסצורופן אי־בער גאַנץ ניי־ענגלאַנד שרפות, חורבות, פאַרוויסטונגען אַזוי, אַז דעם קעניגס געזעץ־היטערס זאָלן זיך נישט קענען קיין עצה געבן מיט די אינדיאַנישע רעבעלן און זאָלן אויפגעבן זייער אויפזיכט איבער יענע שטאַטן.

יאָהאַנעס האָט זיך איינגערעדט, אַז דאָס איז אַ רעוואָלוציאָנערער איינפאַל ווי פּטור צו ווערן פון דער ענגלישער הערשאַפט. אָבער אַזוי ווי דער טייוול איז אין אים געזעסן, האָט ער נישט מודה געווען אַז דער ווונטש קומט פון אַ האָר־פּאַרוק, אָנגעשטעקט מיט לוסט נאָך פאַר־ניכטונג. ער האָט דערפון נישט געוואָלט טראַכטן. קיין געוויסן־פּלאָגעניש האָט ער נישט געהאַט. פון רחמנות איז ער געווען ווייט. די קונסט פון פריידיקן שנאה האָט ער געקענט. האָט ער מיט הינטערליסטיקייט גענומען אויפרייצן די עלטסטע פון די שבטים קעגן די אַריינ־דרינגער. זיינע העצ־רייד האָבן געטריבן די אינדיאַנער צום וואָפן. איינס נאָך ס'אַנדערע זיינען אונטערגעצונדן גע־וואָרן די ישובים פון די פּיאָנערן. אין דעם מוראדיקן איבערפאַל אויפן טאָל פון קאָנעקטיקוט האָט געשטעקט יאָהאַנעסעס האַנט.

יאָהאַנעס איז אַלט געוואָרן, זיינע האָר זיינען ווייס געוואָרן. אָבער דער קאָליר פון דער פּאַרוק האָט זיך נישט געביטן. גאָלדענע פרענדזן און שטראַלנדיקע לאָ־קעלעך זיינען געווען אויסגעראָלט אַרום דעם שייטל. דער כישוף אין האָר־קנוילן איז נאָך געווען שטאַרק ווי אַמאָל, אָבער יאָהאַנעס אַליין איז געוואָרן אָנמעכטיק. מיד פון זיינע מיאוסע טאַטן, דערשעפּט פון פאַרגאַנגענע פאַרברעכנס, האָט יאָ־האַנעס זיך געוואָלט אומקערן צו די ער־שטע פּילגרימען. ער האָט אָבער מורא געהאַט פאַר נקמה, מורא געהאַט פאַרן טויט און געזוכט שוץ אין אַן אינדיאַנער לאַגער אין פענסילווייניע.

דער עלטסטער פון דעם אינדיאַנער שבט, אויסגעטעריקנט און צעקנייטשט, ווי ער וואָלט געווען אַ צייט־זון פון אָדמען, האָט געוווּסט פון יאָהאַנעסעס דינסט פאַר זיין רויטהויטיקן שטאַם און געוואָלט אים באַלוינען. ער האָט ביי זיך גע־טראַכט: „פאַר די ווייסע — אַ פאַררעטער, פאַר די רויטהאָריקע — אַ „רעטער״. און ער האָט אים אַוועקגעגעבן זיין יינגסטע טאָכטער, אַ שיינע, הייס־בלוטיקע אינ־דיאַנערין. די אינדיאַנערין האָט ליב גע־האַט איר ווייסן מאַן, כאָטש ער איז געווען געגוג אַלט צו זיין איר פאָטער. זי האָט באַגערט צו האָבן פון אים קינדער. אָבער יאָהאַנעס איז שוין געווען אָנמעכטיק ווי אַ מאַנסביל, און איר טראַכט איז געבליבן פאַרשלאָסן.

* * * * *

יאָרן זיינען פאַריבער. די עלטער האָט זיך געלייגט אויף יאָהאַנעסן ווי אַ שווערע לאַסט. און ווען ער איז געוואָרן בלינד, האָט דאָס ווייב פון זיינעטוועגן געקוקט אויף די בלומען און רעגנבויגנס. און ווען ער איז געוואָרן טויב, האָט זי פון זיינעטוועגן זיך איינגעהאָרכט צום שאָרך פון גראָז און צום רויש פון די שטורעמווינטן.

אין יענער צייט האָבן די מלחמות צווישן די אינדיאַנער און ווייסע זיך געהאַט אָפּגעשטשעלט. דער פאָטער פון די קוויקערס, וויליאַם פען, האָט געשלאָסן אַ בונד מיט די קריגערישע שבטים, אַז ווי לאַנג גראָז וועט וואַקסן און וואַסער וועט פליסן, וועלן ביידע פעלקער לעבן אין פרידן.

יאָהאַנעס, בלינד און טויב, זיין ווייסער קאָפּ באַקליידט מיט דער גאָלדהאַריקער פּאַרוק, האָט פאַרן טויט געזוכט אַ וועג ווי נאָך אָפּצוואַשן די פלעקן פון זיין נשמה און צוריק אַריבערגיין צו די ווייסע. עס איז אָבער געווען צו שפּעט. ער איז געשטאָרבן אָן דערלייזונג.

דאָס אינדיאַנישע ווייב, רויטהויטיק און הייסבלוטיק, וואָס האָט יאָהאַנעסן שטאַרק ליב געהאַט, האָט באַטראַכט זיין אייגנטום, זיין צירונג, זיין קליידונג ווי אַ הייליקייט און זי האָט צוזאַמען מיט זיין קערפּער באַערדיקט זיין פּאַרוק.

עס איז געווען אין דעם יאָר, ווען איבער גאַנץ פּענסילווייניע איז געקומען בענטשונג און שפע, און אויף אירע דערפער זיינען אויפגעגאַנגען די רייפע פעלדער פון ווייץ און קאָרן.

## .3

די האָר־פּאַרוק איז צוריק געקומען צום לעבן מיט הונדערט יאָר שפּעטער. עס איז געווען אָנהייב 1775, ווען די אַמעריקאַנער האָבן זיך געגרייט צום אויפשטאַנד קעגן דער ענגלישער קרוין. אַ באַסטאָנער פּאַטריאָט, וויליאַמס, אַ וועג־אויסשפּירער, געיאָגט פון אַרמיי־שפּיאָנען, האָט, וואַנדערנדיק דורך געדריטע וועגן, אַנגעשפּאַרט ביז פּענסילווייניע. גראָבנדיק אַ שוץ־אויסהויל אין דער ערד פאַר אַ באַהעלטעניש, האָט ער זיך אָנגעשטויסן אויף יאָהאַנעס ביינער און אויף דעם קעסטל מיט דער האָר־פּאַרוק. די ביינער האָט ער געלאָזט ליגן און די פּאַרוק האָט ער אויפגעהויבן, כדי זי צו נוצן ווי אַ מאַסקע, צו קענען אַנטרינען פון זיינע יעגערס. נאָך הונדערט יאָר באַגראַבעניש איז די פּאַרוק נישט געווען באַשעדיקט. די לאָקן זיינען געבליבן אויסגעקעמט, די זיידענע פּרענדזן אויסגעגאָלט, דער שרונט אין פראָנט זאָרגפעלטיק פאַרלייגט. בלויז דער מיניענדיקער שיין פון די האָר איז געווען אָפּגעבליאַקעוועט. פון דער זוניקלר גאָלדיקייט איז געבליבן אַ טרוקענע אַשבלאָנדיקייט.

אָבער דער באַסטאָנער פּאַטריאָט איז נישט געווען אין געמיט צו טראַכטן וועגן דעם אָריגינעלן קאַליר פון די האָר. ליגנדיק אין דעם ערד־אויסהויל, באַדראָט פון דער געפאַר אומצוקומען דורך אַ קויל פון אַן ענגלישן וועג־פּאַטרול, איז אים גאָרנישט אויפן זינען געקומען זיך צו גריבלען אין דעם אָפּשטאַם פון דער אויסטערלישער מציאה. די פּאַרוק האָט פאַר אים געדינט ווי אַ גראָבאייזן זיך דורכצוקאָפּען אַ וועג צו זיין פרייהייט. ער האָט טאַקע די פּאַרוק אָנגעטאָן, מיט גרויס איינשטעלעניש זיך דערשלאָגן צום ערשטן פאַרם און דאָרט זיך באַזאָרגט מיט אַ לאַנג פאַלדן־קלייד. און אַזוי, פאַרשטעלט פאַר דעם פאַרמערס ווייב, מיט צוויי קוישן גרינצייט אויף ביידע הענט, איז ער, דורך וועג־פאַרצוימונגען און מיליטערישע וואַך־פּאָסטנס צוריק אָנגעקומען קיין באַסטאָן.

עס איז געווען פרילינג 1775. די לופט איז געווען אָנגעטרונקען מיט וויין־ריחות און דאָס אַמעריקאַנער פאָלק—רייף פאַרן אויפשטאַנד. רעבעלן אויף פערד האָבן דורכגעריטן אַלע קאָלאָניעס פון לאַנד און געוועקט צום קאַמף קעגן דער ענגלישער קרוין. דער פּאַטריאָט וויליאַמס האָט זיך דערוווּסט, אַז אין לעקסינגטאָן באַהאַלטן זיך אויס די צוויי פירערס, דזשאָן הענקאָק און סעמיועל עדעמס, אַז דער ענגלישער גענעראַל גיידזש האָט אַרויסגעשיקט מיליטער זיי צו אַרעסטירן. ער איז אַוועק קיין לעקסיקאָן און אָפּזוכנדיק זייער באַהעלטעניש, האָט ער זיך

געשטעלט פאַר זיי אַ באַגייסטערטער און אויסגערופן:

אַמעריקאַנער! כ'האָב געפונען אַ פּאַרוק וואָס קען דינען ווי אַ קרוין.

— מיר קעמפן קעגן דער קרוין—האָט עדעמס פּראָטעסטירט — מיר רופן דאָס פאָלק צום אויפשטאַנד קעגן דער קרוין. און דו באַנוצסט זיך מיט דעם וואָרט אָפּצושאַצן אַ זאַך, וואָס איז פאַר דיר ווערטפול? וויליאַמס, דו האָסט דורכגעוואַנדערט די וועגן פון לאַנד, האָסט נאָכגעשפּירט די ענגלישע פּאַטרולן, וואָס האָסטו געבראַכט פאַרן ווילזיין פון די פרייע אַמעריקאַנער?

— אַ פּאַרוק, עדעמס. די פּאַרוק האָט מיך געשיצט פון געפאַר. ווען כ'האָב געטראָגן דעם האָר־קנויל אויף מיין קאָפּ, בין איך פריי דורכגעגאַנגען אַלע ענגלישע פּאַטרולן. כ'האָב אויסגעמיטן דעם טויט. זי וועט אייך אויך שיצן. גענעראַל גיידזש איז אויף אייערע שפּורן.

— מיר זיינען צוויי מענער און מיר האָבן צוויי קעפּ — האָט עדעמס גערעדט פאַר זיך און פאַר הענקאָקן — די פּאַרוק קען באַדעקן בלויז איין קאָפּ.

— איז נישטאָ קיינער צווישן אונדז, וועמען די פּאַרוק קען דינען?

עדעמס האָט זיך איבערגעקוקט מיט הענקאָקן, לאַנג זיך פאַרטראַכט און דערנאָך געזאָגט:

— גיב די פּאַרוק אונדזער פאַרטרויאונגס־מענטש, פּאָול רעוויר, ער דאַרף היינט ביינאַכט זיך אַרויסגנבענען פון באָסטאָן דורך דער הינטערשטער בוכטע, זיך זעצן אויף זיין פערד און וואָרענען דאָס לאַנד. פאַרשטעלטערהייט וועט ער קענען אָנשפּאַרן אין יעדער קיך און אין יעדן גאַסטהויז. אויב גאָט וועט זיין מיט אים, וועט אויך די פרייהייט זיין מיט אים.

דער באָסטאָנער פּאַטריאָט האָט געטאָן גענוי ווי מען האָט אים געהייסן.

און ווי נאָר פּאָול רעוויר האָט אָנגעטאָן די פּאַרוק, האָט זיין שיפל דורכגעשניטן די בוכטע מיט אַ קאַצן־שפּרונג. דאָס פערד, אויף וועלכן ער האָט זיך געזעצט, האָט געקראָגן פליגלען. די ברייטע וועגן, וווּ ער איז דורכגעריטן, זיינען איינגעשרומפּן. די צוואָרפּענע בערג זיינען איינגעפאַלן. די ביימער אין די וועלדער זיינען שיטערער געוואָרן, דורכצולאָזן דעם רייטער.

אין יענער נאַכט איז דאָס גאַנצע לאַנד אַלאַרמירט געוואָרן. פייער־שטורקאַצן האָבן געגעבן סיגנאַלן דעם פאָלק און באַלויכטן דעם וועג צו פרייהייט. אויפן טורעם פון דער באָסטאָנער קירך האָבן זיך אָנגעצונדן לאַמטערנעס, וואָס האָבן אָנגעזאָגט די רעבעלן, אַז גענעראַל גיידזש'עס מיליטער באַוועגט זיך. די ענגלענדער האָבן אָנגעהויבן דעם מאַרש קיין לעקסיקאָן. אָבער די קלויסטערגלאָקן, ווי אַ פריילעכע, ליאַרמענדיקע מוזיק, האָבן צו וויסן געגעבן פריער וועגן זיין קומען. קאָלאָניסטן האָבן זיך געקליבן פון אַלע וועגן מיט קאַלט און הייס געווער. די ערשטע שלאַכט האָט אויסגעבראָכן אין באַגינען ביי לעקסינגטאָן.

די ענגלענדער האָבן אַוועקגעלייגט צווישן די אויפשטענדלער טויטע און דערנאָך מאַרשירט קיין קאָנקאָרד. פאַרנעמענדיק דעם דאָרף, האָבן זיי אַוועקגעשטעלט אַ וואַך ביי דער בריק, אַ צייכן אַז זיי האַלטן די פּאָזיציע.

דאָס אַלץ, די שיסעריי, דער ערשטער נצחון, איז געשען ווי לאַנג פּאָול רעוויר איז נישט געווען אויפן קאַמפּס־פּלאַץ. ווי נאָר ער האָט זיך באַוויזן מיט דער האָר־פּאַרוק אויף זיין קאָפּ, האָט דאָס רעדל זיך אַ דריי געטאָן. ווי דורך אַ כישוף איז דער זיג פון די ענגלענדער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מפּלה. מוטיקע בונטאַרן, בראַווע אויפשטענדלער, האָבן זיך גערוקט דורך הינטערוועגן. זיי זיינען באַפאַלן די וואַך ביי דער בריק און אויסגעהרגעט די ענגלענדער ביז איינעם. דערנאָך האָבן זיי זיך געיאָגט נאָך גענעראַל גיידזשעס אָפּטיילונגען. די אַרומגערינגלטע ענגלענדער האָבן האָבן גענומען אָפּציען. דער צוריקמאַרש געווען אַ קאַטאַסטראָפע. דאָס מיליטער איז אָפּגעגאַנגען אין בלוט. אין דינסט פון אויפשטאַנד איז שוין געשטאַנען דאָס דאָס גאַנצע פאָלק. יעדן פרימאָרגן זיינען ביידע זייטן וועג געווען באַלאַגערט פון געניטע שיסערס, פון אַלטע אויסגעדינטע יעגערס, וואָס האָבן געצילעוועט אויפן אָפּטרעטנדיקן מיליטער פון הינטער יעדן

פעלדזן־שטיין, פון הינטער יעדן פאַרקאַן און פון הינטער יעדער מויער.

דער טאָג איז געווען זוניק און שטויביק און די אויבערהאַנט האָבן געהאַט די אַמעריקאַנער. זיי זיינען געווען בונטאַרן און געגאַנגען אָנגעטאָן אין וואָכעדיקע קליידער, אין גרויע קני־הויזן, אין טונקעלע איבערציערס; בעת די ענגלענדער האָבן געטראָגן גלאַנציקע געטרעס און האַלדז־בענדער. אונטער דער פרילינגזון, וואָס האָט געלויכטן און געברענדט, האָבן די שאַרפע קאָלירן פון די מונדירן געמיניעט ווי רעגנבויגן־ליכט, גערופן די שיסערס און די פאַרלוסטן פון אָפּציענדיקן מיליטער זיינען געווען ריזיק. די מידע, אויסגעשעפּטע רעשטלעך האָבן זיך קוים דערשלעפּט ביז צום טייך. זיי זיינען צוריק אַריבערגעשווומען קיין באָסטאָן און די קאָלאָניסטן, אונטער פאָול רעווירס אָנפירונג, האָבן געווונען די ערשטע שלאַכט.

פאָול רעוויר האָט געפייערט דעם זיג אין אַ טרונק־הויז, וואָס איז געשטאַנען אויף אַ שיידוועג. ער האָט אַראָפּגענומען די האָר־פּאַרוק פון זיין קאָפּ און אַ באַגייסטערטער זי געוויזן צו די אויפשטענדלער וואָס זיינען געזעסן אַרום אים איבער שוימיקע קופלעס ביר און געזאָגט:

— אַ פייערדיקן גלאָק האָב איך געטראָגן אויף מיין קאָפּ! דער גלאָק האָט געוועקט דאָס פאָלק צום אויפשטאַנד. דער גאָט פון אויפשטאַנד, וואָס איז דער גאָט פון גערעכטיקייט, האָט אַריינגעבלאָזן פון זיין אָטעם אין אָט די קנוילן האָר.

דאָס האָט דערהערט אין טרונק־הויז די שיינע מערי, דאָס מיידל וואָס האָט באַדינט די געסט. זי איז געווען אָרעם און דערשלאָגן. יונג ווי זי איז געווען, אינגאַנצן אַכצן יאָר, האָט זי שוין אָבער געהאַט געוווּסט פון ליבע, באַטרוג און פאַרלוסט. דער יונג, וואָס האָט איר געהאַט צוגעזאָגט פרייד און איבערגעלאָזט אַנטוישונג, איז געווען אַ פישער פון ראָוד איילאַנד, אייברעהאַם דער פיראַט, האָבן פאַטריאַטן אים גערופן. ער האָט זיך אָנגעשלאָסן אין די קאָנטראַבאַנדיסטן, וואָס האָבן געשטערט דעם ענגלישן טיי־האַנדל און איין מאָל האָט ער אפילו געהאָלפן אונטערצינדן אַ שיף ביי פּראָווידענס.

פאַר זיין אַוועקגיין אין שלאַכט האָט אייברעהאַם צוגעזאָגט זיין מיידל צוריקצוקומען דעמאָלט, ווען די שילד מיט קעניג דזשאָרדזשעס בילד, וואָס איז געהאָנגען פאַרן טרונקהויז, וועט אַראָפּגעריסן ווערן און אויפן זעלבן אָרט וועט הענגען אַ שילד מיטן בילד פון ערשטן אַמעריקאַנער פּרעזידענט.

צוויי יאָר זיינען אַוועק. די שיינע מערי האָט שטאַרק געוואָלט אייברעהאַם זאָל האַלטן וואָרט. דאָס האַרץ איז אויסגעגאַנגען פון בענקעניש. די שיינע אויגן האָבן געטרערט. אָבער אייברעהאַם איז נישט געקומען. מערי איז געוואָרן טרויעריקער. זי האָט אָפּגעוואָרפן אַלע ליבע־אָנבאָטן פון די דורכפאָרנדיקע געסט אין טרונק־הויז, און אָנבאָטן האָבן נישט געפעלט. אַ יונגער געזונטער פאַרמער פון ווירדזשיניע האָט איר צוגעזאָגט אַ שטיק פּרוכטבאַר לאַנד און ווייץ־פעלדער. אַ יעגער פון מאַסאַטשוזעטס האָט איר פאַרשפּראָכן פעל פון פוקסן און לעבעדיקע וועוויאָרקעס. מערי האָט געוויינט איבער די פאָרשלאָגן. די רייד פון די יונגען האָבן נישט געקענט וואַרעמען איר געמיט. יעדן פאַרנאַכט אין פראָנט, פאַר דער שויבן־טיר, מיט פאַרמאַכטע אויגן, ווי פאַר דעם הייליקן בילד, און אָפּגעוואַרט אַ נס.

דער פרילינג איז געקומען. אין דער לופט האָבן געקלונגען אַלאַרם־סיגנאַלן. עס האָט געפילדערט דער אויפשטאַנד. און דאָ, סוף אַפּריל, האָבן אין טרונק־הויז זיך אַריינגעשאָטן אַ פאַרטיע אויפשטענדלערס צו פייערן דעם זיג ביי קאָנקאָרד. דער אָנפירער, פּ אָ ו ל ר ע ו ו י ר, האָט פאַר זיינע נאָכפאָלגערס דערציילט וועגן דער צויבערלעכער האָר־פּאַרוק, און מער, אויפכאַפּנדיק זיינע רייד, איז צו אים צוגעשטאַנען:

— אויב ס'איז וואָר אַז ס'שטעקט צויבער אין דעם פּאַרוק, שענק זי מיר, רעבעל! אָן אַ כישוף־זאַך וועט מיין אייברעהאַם נישט צוריקקומען. ער איז אויך אַן אויפשטענדלער. ער איז געגאַנגען זיך שלאָגן פאַר פרייהייט. ער האָט פיינט דעם קעניג. ער פאַראַכט די טאָריס און קעמפט ווי אַ פּיראַט. כ'בין זיכער אַז ער לעבט. אויב ער איז נישט געפאַנגען גע־

וואָרן ביי קאָנקאָרד, געפינט ער זיך אין באָסטאָן. אויב ער איז דערטרונקען געוואָרן אין די וואַסערן פון טשאַרלסטאָן, באַהאַלט ער זיך אויס אין ווירדזשיניע.

— און ער וואַרט אויף דיר? — האָט פּאָול רעוויר געפרעגט.

— כ׳בין זיכער אַז ער וואַרט אויף מיר, רעבעל. שענק מיר די האַר־פּאַרוק. כ׳וועל בעטן גאָט אַז די קנוילן האָר זאָלן פינקלען מיט זייער־שטראַלן, צו באַלויכטן איבערעהאמס צוריקוועגס צום טרונק־הויז.

די רייד פון דער אָרעמער מערי האָבן געקלונגען ווי אַ געבעט. פּאָול רעוויר האָט אַוועקגעשאָנקען די האַר־פּאַרוק צו דער פאַרליבטער מיידל.

אַ טאָג שפּעטער איז די שיינע מערי נישט געווען צו דערקענען. די ענדערונג איז אָבער געווען צום שלעכטן. אין דער האַר־פּרוק האָט שטענדיק געשטעקט דאָס גוטס פון אַ מלאך און, צום אונטערשייד, דאָס שלעכטס פון אַ טייוול. עס האָט זיך געווענדט דערין, ווי אַזוי מען האָט די געשאָנקענע פּאַרוק באַהאַנדלט. זייענדן די טאַטן פון דעם פּאַרוק־באַזיצער געווען באַשיידענע, האָט די אויבערהאַטנ געקראָגן דער מלאך. זייענדן די פירונגען געווען פּאַרטיסענע, איז אַרויסגעשפּרונגען דער טייוול מיט זיינע שפּיצלעך און פּאַרפירערישע גענגלעך. דאָס טייוולשע, וואָס האָט אַזוי שטאַרק געוועלטיקט, ווען די פּאַרוק איז מיט הונדערט פופציק יאָר צוריק געווען אין באַזיץ פון יאָהאַנעסן, האָט אויך איצט געקראָגן די אויבערהאַנט ווען דער האָר־קנויל איז איבערגעגאַנגען צו דער אָרעמער מערי. מערין איז נישט אָנגעשטאַנען גלייך אָנצוטאָן די געשאָנקענע האָר. די צעקנאָדערטע פּאַרוק האָט זי צוערשט געוואַשן אין איילן און גענעצט אין שאַמפּע זאַלצן. דערנאָך האָט זי די האָר אויפגעראָלט, די לאָקן פּאַנאַנדערגעקעמט, פּאַרלייגט אין קרוינדלעך, אויסגעוויקלט אין פּאַפּילאָטן און פּאַרשלייפט מיט דינע באַנדל־בענדלעך. און אַז זי האָט די אויסגעפּוצטע פּאַרוק אָנגעטאָן אויף איר קאָפּ, האָט זי אויסגעקוקט ווי אַ מאַריאַנעטן־פּופּע.

פון יענער מינוט אָן איז מערי געוואָרן געשטרויכלט. זי איז געוואָרן אָנגעשטעקט מיט לוסט און פּאַרשיידענע באַגערן. איר טרויער איז אַוועק און געקומען איז שטיפערישקייט. פון דער בענקעניש נאָך איבערעהאַמען איז געוואָרן אַ צוגעלאָזנקייט צו יעדן מאַנסביל. צוריקגעהאַלטנקייט איז פּאַרוואַנדלט געוואָרן אין פרעכקייט.

סוף דעצעמבער האָט אין טרונק־הויז זיך באַוויזן אַ פישער־יונג פון מאַסאַטשוזעטס. ער איז געווען אַ מינוטמאַן, איינער פון יענע אויפשטענדלער וואָס זיינען געווען גרייט צו מאַרשירן יעדע מינוט קעגן שונא. ער איז געווען שיין און שטאַרק ווי אַ פעלדז פון די ראָקי־בערג. מערי האָט נישט געוואַרט אויף זיין ליבעאָנבאָט. זי האָט אים אָנטקעגנגעטראָגן אירע אָרעמס, איר הונגער נאָך צערטלעכקייט. זי האָט אים אַנטקעגנגעטראָגן איר יונג לייב, וואָס האָט געבענקט נאָך פרייד.

דער איבערראַשטער פישער־יונג האָט זיך איינגעגעסן אין מערין, ווי אין אַ געשמאַקן ביסן. ער האָט גענאָסן די פולע פרייען, וואָס איז באַשערט בלויז יענע אויסדערוויילטע, וואָס קריגן ליבע אָן פּיין. און אַז ער איז זאַט געוואָרן, איז געקומען די צייט זי צו פּאַרלאָזן. ער האָט זיך געאיילט. דער אויפשטאַנד האָט געפלאַקערט. די פליכט האָט גערופן. גענעראַל וואַשינגטאָן האָט געהאַט אָפּגעהאַלטן דעם זיג איבער די ענגלענדער אין טרענטאָן און אַרויסגעלאָזט אַ רוף צו אַלע פּאַטריאָטן און מינוט־מענער זיך אָנצושליסן אינעם ווייטערדיקן מאַרש. דער פישער־יונג האָט נישט באַדויערט וואָס ער גייט אַוועק. מערי איז ווידער געבליבן טרויעריק. זי האָט זיך דערמאָנט, אַז זי האָט ערגעץ אויף די וועגן פּאַרלוירן איבערעהאַמען.

די האָר־פּאַרוק, וואָס האָט געזאָלט דורך מעריס געבעט צו גאָט, פינקלען מיט פייער־שטראַלן צו באַלויכטן איבעררעהאַמס צוריקוועגס אין דעם טרונקהויז, די פּאַרוק האָט פּאַרווישט אַלע וועגן, פּאַרטונקלט יעדע סטעזשקע און פּאַר איבערעהאַמען איז קיין צוריקוועגס נישט געווען. צוריקגעקומען איז בלויז אַ רעטונגס־גאַרטל, אַ לעדערנער קעפּ און אַינעם פּאַלד פון דעם קעפּ האָט געשטעקט אַ צעוויקטער בריוו. דער בריוו איז געווען קורץ און טרויעריק:

„אַז כ'וועל זיך שלאָגן אויפן לאַנד, וועל איך אויסהאַלטן ביזן סוף און כ'וועל צוריקקומען צום טרונק־הויז זען, ווי מען רייסט אַראָפּ די שילד מיטן בילד פון קעניג דזשאָרדזש... אַז כ'וועל זיך שלאָגן אויפן ים און דאָס וואַסער וועט מיך רופן צום אָפּגרונט, דעמאָלט וועל איך פאַרלירן מיין וועלט און דו וועסט פאַרלירן — דיינע."

מערי האָט זיך גיך אָנגעהויבן עלטערן. איר גלאַטע הויט איז געוואָרן גערונצלט און געלבלעך טרוקן, ווי אַ האַרבסט־בלאַט. אַרום די טיפע, אויסגעוויינטע אויגן האָבן זיך געקאַרבט פעלדלעך און קנייטשלעך. אָבער מיט דער האָר־פּאַרוק האָט זי זיך נישט געשיידט. אויך די טרונק־שטוב אויפן שיידוועג האָט זיך געענדערט. די געסט האָבן זיך געביטן. אָנשטאָט די געזונטע, אומרויקע פישער־יונגען און יעגערס, האָבן זיך באַוויזן געצעטע דורכפאָרערס מיט גראָבע וויסקער־בערד און מיט לאַנגע ליולקעס אין די מיילער. די דורכפאָרערס האָבן שטענדיק געהאַט צייט, קיין מאָל זיך נישט געאיילט. מערי האָט ביי קיינעם נישט אויסגענומען.

פערצן יאָר זיינען פאַריבער. די מלחמה מיט ענגלאַנד איז שוין לאַנג געווען געווונען; די רעפובליק איז געבוירן געוואָרן. און ווען דאָס גאַנצע לאַנד האָט געפייערט די איינשווערונג פונעם ערשטן פּרעזידענט, איז מערי, מיאוס און פאַרוועלקט, נאָך אַלץ געבליבן פאַרזעסן.

איבערהאַמס פּאָרויסזאָגונג איז וואָר געוואָרן. די פּאַטריאָטן האָבן אַראָפּגעריסן דאָס בילד מיט קעניג דזשאָרדזשעס בילד, וואָס איז געהאָנגען אין פראָנט פון דער טרונק־שטוב און אויפן זעלבן אָרט אַרויפגעזעצט דאָס בילד פון דעם ערשטן פּרעזידענט דזשאָרדזש וואַשינגטאָן.

מערי איז אַנטלאָפן פונעם טרונק־הויז. לויפנדיק האָט זי אַ פאַרצווייפלטע אַראָפּגעריסן פון איר קאָפּ די האָר־פּאַרוק און זי אַוועקגעשליידערט אויפן שיידוועג.

דער ערשטער דורכפאָרער, אַ שעריף פון סאַוואַנאַ, דזשאָרדזשיאַ, האָט די פּאַרוק אויפגעהויבן און זי געבראַכט צו זיך אַהיים. ער האָט זי אויפגעהאָנגען אַלס אָנדענק, אויף דער וואַנט, לעבן זיין יעגער־ביקס.

## 4

ווער האָט אויפגעוועקט די האָר־פּאַרוק, וואָס איז אָפּגעשלאָפן אויף דער וואַנט פונעם שעריפס הויז גאַנצע פינף און אַכציק יאָר? — אַ קאַובאָי פון אָקלאַהאָמאַ. און געשען איז דאָס אַזוי:

דער שעריף איז שוין לאַנג געווען טויט, אָבער זיינע קינדער האָבן געטריי אָפּגעהיט די וואַנט, ווו ס'איז געהאָנגען די האָר־פּאַרוק, די יעגער־ביקס און שטיקער פעל פון חיות.

זיי האָבן געוווסט, אַז דעם פאָטערס ביקס האָט נישט איין מאָל באַשיצט דאָס הויז פון אַן איבערפאַל פון אינדיאַנער, פון אַ פאַרבלאָנדזשעטער וואַלד־חיה און דערפאַר מוז מען דאָס וואָפן אויפהיטן ווי אַ רעליקוויע. מיט די יאָרן איז דעם שעריפס הויז איבערגעבויט געוואָרן. די דינע הילצערנע ווענטלעך זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין דיקע ציגל־מויערן. דער שטיינערנער דיל איז באַלייגט געוואָרן מיט גלאַנציקע פּאַרקעט־ברעטער. די גרויע טירן־פענצטער, געדעקט מיט פרישע פאַרבן. אָבער די וואַנט וואָס איז געווען באַהאָנגען מיט שטיקער פעל פון חיות, און מיט דער יעגער־ביקס און מיט דער האָר־פּאַרוק, איז נישט גערירט געוואָרן.

און ווייבאַלד די האָר־פּאַרוק איז נישט גערירט געוואָרן, איז זי געווען אויסגעלאָשן פון לעבן. די אויסטערלישע האָר־קנוילן האָבן געקענט אָפּטאָן כישוף, אויפלויכטן מיט װוּנדער, וואַרפן פון זיך צויבער־נעצן בלויז דעמאָלט ווען זיי האָבן באַקליידט די קעפּ פון מענטשן, וואָס זיינען געווען אין שטענדיקן אומרו, אין צושטאַנד פון באַוועגונג. שלעכטס אָדער גוטס, פיין אָדער פריינד, פּאַפּירעניש אָדער געלייטערטקייט האָבן נישט געהאַט קיין שליטה אויף דער האָר־פּאַרוק, ווען זי איז געווען אויסגעהוילט פון די וויברירנדיקע גלי־שטראַלן, לייַדיק פון די ציטערדיקע פייער־טראָפּנס, וואָס ברענגען אַריין אין יעדן טויטן קעגנשטאַנד לעבן. און ווייל קיין מענטש־

לעכע האַנט האָט נישט באַרירט די האָר־פּאַרוק דורך די גאַנצע 85 יאָר, איז די פּאַרוק געבליבן הענגען אַן אָנמעכטיקע און לעבנסלאָזע.

פייער לעשט נישט קיין פייער. אָבער זיין אויפגעבלאָזענער פלאַם קען אָנצינדן אַ צווייטן. און אַזוי האָט עס געטראָפן. אין דעם יאָר 1875 איז אַ גרויסע שׂרפה אויסגעבראָכן איבער די גרויסע לאַנד־שטרעקעס פון דזשאָרדזשיע. גאַנצע פאַרמס זיינען פאַרטיליקט געוואָרן פון פייער. גערטענער און פעלדער האָבן זיך געוויקלט אין רויך. די פלאַמען האָבן דערגרייכט דעם שעריפס הויז אין סאַוואַנאַ און אָפּגעווישט די ציגל־מויערן, די שטוב־מעבל, די שטיקער פעל פון חיות און אַפילו די יעגער־ביקס. בלויז די האָר־פּאַרוק, ווי זי וואָלט נאָכן דערשפּירן אויף זיך דעם ברי פון פייער, האָט געקראָגן פליגלען, האָט זיך אויפגעהויבן פון דער ברענענדיקער וואַנט און איז דורך די ווינטן פאַרטראָגן געוואָרן אויף די וויסטע וועגן פון דזשאָרדזשיאַ. זי איז גראָד אַרויפגעפאַלן אויפן קאָפּ פון אַ רייטנדיקן קאַובאָי, וואָס האָט געשמיסן זיין פערד אין אומגעהויערער איילעניש. דער קאַובאָי האָט געהאַלטן אין רוימען זיך אַ וועג צום נאָענטסטן שטעטל, וווּ עס האָט געוואַרט אויף אים זיין שטאַרבנדיקער פאָטער. ער האָט נישט געלייגט קיין גרויס אַכט אויף דעם פּאַרוק, וואָס איז אַראָפּגעפאַלן פון הימל גלייך אויף זיין קאָפּ און ער האָט זי פאַרשטעקט אין זאָטל. ער איז געווען מיד און דאָרשטיק. עס איז געווען אין מיטן יולי. אַ גליענדיקער נאָכמיטאָג. די זון האָט אָנגעהייצט הימל און ערד. ער האָט דורכגעריטן לאַנגע מיילן פון באַגינען אָן. די מאָסקיטן האָבן געביסן. דער דאָרשט האָט געפייניקט. און אין אַזאַ צושטאַנד פון אויסגעשעפּטקייט, האָט ער געפּאַטשט מיט זיין פערד איבער די הייסע שליאַכן אָן אָפּשטעל.

פלוצים האָט ער, פאַרבייגאַלאָפּירנדיק אַ שייד־וועג, דערזען אין זאַמד זיצן אַ דאַרן נעגער־יונג מיט זיין גרויסן קאָפּ אַריינגעטאָן אין אַ רויטן, פליישיקן אַרבוז. דער יונג האָט געפרעסן דעם אַרבוז מיט אַ לוסטיקן אַפּעטיט. זיינע ווייסלען האָבן אַרויסגעזעצט פון די אויגן־לעכער. ווייסע, געזונטע ציין האָבן געגריזשעט דאָס רויטע אַרבוז־פלייש מיט אַזאַ פאַרגעניגן, אַז ער האָט זיך נישט געקענט קיין עצה געבן מיט די שטראָמען זיסן זאַפט, וואָס זיינען גערונען איבער זיין גאָמבע און האַלדז.

דער קאַובאָי האָט אָפּגעשטעלט זיין פערד. אַליין אַ מידער און דאָרשטיקער, האָט ער נישט געקענט פאַרטראָגן ווי דער יונג זויפט מיט אַזאַ לוסט דעם רויטן זאַפט. זיין טרוקענער גומען האָט גענומען ברענען. ער איז צוגעריטן נאָענט צום נעגער. אָן אויסצורײדן אַ וואָרט, האָט ער אַ וואָרף געטאָן פאַר אים די געפונענע האָר־פּאַרוק און אַריינכאַפּנדיק אין זיינע הענט דעם רייפן אַרבוז, האָט ער אַליין מיט גרויס גיריקייט זיך אַריינגעביסן אין דעם רויטן, זיסן פלייש.

אַז דער נעגער־יונג האָט דערטאַפּט לעבן זיך די האָר־פּאַרוק, איז דער קאַובאָי שוין געווען פאַרשוווּנדן. אָנשטאָט פאַרדרוס, וואָס דער פרעמדער האָט אַרויסגעריסן פון צווישן זיינע ציין דעם אַרבוז, האָט זיין פּנים גאָר אויפגעלויכטן. אַ ווײלע האָט ער די קנוילן האָר געצערטלט ווי אַן אוצר, ווי אַ הימל־געשאַנק. באַלד האָט אים געשטויסן אַן איינפאַל צוצולויפן צום לאַנד־באַזיצער, בינג ראָדזשערס, וואָס האָט געוווינט אין אַריינפאָר פון שטאָט, און אים פאַרקויפן דעם געשאַנק. דער לאַנד־באַזיצער וועט קאָנען די פּאַרק אָנטאָן זיין פאַרקריפּלטע טאָכטער, וואָס איז געבוירן געוואָרן מיט אַ האָרלאָזן קאָפּ.

די טאַט האָט נאָכגעפאָלגט דעם געדאַנק. דער נעגער־יונג האָט אָנגעבאָטן זיין אוצר און בינג ראָדזשערס האָט די פּאַרוק געקויפט. אָבער אָנשטאָט זי אָנצוטאָן אויף דעם האָרלאָזן קאָפּ פון זיין טאָכטער, האָט ער גאָר באַשלאָסן זי אויסצונוצן פאַר זיין אייגענער פאַרווײלונג. דער לאַנד־באַזיצער איז פּונקט דעמאָלט געוואָרן איינגעלאַדן צו אַ מאַסקן־באַל, וואָס די אַרומיקע פאַרמערס האָבן געגרייט לכּבוד דעם געראָטענעם אַרבוזן־סעזאָן. ס'איז יענעם יאָר געווען אַ גוט גע־עטעניש.

און די כוחות פון גוטס און שלעכטס האָבן זיך גענומען ראַנגלען אין דער אויפגעוועקטער האָר־פּאַרוק. די גוטע ווינטשן פונעם אָרעמען נעגער־יונג האָבן נישט געקענט בייקומען די לוסט נאָך אייגנליבע, וואָס האָט געפלעמלט אינעם האַרץ פון לאַנד־באַזיצער. ביי אים איז בילכער געווען זיך צו פאַרשטעלן אין דער פּאַרוק ווי אַ קלאָון, איידער זי אָנצוטאָן אויפן קאָפּ פון זיין געשטראָפטער טאָכטער. זיין אייגענע שטראָף האָט נישט פאַרזוימט און דאָס שלעכטס האָט גענומען געוועלטיקן.

אין דעם באַשטימטן טאָג, ווען בינג ראָדזשערס איז געקומען צו דער מאַסקאַראַדע, אויסגעפּוצט ווי אַ קלאָון, אין אַ פּאָר לויזע הויזן מיט רויטע לאַמפּאַסן, אין לעטשלעך מיט טראָלדן און איבער זיין קאָפּ די צעקעמטע פּאַרוק, האָט באַלד מיט אים פּאַסירט דאָס, וואָס גאָטס־פּאָרכטיקע מענטשן רופן אָן: לעסטערונג צו גאָט און צו לייט. אַ באַגלויבטער שכן האָט אונטערגעשלאָגן בינג ראָדזשערס ווייב, אָנגערעדט זי צו פאַרשייטקייט און ווען די פריילעכע געסט האָבן געבראַכט די וויין־גלעזער, האָט ער זי אַרויסגעגנבעט פונעם זאַל און זי פאַרשלעפּט אַזש ביז טעקסעס.

צומאָרגנס, ווען בינג ראָדזשערס איז ניכטער געוואָרן, האָט ער זיך געלאָזט אין אַ געיעג נאָך זיין ווייב. ער האָט אָנגעשטעלט דעם שעריף, אַז ער זאָל געפינען די אויסגעלאַסענע. ער האָט געדונגען צען שלעגער־יונגען, וואָס זאָלן פּאַקן און אָנברעכן די ביינער דעם פאַרפירער. אַלע שפּורן זיינען געווען פאַרווישט. פון דערשלאָגנקייט האָט ער אָנגעהויבן שיכורן און זיך אָפּגעבן מיט האַזאַרד־שפּילן. דער ביטערער געטראַנק האָט אים גיך געשלעפּט צום אָפּגרונט איינס נאָך ס'אַנדערע האָט ער פאַרלוירן זיינע רייכע שטרעקעס לאַנד. אַ יאָר שפּעטער האָט ער פאַרלאָזט זיין געשטראָפטע טאָכטער. דאָס ווייב, וואָס איר האָט ער אַ לעבן־לאַנג אַרויסגעוויזן בלויז קאַלטע פליכטן, האָט איצט אויסגעזען אין זיינע אויגן ווי אַן אומדערשאַצטע וועלט, וואָס ער האָט אומגעריכט פאַרלוירן.

אַ שווערע פאַרצווייפלונג, וואָס ער האָט ביז אַהער, צוליב זיין ווילשטאַנד, נישט געקענט, האָט זיך געוועקט אין אים און גענומען קעמפן פאַר עקזיסטענץ. ווען די פאַרצווייפלונג איז אַריין אין זיינע געהירן און אָנגעטרונקען זיינע אָדערן ווי מיט שטאַרקע סם־ריחות, האָט ער זיך געלאָזט וואָגלען איבער וועגן. אַ באַוואַקסענער, אַ פאַרעלטערטער, האָט ער אויסגעוואַנדערט לאַנגע, זומפּיקע שטרעקעס. און כאָטש די האָר־פּאַרוק איז געווען פאַר אים אַ קללה, האָט ער אויס פאַרגעסנקייט, זי נישט אַרויסגעלאָזט פון האַנט. ער האָט זיך געשלעפּט מיטן ים־ברעג. ביז ער איז אָנגעקומען קיין פלאָרידע. אין דער שטאָט סעינט־אויגוסטין. דאָרט האָט אים קיינער נישט געקענט. אַן איבעריקער מענטש אין אַן איבערגעפּאַקטער וועלט, ווו יעדעס לעבן איז געווען אַריינגעפּאַסט, יעדעס וועזן אויף זיין אָרט, איז אים באַשערט געווען די דאָליע פון אַ בעטלער.

באַלד נאָכן פאַרלירן דעם ווילשטאַנד האָט ער אויך פאַרלוירן זיין פאַרשטאַנד. די קאָפּ־אָדערן זיינען פאַרקאַלכט געוואָרן. זיינע כוחות פון האַס און אייפערזוכט, וואָס האָבן אים געטריבן אויף וואַנדער־וועגן, זיינען אויסגערונען. און ער איז נאָך פאַרלוירענער געוואָרן. די פאַרלוירנקייט האָט אים געפירט צו אַן אומהיימלעכן פּלאַן. נאָכן פּלאַן איז נישט געקומען קיין קווענקלעניש. דער באַשלוס איז געווען אומדערבאַרעמדיק. ער האָט זיך אויפגעהאָנגען אין אַ חורבה, הינטער דער שטאָט. ס'איז געווען דעם 17טן מערץ, אין טאָג פון סעינט פּעטריק.

אַן אויפגעהייטערטער איירישמאַן, וואָס האָט יענעם טאָג שפּאַצירט אויפן הויפּטוועג, הינטער דער שטאָט, האָט אָנגעטראָפן אַ סאָד־ווערכטער. דער וועכטער האָט אים דערציילט וועגן דעם געהאָנגענעם. דער איירישמאַן האָט זיך דערבאַרעמט אויף דעם נאָמנלאָזן זעלבסטמערדער און אים געהייסן באַגראָבן אויף זיינע קאָסטן. פאַרן אַראָפּלאָזן אים אין קבר, האָט מען אין זיינע קליידער געפונען די האָר־פּאַרוק. דער וועכטער האָט זיך געצלמט און געזיפצט: אַ כישוף־מאַכער האָב איך אַראָפּגענומען פון דער תליה...

דער איירישמאַן איז געווען אַ קאָלעקציאָנער פון פלאַנצן. די געפונענע האָר־פּאַרוק האָט ער פאַרבאַהאַלטן אין אַ געקאָוועטן קופערט, וווּ עס זיינען געלעגן זיינע האָניק־בלומען. דעמאָלט זיינען די אַוואַנטורעס פון דער פּאַרוק געווען פאַרענדיקט און זי איז אויסגעעלאָשן געוואָרן פון לעבן.

דער באַרעמהאַרציקער איירישמאַן איז געווען נישט בלויז אַ קאָלעקציאָנער פון בלומען, נאָר אויך אַ פאַנטאַזיאָר, אַן אויסטראַכטער פון גרויליקע געשיכטעס. ער האָט געקענט חלומען אין אַ וועלט פון האַרטער וואָסהאַפּטיקייט. נאָך דעם ווי די האָר־פּאַרוק איז געווען פאַרהאַקט אין קופערט אַ גאַנץ יאָר, האָט ער זי איין מאָל פון דאָרט אַרויסגענומען אויף דורכצולופטערן. באַטראַכטנדיק די צעקנאָדערטע קנוילן האָר, האָט אים געשטויסן אַן אָנונג, אַז די פּאַרוק איז פול מיט וווּנדער־געשיכטעס, אַז זי האָט אין פאַרלויף פון אירע וואַנדערונגען פאַרשאַפט אירע אייגנטימער מער שוידערלעכקייטן ווי גוטס. דער איירישמאַן, טאַפּנדיק מיט די פינגער די האָר־קנוילן, איז אַליין אָנגעשטעקט געוואָרן מיט די ווייבערירנדיקע כישוף־פונקען. זיין פאַרשטעלונגס־קראַפט האָט געקראָגן פליגלען. דער דמיון האָט געבריט און צוריקגעפירט אויף יאָרהונדערטער, אויפוויקלענדיק פאַר אים איין עפּיזאָד נאָכן אַנדערן. עס האָבן זיך געדאָלט, ווי אויף וואַלצן, פאַסירונגען פון דער אַמעריקאַנער רעוואָלוציע, די אַוואַנטורעס אויף דער שיף „מעיפלאַוער„ אַזש ביז צוריק, צום הויף פון ענגלישן קעניג דזשיימס, וווּ די פאַרוק איז אָפּגעשטעקט געוואָרן דורך אַן אינדישן פריזירער.

דער איירישמאַן, דער בעל־חלומות איז געווען פאַרכאַפּט פון די אויסטערלישע פאָרפאַלן, וואָס זיין דערמאָנונגס־קראַפט האָט אַרויסשיפּרירט און זיין פאָרשטעלונג האָט צוגעחלומט. ער האָט דאָס אַלץ ווי אַ כראָניק רעגיסטרירט אויף בלעטלעך פון פּאַרמעט. די בלעטלעך, צוזאַמען מיט דער פּאַרוק, זיינען אָפּגעלעגן אין קופערט גאַנצע פערציק יאָר. דער איירישמאַן איז געשטאָרבן אין סעינט־אויגוסטין און וועגן דעם פּאַרוק קיינעם פריער נישט געהאַט דערציילט. זיין זון האָט זיך איבערגעצויגן קיין מערילענד און פון דעם פּאַרוק קיינמאָל נישט געהערט. ערשט דאָס אייניקל, וואָס האָט זיך באַזעצט אין ווירדזשיניע, האָט געעפנט דעם קופערט און דערטאַפּט די פּאַרוק מיט די באַשריבענע בלעטלעך.

דער נאָמען פון דעם איירישן בלומען־קאָלעקציאָנער איז געווען מייקל קינג און דאָס אייניקל, וואָס איז געגאַנגען זוכן אַ קבר פאַר דער האָר־פּאַרוק, האָט געהייסן ביל קינג.

.5

ווען ביל קינג האָט פאַרענדיקט דערציילן, איז דער בילדער־איינראַמער, פּיט ראַיען, געזעסן אין זיין ווינגשטול, דער קאָפּ פאַרוואָרפן אויף אַהינטער, ווי ער וואָלט געדרימלט. די ווירבל־ווינטן, וואָס האָבן געהאַט איבערגעשטעלט די צייט און צוריק געמישט דעם קאַלענדאַר אויף אַריבער דריי יאָרהונדערטער, האָבן זיך איצט איינגעשטילט. איבערן טיפן געוועלב האָט זיך געהערט דער ריטמישער טיק־טאַק פונעם וואַנט־זייגער, וואָס האָט אויסגעשלאָגן צוועלף.

פּיט ראַיען האָט זיך אויפגעשטעלט, ווי ער וואָלט זיך איבערגעוועקט פון אַ טיפן שלאָף. ער איז צוגעגאַנגען צום קאַלענדאַר און אָפּגעריסן אַ בלעטל. די דאַטע האָט געוויזן דעם ערשטן יאַנואַר, דעם אָנהייב פון נייעם יאָר. ער האָט אַוועקגעלייגט די האָר־פּאַרוק לעבן דעם בינטל בילדער, דיפּלאָמען, מעדאַלן און טאַליזמאַנען, וואָס האָבן געוואַרט אויף זייערע גלעזערנע קברים.

אַבאָנירט און שטיצט

חשבון

די איינציקע יידישע צייטשריפט אין די פאַראייניקטע שטאַטן אַחוץ ניו־יאָרק.

אַבאָנימענט: $5.00 אַ יאָר

רבקה קאָפּע / פּאַריז

# האַרבסט-ניגונים

„גוטן אויפשטאַנד", שאָרכט עס קוים
אַרויף אויף פענצטער-ראַנד;
אַ בלאַט פון מיין שכן-בוים
מיט גרוס פון פרידן-לאַנד.

פון אָדערלעך סטרוניקע,
כ'פידל אָפּ מיין ניגון,
ב'ברענגט מיר גרוסן זוניקע —
דער ווינט לאַכט אויס: „ס'אַ ליגן!"

***

פון אַ שטורעם-וואַנדער,
אויף מיין פענצטער,
האָט אַ בלאַט זיך זיין געלענדער
געמאַכט ביי מיר.
— גוט מאָרגן דיר, מיין שענסטער,
דאַנק איך אָפּ אים מיט אַ שיר.

מיט זיין פּעכערל אַ שאָרכן-זשומער,
מיט זיין ניגון אַ פּאַרפומער,
ער ברענגט אַ גרוס מיר
פון אַן אַלעאַנדער.
שמועס איך זיך מיט אים פאַנאַנדער:
— מיר'ן איבערווינטערן צום זומער
און זיך נערן איינס-אַנאַנדער!

# דער זייגער-גולם

מיין זייגער, כאָטש ער וויסט עס ניט,
רייסט בלעטלעך פון מיין קאַלענדאַר;
און דער קאַלענדאַר הענגט
ווי אַ פאַרוועלקטע פלאַנץ!
אַ דמיון-יום טוב ברענגט אַ ריח ניחוח
און מיין זייגער רייסט בלעטלעך
פון מיין לוח
און שטויבן צעפּרעסן זיין קאַלירגלאַנץ!

און וואָס איז מיט מיר אַליין?
איך הייב אָן זיך ענלען
צו מיינע יונג-אַלטע כתבים,
ווו ס'גנבענען זיך אַריין
שטויב-קאַרליקלעך, גנבים
און נערן זיך מיט מיין געביין!

שטעל איך די לירע אָן אין מיר,
פאַרשפּיל, פאַרהיימלעך מיט אַ שיר.

**חיים פּלאָטקין / ניו־יאָרק**

# צוויי לידער

## נאָך אַ נאַכט בײַם ליד

אויף אַ פֿאַרשריבענעם בויגן
אַן אַרײַנגעגנבעטער שאָטן,
איך עפֿן פֿאַר אים די טיר...

אַ טעמפּע שורה — כ'פֿאַרמעק.
פֿאַר אַ צו הויכן טאָן — צאַרטע נאָטן
איך זוך אין מײַן פֿאַרמעג.

די זילבן — לידער־קערנער
נאָך ניט פֿאַרזיוויגט,
פֿאַרזײ איך צווישן די שורה־בייטן;

איך מעסט זײ און וועג זײ,
און היט זייער מאָס!

בײַם שרײַבטיש די שעהען אויף פֿליגל!
די פּען —
אַ דאָרן אין מײַן מאַרך.

פֿון אָפֿענעם פֿענצטער ס'ווינטל —
אַ געליבטעס ליפּן.
כ'האָב שעהען שפּאַצירט מיט די שטערן:
זײ האָבן די נאַכטיקייט מיטגענומען.

דער שאַרײַ קושט די געוואַשענע שויבן.
פֿון וויגל דער באַגין —
אַ גאָלד־אַבאַזשור
פֿאַרבײַט מײַן טיש־לאָמפּ.

די זון שאַרט זיך אַרויס
פֿון אַ פּוד־רויטע פֿאָלערינע
און וואַשט ס'פּנים אין אַ שנייבאַרג.

איך פֿיל אַ זיסע מידקייט
פֿאַר מײַן פּרוּי וועל איך לייענען
אַ ליד וועגן אַ האַרץ־פּידל.

(אויגוסט 5, 1981)

## פֿון נעכטן און הײַנט

### א

כ'וועל דיר לייענען אַ ליד
וועגן מײַנע פֿלינקע פֿינגער:
בײַ אַ מאַשין וואָס איז באַרימט—„סינגער";
אַ רימען אויפֿן רעדל
און אַ מאָטאָר אַ צעגליטן —
און פֿון טראַכאָמע לעמפּלעך
וואָס האָבן די אויגן געשניטן.
פֿון סעזאָנען — פּלאָגן פֿון „סלעק"—
אויף פּלייצעס גרויע, צעלעכערטע זעק...

יאָרן — קאָשמאַרן אונטער שטויבן,
וואָס האָט דאָרט געקענט דערהויבן?!
כ'האָב געוואַרט אויף אַ טאָג,
פֿאַר אַ לויטערן מאָרגן —
ווי מיט אַ חלף צווישן ציין —
און מיט שווייס—טיף, ביז אין געביין!

פֿון שאַפּ־זייגער אַ ווייזער—
אַ נאַקעטע שווערד...
און ווער האָט מײַן ניגון אין רויש דאָרט,
ווער האָט מײַן ליד דאָרט דערהערט?!

### ב

כ'וועל דיר לייענען אַ ליד
וואָס האָט נאָך נישט קיין נאָמען.
ס'איז פֿון די טיפֿסטע טיפֿענישן —
אויף מײַנע ליפּן אַרויפֿגעשווומען:
פֿון אותיות — זילבן;
פֿון ווערטער—שורות אויף פּאַפּיר אַ בויגן:
ברידערלעך־היימיש,
ווי שורה בײַ שורה
פֿאַרהייליקט אין שמות — — —

ס. נוטקעוויטש

# זיכרונות פון אַ קינדהייט

## מיין ערשטע ליבע

„די ערשטע ליבע פאַרגעדענקט מען אַמלענגסטן", האָט געשריבן דער נאָר־וועגישער שרייבער קנוט האַמסון.

מיין ערשטע ליבע האָט זיך אָנגעהויבן ווען איך בין אַלט געווען פינף יאָר. געווען איז עס זומער צייט, אין אַ דאָרף לעבן דער שטאָט לאָדזש, ווו עס פלעגן פאַרברענגען „מיטלשטאַנד" יידישע פאַ־מיליעס. באַלד ווי עס האָבן זיך אָנגעהויבן שול־וואַקאַציעס, האָט מען פאַר־פאַקט בעטגעוואַנט, קיך־מכשירים און אַ ביסל מלבושים. דער פויער פון דאָרף פלעגט קומען מיט אַ וואָגן געשפּאַנט מיט אַ פערד און נאָר אַ „פּריווילעגירט" קינד האָט געהאַט די זכיה מיטצופאָרן מיטן וואָגן אין דאָרף אַריין.

אין מיין פאַל איז אויך מיטגעפאָרן אונדזער „דינסטמיידל", ווייל דער פויער איז געווען איר פאָטער.

דער איינדרוק פון אַרויספאָרן פון דער פאַרריכערטער שטאָט לאָדזש און זיין אַרומגערינגלט פון גרינע לאָנקעס, גער־טענער און קליינע וואַסערלעך, איז געווען אומגעהויער. אונדזער דינסטמיידל מאַרי־אַנאַ האָט נאָך פאַרזיסט דעם וועג מיט צוקערלעך און שאָקאָלאַדקעס, טאָ ווער, פרעג איך איך, האָט נאָך געקענט זיין גליקלעכער ווי איך?

פאַרנאַכט זיינען ערשט געקומען די מאַמע מיט דער משפחה, נאַכט־עסן איז געווען צוגעגרייט און איך בין אַ מידער איינגעשלאָפן מיט די ריחות פון בלומען און פרישן גראָז.

* * * * *

פאַרטאָגס בין איך אויפגעוועקט גע־וואָרן פון אַ קריגעריי און געוויין פון מאַריאַנאַס הויז. אירע צוויי ברידער האָבן זיך באַקלאָגט, אַז דער טאַטע טשע־פּעט זיך צו די דאָרפישע ווייבער און ער שיכּורט נאָך דער מאַמעס טויט. דער פויער, „פּאַן יאַן", האָט געלייקנט, זיך געשעמט פאַר מיין משפחה און איז אַנט־לאָפן אויף אַ גאַנצן טאָג פון שטוב.

מיין לעבן אין דאָרף איז געווען איבער־גליקלעך. דער הונט „בוראַק" האָט מיך דערקענט, אַרומגעשמעקט פון אַלע זייטן און ביינאַכט זיך געלייגט ביי מיין בעט, און מיך געהיט. דעם פויערס זון סטעף האָט מיך אפילו איין מאָל גענומען רייטן אויפן פערד און מיך אָנגעטאָן זיין טאַטנס סאָלדאַטסקע היטל אָן אַ דאַשעק. נאָך ביז היינט געדענק איך דעם פרייד־געפיל (און אויך שרעק) פון רייטן אויף דעם פערד.

איין מאָל אין אַ פרייען פאַרטאָג האָט מיין ברודער מאָניעק מיך אויפגעוועקט און שטילערהייט אָנגעזאָגט, אַז מיר גייען אין וואַלד קלייבן יאַגעדעס און שוואָמען. דער דרויסן האָט אויסגעקוקט מיסטע־ריעז; פון דער מזרח־זייט האָבן זיך דינינקע וואָלקנס געדרייטלט און לעבן זיי האָבן זיך אין דער ברייט געצויגן פאַסן פון גרינעם סעלעדרין קאָליר. די שטילקייט האָט מען געקענט אָנרירן מיט די פינ־גער. נאָר די פייגל זיינען פריילעך גע־פלויגן פון בוים צו בוים, ווי זיי וואָלטן אָנגעזאָגט דעם „גוט מאָרגן, ליבע מענ־

---

### ג

אָן ווערטער כמעט
כ'וועל דיר לייענען אַ ליד—
פון אַ קינדערשן שמייכל
ווער ווייסט ווו פאַרבליט...
אַ ליד —
אין דער שפּראַך
פון מיינע צעוועקטע טויבן —
פון מיינע צעפליגלטע נעכטנס —
אַ ליד אָן אַ נאָמען —
אַ ליד
פון אַ חורבה מיט בלינדע שויבן...

(אויגוסט 1981)

טשן". „בוראַק", אונדזער הונט, האָט פאַרשטאַנען וואָס מיר זוכן און כסדר אַנגעוויזן ווו די שוואָמען וואַקסן. מיר האָבן אָנגעזאַמלט דריי קאָשיקלעך מיט יאַגעדעס און שוואָמען. די זומערדיקייט פון טאָג איז ממש אַריין אין אונדזערע ביינער און די ליכטיקייט האָט אונדז באַנומען.

* * * * *

קעגנאיבער אונדזער הייזקע, ממש ביים ביים ברעג פון וואַלד, איז געשטאַנען אַ פּיצעלע הייזקע. איין מאָל אין אַן אין דער פרי האָט זיך אין אונדזער טיר באַוויזן „פּאַני ראַמאַ" און איר קליין מיידעלע „בראָנקאַ".

די פּאַני ראַמאַ האָט געדאַרפט האָבן אַ ביסל צוקער און מאַריאַנאַ האָט עס איר דערלאַנגט. צווישן מיין מאַמען און די פּאַני ראַמאַ האָט זיך אַנטוויקלט אַ שמועס און די קליינע בראָנקאַ האָט נישט אויפגעהערט אויף מיר צו קוקן. זי איז צוגעקומען צו מיר און געוויזן אַן אויטאָמאַטישע בלייפעדער צו שרייבן. זי האָט עס מיר דערלאַנגט און איר מוטער האָט עס פון מיר באַלד צוגענומען.

דער וויזיט האָט לאַנג נישט געדויערט. פון דער מינוט אָן האָב איך שוין וועגן קיין שום זאַך מער נישט געטראַכט. בראָנקאַ איז מיר געשטאַנען פאַר די אויגן און געקוקט אויף מיר. פאַרנאַכט צו בין איך צוגעגאַנגען נאָענט צו בראָנקאַס הייזקע, אַוועקגעשטעלט זיך אויף אַ שטיין און אַריינגעקוקט דורכן פענצטער. איך האָב איר דאָרטן נישט געזען. איך האָב איר דערנאָך געזען אין שלאָף, אין מיין חלום.

אין דער פרי האָב איך זיך באַקלאָגט, אַז דער קאָפּ טוט מיר ווי. כ'האָב נישט געגעסן. די מאַמע האָט געטאַפּט מיין שטערן און געפּסקנט, אַז מיין שטערן איז הייס... און אָנגעזאָגט מאַריאַנאַן מיך נישט אַרויסצולאָזן אין דריסן ביז די זון וועט נישט אַרויסקומען.

מיינע צוויי ברידער און די מאַמע זיינען דערווייל אַהיים געפאָרן און די איינציקע וואָס זיינען געבליבן איז געווען מאַריאַנאַ און איך.

מיר האָבן זיך געזוכט, די קליינע בראָנקאַ און איך. ביז מיר האָבן זיך געפונען ביים ראַנד פון פאַרבייאיקן וואַלד. שעמעוודיקערהייט האָבן מיר זיך דערנענטערט און בראָנקאַ האָט ווי אַ דערוואַקסענע זיך באַקלאָגט:

— ווו ביסטו געווען? איך האָב דיך געזוכט און מאַריאַנאַ האָט מיר אָנגעזאָגט, איך זאָל מער דיך נישט זען און נישט קומען צו דיר.

— איך האָב... איך האָב... האָב איך געשטאַמלט און כמעט ווי געוויינט. בראָנקאַ, וואָס איז געווען אַ ביסל עלטער פון מיר, האָט אָנגענומען מיין האַנט און ווי אַ דערוואַקסענע מיך געפירט אַביסל טיפער אין וואַלד. מיר האָבן אָנגעהויבן לאַכן און זיך באַקלאָגט וועגן די „גרויסע", ווי שלעכט אונדזערע מאַמעס זיינען. ... און אַמשלעכטסטן איז אונדזער דינסטמיידל מאַריאַנאַ.

— מיר וועלן זיי נישט הערן, איז געפאַלן אונדזער באַשלוס.

מיר האָבן אין געהיים זיך געזען אַ סך מאָל, און אפילו זיך געקושט.

— און איך וועל איצט האָבן אַ קינד... אַ מיידעלע — האָט בראָנקאַ אַ צופרידענע געזאָגט.

* * * * *

אין אַ יאָר אַרום איז אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט־מלחמה. נאָר איין מאָל האָב איך איר דערזען, ביי אַ קינדערפאַרשטעלונג. ביידע האָבן מיר אַראָפּגעלאָזט די אויגן און נישט אַרויסגעזאָגט קיין וואָרט. און כאָטש מיר האָבן געוווינט אין איין שטאָט, האָבן מיר זיך מער קיינמאָל נישט באַגעגנט.

ביז היינט געדענק איך בראָנקען; געדענק איר פאַמיליען נאָמען, איר ליבלעכן קינדערשן און צוגלייך מוטערלעכן בליק. געדענק דעם ציטער ווען זי האָט מיך געפירט טיפער אין וואַלד און געדענק דעם וווּנדערלעכן געפיל ווען אונדזערע ליפּן האָבן זיך באַגעגנט.

— ווו ביסטו, בראָנקאַ?

צי ווייסט זי אַז דאָס איז געווען מיין ערשטע ליבע?

מאַרטין בירנבוים / ניו־יאָרק

# ניט זאַט נאָך

כ׳האָב שפּילן שוין אַ סך געשפּילט
און אַלץ זיי נאָך ניט אויסגעשפּילט
און איך בין ניט שאַך־מאַט נאָך;
כ׳האָב געזען אַזויפיל
און אַזויפיל שוין געפילט —
און ניט דאָס אויג
און ניט דאָס האַרץ איז זאַט נאָך.

בענקשאַפטן
פון חלום באַך צעוועקן מיך
און טראָגן מיך
צו שיינקייטן און ווייטן;
און מאָרגנדיקע,
נאָך ניט געלעבטע טעג
ציען
און דערשרעקן מיך
און ס׳דאַכט זיך מיר:
ס׳וועלן סצענעס
זיך נאָך בייטן, בייטן, בייטן...
און וויפיל כ׳זאָל ניט פרעגן:
וואָס קען איך איצטער
פון די מאָרגנס נאָך דערוואַרטן...?
גיי איך אַלץ
דערוואַרטונגען אַנטקעגן,
עפּעס ווי אַ גיריק ייִנגל,
ווי אַ נאַר אַן איינגעשפּאַנטער...

עס איז מיין דור
מיט צעשיידונגען
שוין לאַנג אַ פולער —
און איך גיי צו זיי,
אַ פאַרשטיקטער, אַ פאַראומערטער
באַגלייטער...
נאָר פאַרעקשנט
מאַך איך ציפערן פון נולן
און כ׳שטעל צו העכערקייטן
אַלץ מיר נאָך
אַ לייטער נאָך אַ לייטער.
און אויב איך פאַל אַראָפּ צומאָל,
איז פאַל איך...
ס׳טוט ווי !
נאָר ניט איינגעשרומפּן ווער איך,
ניט צעקרישלט און ניט טרוקן.
אַ מידער? יאָ!
נאָר איך חשבון סיי־ווי
אויף אַ ווייטן נאָך מהלך...
און ניט פאַרקילט איז מיין נשמה
און ניט איינגעבויגן איז מיין רוקן.

מיטן אָטעם פון מיין מאַמע־לשון
צעטאָפּע איך דעם שניי פון ווינטער
און מיט לידער —
ווי מיין באָבע וואָלט עס מיר באַפוילן —
איך צעבלאָז איר פייער־טאָפּ,
און ווערטער —
פון דער טיף געקליבן און באַזינטע —
ווערן זיינע גליענדיקע קוילן.

(נאָוו. 1982)

## דאַנק־אויסדרוק צו אונדזערע פריינד

מיר דריקן אויס אונדזער האַרציקן דאַנק צו אונדזערע פריינד אין ניו־יאָרק, מיאַמי און לאָס אַנגעלעס פאַר די וואַרע־מע באַגריסונגען צו מיין 85סטן געבוירנ־יאָר.

פאַר מיין ליבער פלאָראַ און מיר האָט די האַרציקייט פון אונדזערע פריינד גובר געווען דעם געאָגראַפישן מהלך צווישן די מקומות אין וועלכע דאָס לעבן האָט אונדז אָפּגעטיילט. מיר דריקן יעדע פריינדלעכע האַנט וואָס איז אונדז מיט אַזוי פיל ליבע אויסגעשטרעקט גע־וואָרן איבער אַלע ווייטקייטן.

**פלאָראַ און שמואל ווייס**
לאָס אַנגעלעס

ש. ח. לעדערמאַן / ניו־יאָרק

# סידני הוק, פילאָסאָף פון דעמאָקראַטיע און הומאַניזם

(צו זיין אַכציקסטן געבוירנטאָג)

אין דער אַמעריקאַנער אַקאַדעמישער און אינטעלעקטועלער וועלט איז פּראָפעסאָר סידני הוק אנערקענט ווי אַ צענטראַלע פיגור אי ווי אַ דענקער, אי ווי אַ קעמפער פאַר זיינע איבערצייגונגען. ער צייכנט זיך אויס מיט טיפן וויסן, מיט שאַרפזין, מיט אַ קלאָרן סטיל, און מיט אומגעווייגלעכן קוראַזש, מיט אַ כאַראַקטער־גבורה פאַר זיינע אמתן און אידעאַלן וואָס איז זעלטן צו געפינען צווישן אַקאַדעמיקער.

ווי אַן אָנהענגער פון דעמאָקראַטישן וועלט־באַנעם איז ער אַ קעגנער פון קאָמוניזם, אָבער גלייכצייטיק דערמיט באַקעמפט ער אַלע פאָרמען — סיי פון רעכטס, סיי פון לינקס — פון טאָטאַליטאַריאַניזם, און ווען סענאַטאָר דזשאָזעף מעקאַרטי (1908-1957) האָט געבושעוועט אין דער אַמעריקאַנער עפנטלעכקייט איז סידני הוק שאַרף אַרויסגעטראָטן קעגן אים. אין אַ בריוו צו דער „ניו־יאָרק טיימס" (דעם 8טן מאַי, 1953) שרייבט ער: „אפילו די וואָס שוייגן וועגן מעקאַרטיס מעטאָדן דאַרפן געדענקען וועגן דעם גרויסן שאָדן וואָס ער טוט דער רעפּוטאַציע פון אַמעריקע אין אויסלאַנד... ער איז אַ שרעקלעכער מינוס פאַר די פריינד פון אַמעריקאַנער דעמאָקראַטיע און אינטערנאַציאָנאַלער פרייהייט, און אַ שטערונג קעגנצווייקן די קאָמוניסטישע ליגנס וועגן דעם אמתן כאַראַקטער פון דער אַמעריקאַנער געזעלשאַפט. די צייט איז געקומען צו אָרגאַניזירן אַן אַל־אַמעריקאַנישע באַוועגונג... אַז סענאַטאָר מעקאַרטי זאָל ווערן צוריקגעצויגן פון עפנטלעכן לעבן."

איז אָט דער פילאָזאָף און קעמפער, סידני הוק, איצט געוואָרן אַ בן־שמונים. צו דער געלעגנהייט איז דעם 28סטן אָקטאָבער, 1982, פאָרגעקומען, אין ניו־יאָרק, אַ פייערונג, ביי וועלכער עס האָבן אים באַגריסט די פני פון דער אַמעריקאַנער ליבעראַלער, אינטעלעקטועלער וועלט. צווישן די באַגריסערס זיינען געווען די אָנגעזעענע סאָציאָלאָגן: דאַניעל בעל, פון האַרוואַרד; עדוואַרד שילס, פון שיקאַגער אוניווערסיטעט; בעיאַרד ראָסטין, פאָרזיצער פון דער אַמעריקאַנער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אָרגאַניזאַציע. עס זיינען געקומען פאָרשטייער פון דער אַמעריקאַנער אַרבעטער באַוועגונג און אויך פון די יידישע רעקאָנסטרוקציאָניסטן. מען האָט פרעזענטירט דעם בעל־יובל מיט אַ שריפט, און דער פּראָפעסאָר האָט באַדאַנקט מיט אַ טיפזיניקער רעדע אין שייכות צו זיין אני־מאמין.

וועלן מיר זיך דאָ נישט קענען אָפּשטעלן אויף אַלע מאָמענטן אין פּראָפ' הוקס געדאַנקען־גאַנג, און אַוודאי נישט אויף זיינע צאָלרייכע ווערק; דאָס וואָלט פאַרלאַנגט אַ בוך. מיר וועלן דאָ פאַרצייכענען בלויז עטלעכע צענטראַלע אידעען אין הוקס וועלט־באַנעם וואָס זיינען אי ברענענדיק אַקטועל, אי ווערטפול פאַר אונדזער דור. סעקולערער הומאַניזם איז אַן עיקר אין הוקס אני־מאמין. הומאַניזם דעפינירט ער ווי דער באַנעם אַז מאָראַל איז אומאָפּהענגיק פון רעליגיעזן גלויבן, אַז די מאָראַל איז רעלעוואַנט צו אמתן וועגן דער נאַטור און דער מענטשלעכער נאַטור־אמתן וואָס זיינען באַזירט אויף וויסנשאַפטלעכע באַווייזן. מיט סעקולערן הומאַניזם מיינט ער אַז רעליגיעזער גלויבן און אומגלויבן זיינען פּריוואַטע ענינים, און דעריבער דאַרף מען אָפּזונדערן דעם שטאַט פון רעליגיע. סעקולערע הומאַניסטן, שטרייכט ער אונטער, זיינען די שטאַרקסטע פאַרטיידיקערס פון רעליגיעזער פרייהייט.

אין אַן אינטערוויו מיט זיין תלמיד, פּראָפ' פּאָול קורץ, וואָס ער האָט געגעבן צו זיין אַכציקסטן געבוירניאָר, דערקלערט דער בעל־יובל אַז די וויכטיקסטע פראַגע וואָס עס שטייט איצט פאַרן הומאַניזם אויף אַ וועלט־מאַסשטאַב איז: צי אַ פרייע געזעלשאַפט וועט קענען איבערקומען די אַטאַקעס פון טאָטאַליטאַריאַ-

ניזם. ס׳איז נישט קיין אויסוואַל צווישן קאַפּיטאַליזם און סאָציאַליזם, באַטאָנט ער, נאָר צווישן דעמאָקראַטיע און טאָטאַליטאַריאַניזם. פּאָליטישע רעמאָקראַטיע ווו אַ לעגאַל־אַנערקענטע אָפּאָזיציע־פּאַרטיי קען פונקציאָנירן אונטער גאַראַנטירטע ציווילע רעכט איז אַ נייטיקער באַדינג פאַר אַ פרייער און אָפענער געזעלשאַפט. סאָלזשעניצינס „גולאַג אַרכיפּעלאַגאָ" דאַרף זיין אָבליגאַטאָריש צו לייענען פאַר יעדן וואָס באַהאַנדלט דעם אינערלעכן רעזשים אין ראַטן־פאַרבאַנד, האַלט ער. אָבער דערביי, שטרייכט ער אונטער, אַז בעת ער באַוואונדערט סאָלזשעניצינס מוט, עלאָקווענץ און טיפע פּסיכאָלאָגישע אַריינבליקן, איז ער נישט מסכים מיט זיין סופּערנאַטוראַליזם, מיט זיינע הנחות וואָס שטאַמען פון דאָסטאָיעווסקין, אַז עטיק איז באַזירט אויף רעליגיע, און אַז די פאַרטיידיקונג פון פרייהייט, און אַ פרייער געזעלשאַפט מוזן זיין באַזירט אויף אַ רעליגיעזער אַפירמאַציע.

אויב די פאַרטיידיקונג פון אַ פרייער געזעלשאַפט דאַרף ווערן באַגרינדעט אויף דער אויפלעבונג און קאָנסטאַטירונג פון אַ רעליגיעזן גלויבן, טענהט הוק, דעמאָלט האָבן מיר פאַרלוירן. ראשית, פרעגט ער, וואָס איז דאָס פאַר אַ רעליגיעזער גלויבן: קאַטוילישער, פּראָטעסטאַנטישער, יידישער, מאַכמעדאַנישער? היסטאָריש, האָט זיך דאָך די מערבדיקע פרייע געזעלשאַפט אַנטוויקלט אין אָפּאָזיציע צו די אויטאָריטאַרע טענדענצן פון אינסטיטוציאָנעלער רעליגיע! טאָלעראַנץ און די פרייהייט נישט מתפלל צו זיין איז נישט געוואָרן פאַרטיידיקט פון מערסטע רעליגיעס. רעליגיעזע פרייהייט אפילו אין אַמעריקע איז היסטאָריש גיכער באַזירט אויפן פאַקט וואָס קיין סעקטע איז נישט געווען גענוג שטאַרק אַרויפצוצווינגען אירע דאָגמעס אויף אַנדערע, ווי אויף דער פאַרטיידיקונג פון מענטשנס רעכט יאָ אָדער נישט מתפלל צו זיין לויט איינעמס געוויסן.

צווייטנס, פרעגט דער פילאָסאָף, מיט וועלכער אויטאָריטעט בעמען מיר אָן אַז גאָט, אויב ער עקזיסטירט, איז אויף דער זייט פון דעמאָקראַטיע, אָדער דער אָפּע־נער געזעלשאַפט? דער הימל און דער גיהנום זיינען דאָך היעראַרכיש איינגעשטעלטע געמיינשאַפטן (זע: „פרי אינקווייררי", האַרבסט 1982).

אין דער אַמעריקאַנער עפנטלעכקייט הערט מען לעצטנס אָפט וועגן נעאָ־קאָנסערוואַטיזם אין וועלכן אַ צאָל געוועזענע יידישע ראַדיקאַלן שפּילט אַן אָנגעזעענע ראָלע. די דאָזיקע אינטעלעקטואַלן זיינען געוואָרן די אידעאָלאָגישע פאַרטיידיקערס פון סטאַטוס־קוואָ, אויב נישט נאָך ווייניקער. שאַפט זיך ביי אייניקע מענטשן דער איינדרוק אַז דער אומדערשראָקענער קעמפער קעגן אַלע פאָרמען פון טאָטאַליטעראַניזם, פּראָפ' הוק, איז געוואָרן אַ סימפּאַטיקער פון ד ע ר פּאָליטישער אידעאָלאָגיע. הוק לייקנט קאַטעגאָריש די דאָזיקע השערה. די וואָס באַצייכענען אים ווי נעאָ־קאָנסערוואַטיוו האָבן נישט געלייענט, זאָגט ער, וואָס ער האָט געשריבן. פאַר אים איז אַ ליבעראַל איינער וואָס איז גרייט צו טעסטירן זיינע אידעאַלן אין ליכט פון שייכותדיקער דערפאַרונג. יעדער וואָס האַלט זיך ביי אַ פּאָזיציע „נישט געקוקט אויף וואָס עס זאָל נישט זיין" איז אַ פאַנאַטיקער. און אַזוי ווי אַ גוט עטיש לעבן באַשטייט פון אַן איבערגעגעבנקייט צו אַ סך אידעאַלן, איז דעריבער, יעדער וואָס איז גרייט מקריב צו זיין אַלצדינג פאַר איין ציל, ווי דערהויבן דער ציל זאָל נישט זיין, אַזאַ מענטש וועט מאַכן אַ תל פון זיין מאָראַלישער ווירטשאַפט און אויך פון דער וועלט.

אַוודאי גיט דער פילאָסאָף צו אַז ער האָט געלערנט פון דערפאַרונג, און איז נישט געבליבן ביי אַלע זיכערקייטן אין וועלכע ער האָט אַמאָל געגלויבט. ער זעט איצט איין אַז קאַרל מאַרקס' אַנאַליז איז געווען פאַלש. די רעלאַטיווע פּראָספּעריטעט פון די מערבדיקע ווירטשאַפטן, דער אויפקום פון די וווילשטאַנד־שטאַטן, און די פאַרשטאַרקונג פון נאַציאָנאַליזם האָבן אָפּגעלייקנט מאַרקס' פאָרויסזאָגונגען. דער סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט טראַנספאָרמירט אַ חלום אין אַ טאָטאַליטאַרן קאָשמאַר. הוק דערציילט אַז ער איז אַ מיטגליד אין דער אַמעריקאַנער סאָציאַל־

דעמאָקראַטישער אָרגאַניזאַציע, און ער שטיצט אונטער אַ שטאַרקן און אמתן וווילשטאַנד־שטאַט. ער איז סימפּאַטיש צום פּראָגראַם פון דער אַמעריקאַנער אַרבעטער באַוועגונג (א. פ. אָוו ל. און סי.איי.אָ.) — די אויסגעהאַלטנסטע קעגנער פון טאָטאַליטאַריאַניזם אין דער היים אָדער אין אויסלאַנד.

וואָס עס באַזאָרגט אים שטאַרק הייַנט־צו־טאָג איז די היפּאָקריטישקייט פון דעם טאָפּלטן סטאַנדאַרט וואָס עס עקזיסטירט אין פּאָליטישן און אינטעלעקטועלן לעבן. ווי אַן אילוסטראַציע פון דער צביעות ווייזט הוק אָן אויף אַ בריוו אין צייטונג וואָס אַ נאָבל־פּרייז געווינער האָט געשריבן, וווּ יענער טענהט אַז די ישראלדיקע מלחמה אין לבנון טאָר נישט געמשפּט ווערן לויט דער קריטעריע צי ס'איז גוט פאַר ישראל אָדער אַמעריקע, נאָר אויפן יסוד פון „יושר, אָנשטענדיקייט און רחמנות"; און דאָס, באַטאָנט הוק, שרייבט אַ מענטש וועלכער האָט זיך אָפּגעזאָגט צו פאַראורטיילן די סאָוועטישע אינוואַזיע פון אַפגאַניסטאַן, די אונטערדריקונג פון פוילן, די אינוואַזיע פון טשעכאָסלאָוואַקיע און אונגאַרן. דערביי גיט הוק צו אַז מען דאַרף די פּאַלעסטינער געבן די אויטאָנאָמיע וואָס מען האָט זיי צוגעזאָגט אין „קעמפּ דייוויד אָפּמאַך."

## II

במשך זיין רייכער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט האָט פּראָפעסאָר הוק זיך געווידמעט אַלגעמיינע, אָדער אַמעריקאַנער ענינים; ער האָט זיך ליידער ווייניק אָפּגעגעבן מיט ספּעציפיש־יידישע נויטן. ער האָט פאַרעפנטלעכט עטלעכע אָפּהאַנדלונגען איבער יידישע פּראָבלעמען, און ווי זיינע אַנדערע אַרבעטן צייכענען זיי זיך אויס מיט אַנאַליטישקייט און קלאָרקייט. אַזוי למשל שרייבנדיק וועגן סאַרטער'ס באַקאַנטער עסיי: „דער אַנטיסעמיט און דער ייד" אנערקענט ער אַז דער פראַנצויזישער שריפטשטעלער האָט דורכגעפירט אַ ריכטיקן פּסיכאָלאָגישן אַנאַליז פון דעם ראַנד־ייד און דעם פאַנאַטישן אַנטיסעמיט. סאַרטר איז גערעכט, אַז אַ האָפנונגסלאָזע מיטלמעסיקייט וואָס ברענט מיט אַמביציע נאָך מאַכט אָדער באַרימטקייט, איז אַלע מאָל אַנטיסעמיטיש, אָבער, פרעגט ער, ס'איז דאָך דאָ אַן אַנדער סאָרט אַנטיסעמיט, וואָס ווערט כמעט נישט באַטראַכט פון פראַנצויזישן דענקער: דער „שיער נישט געניאַלער" אַנטיסעמיט, דער טיפּ וואָס האָט צוגעשטעלט אַמוניציע פאַר די פּריידיקער פון אויסראָטונג. דאָס זיינען: שאָפּענהויער, וואַגנער, דיורינג, יוסטאָן טשעמבערליין, סאָרעל, דאָסטאָיעווסקי, הענרי אַדאַמס, דרייזער, טשעסטערטאָן, אא"וו.

פּראָפ' הוק געפינט נישט ביי סאַרטערן קיין ענטפער אויף ד ע ר רעטעניש, און ער בלייבט מיט אַ תיקו. אָבער מיר דוכט זיך אַז דער אַנטיסעמיטיזם פון די „שיער נישט געניאַלע" איז אַ ראיה אַז אויך אויף זיי, די שעפערישע יחידים, איז חל דער ביאָלאָגישער געזעץ פון מימיקרי; אויך זיי נעמען אָן דעם קאָלאָריט, די פאָראורטיילן פון זייער סביבה און צייט; און פון המנען ביז היטלער־סטאַלין האָבן זיי פיינט אַ פאָלק וועמענס קולטור ס'איז אַנדערש, אייגנאַרטיק, וואָס וויל נישט זיין ווי „אַלע". אויך זיי, די אויסנאַם־מענטשן, זיינען אויסנעמלעך בלויז אויף זייער שטיקל שטח; אויף אַלע אַנדערע שטחים בלייבן זיי דורכשניטלעך אַנטיסעמיטיש.

פּראָפ' הוק קומט צו דער מסקנא, אַז אַזוי לאַנג ווי ס'וועט זיין אַ קריסטלעכע רעליגיעזע דערציונג, וואָס מאָלט דעם ייד ווי אַ גאָט־מערדער, וועט זיין אַנטיסעמיטיזם. אַ סעקולערער הומאַניזם איז דעריבער די זיכערסטע און אמתדיקסטע פילאָסאָפיע פאַר אַ דעמאָקראַטיש לעבן. ער פאַרגעסט נישט אַז אויך אין מאַכמעדאַנישע לענדער איז דאָ אַנטיסעמיטיזם, אָבער דאָרטן, מיינט ער, איז עס נישט אַזוי אינטעגראַל ווי דער אַנטיסעמיטיזם אין קריסטנטום.

סידני הוק האָט זיך אויך באַטייליקט ווי אַ רעדנער אויף אַ מאַסן־מיטינג גערופן פון דער פרייַלאַנד־ליגע אין ניו־יאָרק (אונטערן פאָרזיץ פון ש. גוטמאַן, דעם 17טן יאַנואַר, 1945). דאָרט האָט ער דערקלערט אַז ער איז אַ פּלוראַליסט אין פילאָסאָפיע, און אין זיין קוק אויף

יידישע פּראָבלעמען; אַז דאָס יידישע פּראָבלעם איז צו קאָמפּליצירט, און מ׳קען עס מיט בלויז איין ענטפער נישט לייזן: „אַלע וועגן וואָס פירן צום ווייטערדיקן קיום פון יידן, און צו דער אויפהאַלטונג פון דער אייגנאַרטיקער יידישער קולטור מוזן אויסגעפּאָרשט ווערן. צי דאָס מיינט פאַרגרעסערטע עמיגראַציע קיין ארץ־ישראל, אָדער די עטאַבלירונג פון ביידע יידישע יישובים אין אַנדערע וועלט־טיילן... די לעצטע וועלט־געשעענישן האָבן באַוויזן דעם באַנקראָט פון אַסימילאַציע... וואָס שייך דער אַמעריקאַנער יידישער יוגנט, מוז זי זיך אויסלערנען אַז עס זאָל זי נישט פאַרדריסן אויף איר יידישקייט, נאָר זי זאָל אַקצעפּטירן און שלום־מאַכן דערמיט ווי מיט אַ פּאָזיטיוון עלעמענט אין איר לעבן". (אויפן שוועל", יאַנואַר־פעברואַר, 1945).

# III

עס וועט זיין אינטערעסאַנט צו הערן ווי דער פלוראַליסט הוק באַציט זיך צו היפּוכדיקע אמתן — אמתן וואָס זיינען אין ווידערשפּרוך איינער צום אַנדערן. אין זיין רעדע אויף דער פייערונג לכבוד אים, האָט דער פילאָסאָף דערקלערט, אַז כאָטש ער ווייסט אַז צווישן די פריינד וואָס זיינען געקומען אים באַערן זיינען דאָ חילוקי־דעות, און אַז יעדער איינער פון זיי גייט זיך פאַנאַנדער מיט אים אין געוויסע פראַגן, איז ער פון דעסטוועגן צופרידן וואָס ס׳איז דאָ אַ געוויסער ווערט, — פריינדשאַפט, אָדער געמיינזאַמע זכרונות פון אַן אויפטו פאַר אַ גוטער זאַך — וואָס שטייגט אַריבער די אַלע מיינונגס־פאַרשידנקייטן. דערצו קען מען זיך אויך טרייסטן מיטן פאַקט וואָס די דאָזיקע מיינונגס־פאַרשידנקייטן שטעלן מיט זיך פאַר אַ פלוגתא וועגן טיפע אמתן.

לויט דעם באַרימטן דענישן פיזיקער ניעלס באָהר (1885-1962) איז אַ טיפער אמת, אַזאַ אמת וואָס זיין היפּוך איז אויך אמת. למשל: מיר נעמען אָן אַז די וואָס פאַרגעסן דעם עבר זיינען פאַרמשפט אים איבערצוחזרן. אָט דאָס איז אַ טיפער אמת. אָבער ס׳איז אויך אַ טיפער אמת אַז די וואָס געדענקען אַלע מאָל דעם עבר ווייסן אָפט נישט ווען ער איז שוין עבר־זמניק, ווען עפּעס וויכטיקס וואָס איז ניי איז אויפגעקומען. אָדער נעמט אַן אַנדער ביישפּיל: ס׳איז דאָ אַ טיפער אמת, אַז צופיל רעגירונג פירט צו דעספּאָטיזם; אָבער ס׳איז אויך דאָ דער קעגנזעצלעכער טיפער אמת, אַז אָן אַ רעגירונג, אָדער אַנאַרכיע, וועלן מיר האָבן די הערשאַפט פון טויזנט דעספּאָטן. חכמה, וויזהייט, באַשטייט אין וויסן וועלכער טיפער אמת, און וויפיל דערפון ס׳איז אָנווענדבאַר אויף אַ באַשטימטער סיטואַציע. הוק פירט אויס, אַז מיר זיינען אפשר נישט קיין חכמים, אָבער מיר טראַכטן טיף און מיר דאַרפן רעספּעקטירן איינער דעם אַנדערנס טיפקייט.

די הויפּט־געפאַר אין פּאָליטישן און מאָראַלישן דענקען ליגט, לויט דעם בעל־יובל, אין דעם פאַנאַטיזם פון צידקות, אין די התחייבותן צו אַן אולטימען, פאַרהייליקטן אידעאַל, אין וועמענס נאָמען מ׳קען באַרעכטיקן יעדע האַנדלונג. די סכנה ליגט אין נישט פאַרשטיין אַז אַ שכלדיק לעבן מוז זיין באַגרינדעט אויפן יסוד פון אַ פלוראַליטעט, פון קאָנפליקט פון ווערטן; אַז בלויז דער שכל דאַרף זיין דער שופט איבער זיינע באַגרעניצונגען. חכמה באַשטייט אין וויסן אַז ס׳איז נישט קיין חכמה צו זיין בלויז קלוג.

נישט געקוקט אויף דער איצטיקער געשפּאַנטער וועלט־סיטואַציע, האַלט הוק, דאַרפן מיר נישט פאַרצווייפלען. עס זיינען דאָ אַ סך וואַריאַבלען, אומבאַשטענדיקייטן, פאַרביגייענדיקע פּאַסירונגען אין דער געשיכטע פון וואַנען מיר קענען שעפּן זיכערקייט. פון צופיל מורא קען מען ווערן אָפּגענאַרט, פּונקט ווי פון צופיל האָפנונג. מיר אַלע זיינען אויך איינע פון די וואַריאַבלען אין דער געשיכטע, און אונדזער איינפלוס און כוח איז אויך אַ פאַקטאָר. „דער פּאַראַדאָקס איז אַז מיר מוזן באַטראַכטן געוויסע ווערטן טייערער ווי דאָס לעבן, כדי צו פאַראיידלען און פּרעזערווירן דאָס לעבן... אויב מיר זיינען גרייט מקריב צו זיין אונדזער לעבן ביים פאַרטיידיקן מענטשלעכע פרייהייט, וועלן מיר מעגלעך אויסמיידן אונטערגאַנג."

ג. קאַץ־וואַסערמאַן / מעלבורן

# מיין לערער אַברהם גאַלאַמב ע״ה

עס איז מיר באמת שווער צו גלייבן, אַז מיין געוועזענער לערער און דערציער אַברהם גאַלאַמב איז מער ניטאָ צווישן די לעבעדיקע. איך בין שטאָלץ וואָס איך בין זוכה געווען צו זיין זיינס אַ שילעריך, געהאַט די זכיה צו טרינקען פון זיינע קוואַלן.

מיר, זיינע שילער, האָבן געקוקט אויף גאַלאַמבן מיטן טיפסטן רעספעקט און גלייכצייטיק ליבשאַפט און איבערגעגע־בענער געטריישאַפט. אַז מען דערמאָנט גלאַמבן לעבט אויף אין מיין זכרון, ווי ער פלעגט שטיין אין קלאַס־צימער, הויך און שלאַנק, אונדז אַרומנעמען מיט זיין ליכטיקן בליק און וואַרעמען וואָרט.

גאַלאַמב האָט אַ סך איבערגעלעבט ביז ער האָט אויסגעפורעמט זיין פעדאַגאָגישן וועג מיט נייע מעטאָדן אין דער אַלטער טראַדיציאָנעלער וועלט, ווייל אַליין איז ער געווען אַ ישיבה־בחור.

אַ סך עפיזאָדן לעבן נאָך אין זכרון און אין האַרצן, ווען מען דערמאָנט דעם טיף־פילנדיקן און געטרייען לערער און פעדאַ־גאָג, און איבער אַלעם — דעם הייסן ייד.

דער לערער גאַלאַמב האָט געשטילט דעם דורשט פון די יונגע צוהערער נאָך קולטור, קונסט, טראַדיציע און הומאַניס־טישע וויסנשאַפטן. פון זיינע אַלע קעגנ־שטאַנדן וואָס ער האָט געגעבן אין סעמי־נאַר, האָט אין זיין האַרץ און געמיט גע־גליט די ליבשאַפט צו נאַטור־וויסנשאַפט.

מיט צערטלעכקייט, באַגייסטערונג און געניטקייט פלעגט ער אויף די לעקציעס פון נאַטור־וויסנשאַפט דערציילן וועגן יעדן בלימעלע און יעדן געוויקס. יעדעס געוויקס פלעגט ביי אים ווערן לעבעדיק, פונקט ווי עס וואָלט געווען אַ לעבעדיק באַשעפעניש.

ווילנע האָט פאַרנומען דעם אויבנאָן מיט אירע מוסטערדיקע יידישע פאָלקס־שולן, גימנאַזיעס. איינע פון די שטאַרק־סטע לערער־אינסטיטוציעס איז געווען דער יידישער לערער־סעמינאַר.

באַגאַבטע און ענטוזיאַסטישע לערערס, פעדאַגאָגן, וויסנשאַפטסלייט האָט געהאַט דער לערער־סעמינאַר, ווי: מאַקס וויינ־רייך, מאַקס עריק, אַרקאַדי קרעמער, משה קולבאַק, ישראל ביבער. דאָס זענען געווען גוטע לערערס, אינטערעסאַנטע לעקטאָרן (בלויז צו דערמאָנען עטלעכע).

אַברהם גאַלאַמב איז געווען נישט נאָר דער לערער און דירעקטאָר, נאָר דער אינספיראַטאָר, דער באַגייסטערער, דאָס האַרץ, די נשמה פון סעמינאַר.

דאָס לערנען אין סעמינאַר איז באַשטאַ־נען ניט נאָר פון הערן לעקציעס און זיי אויסלערנען, נאָר זוכן און שטודירן. די לעקציעס פון לערער זענען געווען אַ צו־גאָב־מיטל זיך צו קאָנצענטרירן אויפן געלערנטן.

א. גאַלאַמב פלעגט זיך באַמיען איינ־פלאַנצן אין זיינע יונגע צוהערער די פאַרבינדונג פון אַלט־נייע קולטורן מיט דער שיינקייט פון יידישע אוצרות און דערוועקן אין יידישן יוגנטלעכן דעם באַוווסטזיין פון זיין אַ שטאָלצער ייד..

דער ווילנער יידישער לערער־סעמי־נאַר איז דאָך געווען די שול פון אונדזער וועלטלעכער יידישקייט, פון יידישער גייסטיקייט און איבער דעם אַלעם איז געווען די פּאַטערלעכע אויפזיכט פון אונ־דזער גרויסן לערער און דערציער אַברהם גאַלאַמב.

ביזן היינטיקן טאָג טראָגן די איבער־געבליבענע סעמינאַריסטן (ליידער — אויף די פינגער צו ציילן) ווו זיי זאָלן זיך ניט געפינען, אַ הייליקן ציטער פון ווילנע — ירושלים דליטע; דאָרט ווו עס האָט זיך געפורעמט אונדזער לעבן און באַוווסטזיין. ווייניק זענען מיר פאַרבליבן נאָך אונדזער

---

און מיר דאַרפן צוגעבן אַז אַזעלכע געוויסנהאַפטע, אַחריותדיקע, ווייטזעענ־דיקע דענקערס און מוטיקע קעמפערס ווי סידני הוק, זיינען אויך אַ וויכטיקער פאַקטאָר אין דער פאַרזערוירונג פון אַ פרייער דעמאָקראַטישער וועלט.

גרויסן פֿאָלקס־חורבן, די יונגע טרוימער, וועלכע זענען געקומען פֿון שטעט און שטעטלעך צו לערנען, ווי אַזוי צו ווערן לערערס. צווישן זיי אויך מיין עלטערער ברודער יוסף קאַץ ע״ה, וועמען גאָלאָמב האָט ביי יעדער געלעגנהייט, אין זיינע ביכער, באַצייכנט ווי דער עילוי פֿון סעמינאַר.

נאָכן פֿאַרענדיקן דעם לערער־סעמינאַר אין ווילנע אונטער גאָלאָמבס השגחה און אַ דאַנק זיין אינספּיראַציע זענען צעשפּרייט געוואָרן איבער די יידישע ישובים אין פּוילן יונגע לערערס מיט אידעאַליסטישן גלויבן, אַחריות, דיסציפּלין און מסירת נפש. זיי האָבן דערהויבן די יידישע שולן צו גאָר אַ הויכער מדרגה. זיי זענען געווען בכוח אַליין צו שאַפֿן און בויען יידיש וועלטלעכע שולן, און מיט זיי אָנפֿירן.

ווען גאָלאָמבס תלמידים זענען אַוועק צו דער אַרבעט אַלס לערערס אין די שולן, זענען זיי נאָך כסדר געווען פֿאַרבונדן מיט זייער לערער דורך גייסטיקע פֿעדעם. ער פֿלעגט זיך אינטערעסירן מיט דער פּעדאַגאָגישער אַרבעט פֿון די סעמינאַריסטן — נייע לערערס.

א. גאָלאָמב האָט אין זיין צייט צוגעגרייט צענדליקער ביכער פֿאַר קינדער און יוגנט־ליטעראַטור, לערן־ביכער מיט יידישע טערמינאָלאָגיעס פֿאַר לימודים, וואָס מען האָט נאָך קיין מאָל ניט געפֿירט אין דער יידישער שפּראַך, ווי: באָטאַניק, געאָגראַפֿיע, זאָאָלאָגיע און אַנדערע. א. גאָלאָמב האָט אַריינגעפֿירט אַ סך שינויים אין דער שול־אַרבעט; וויסנשאַפֿטלעכע עקספּעדיציעס — ניט זוכן אין ביכער, נאָר דירעקט פֿון דער נאַטור. דער לערער דאַרף ניט זיין דער מקור, דער אַלצווייסער — פֿלעגט ער זאָגן — ער דאַרף זיין דער אָנפֿירער פֿון די זוכענישן.

אַ ביישפּיל פֿון דעם איז געווען אין סעמינאַר די זומער־קאָלאָניע „פּושקאַרניע", וווּ מיר פֿלעגן אַרויספֿאָרן זומערצייט און שטודירן אַלץ פֿון דער נאַטור, און אָנפֿירן מיט דער פּעדאַגאָגישער אַרבעט פֿלעגט אונדזער לערער א. גאָלאָמב. ער האָט איבערגעלאָזט זיין איינפֿלוס, וווּ ער האָט נאָר געלעבט ווי אַ לערער און דערציער, און געלעבט האָט ער אין אַ סך גרעסערע יידישע ישובים אויף דער וועלט. ער איז אָנערקענט געוואָרן ווי איינער פֿון אונדזערע חשובֿסטע, העלערקסטע און מוטיקע דענקערס, וואָס העלפֿן באַפֿעסטיקן דעם המשך פֿון יידישן קיום.

א. גאָלאָמב האָט נאָכן חורבן אָנגעהויבן זוכן זיינע אַמאָליקע תלמידים. מיין גורל האָט געוואָלט, אַז איך זאָל נאָך דער גרויסער וועלט־קאַטאַסטראָפֿע בלייבן לעבן און פֿאַרוואָרפֿן ווערן אין אויסטראַליע. גאָלאָמב האָט מיך געפֿונען און מיר פֿאָרגעלייגט איך זאָל קומען אין זיין לעצטן וווין־אָרט, לאָס אַנדזשעלעס, צו אַרבעטן ביי יידישער דערציונג.

פֿון יענער צייט ביז איך איך געווען פֿאַרבונדן דורך בריוו מיט א. גאָלאָמבן. אין זיינע בריוו פֿלעגט ער שטענדיק באַריִרן זיינע אָנגעווייטיקטע פּראָבלעמען — וועגן קיום און המשך און וועגן יידישגייסטיקע פֿאַרוואַנדלענישן.

מיט דער צייט האָב איך אָנגעהויבן אַריינדרינגען אין זיינע ביכער, וואָס ער פֿלעגט מיר כסדר צושיקן. אין אַלע זיינע ביכער גייט דורך, ווי אַ רויטער פֿאָדעם, זיין זאָרג איבער די אַסימילאַציע טענדענצן אין די תפֿוצות און גרויס מורא פֿאַרן ווייטערדיקן קיום פֿון יידישן פֿאָלק.

אין זיינע ביכער און אָפּהאַנדלונגען האַלט ער, אַז די מערהייט פֿון אונדזער פֿאָלק האָט געצויגן דווקא צו דעם וואָס עס איז אונדז פֿרעמד. ער זאָגט: „אָנהייבן דינען פֿרעמדע געטער וועלן מיר פֿאַרלירן אונדזער אייגנעם יידישן פּנים."

איבערציייגנדיק זענען זיינע אַרויסזאָגונגען וועגן אָפּהיטן דאָס לשון פֿון פֿאָלק און קעגן אויסטוישן אייגענע נאַציאָנאַלע ווערטן אויף אַנדערע, פֿרעמדע. ער זאָגט דאָס אַלץ אַרויס מיט גרויס ווייטאָג, אָבער מיט געוואַגטקייט. ער איז אַלע מאָל דער מאָנער און שטראָפֿער.

געשריבן זיינע ביכער האָט גאָלאָמב אין די לעצטע יאָרן זיינע. די גייסטיקע שעפֿערישע געדאַנקען, וואָס מיר טרעפֿן אין זיינע ווערק האָט געדאַרפֿט לערנען און באַווירקן אונדזער יידיש פֿאָלק און ספּעציעל אונדזער יוגנט.

# שרייבערס און ביכער

יעקב י. מייטליס / לאָנדאָן

## א. נ. שטענצעל, דער דיכטערישער בעל-אמונה

מיט דער פטירה פון אברהם נחום שטענצל, איז אַוועק פון אונדז אַ יידישלעך-צעפלאַמטער און וואָגיקער דיכטערישער טאַלאַנט, מיט זיין פאָלקיש-חסידישן ברען און אייגנדיקן ריטם. אין זיין צעברויזטן ויתרוצצו, אָנגעלאָדן מיט עקסטאַזע און פאַטאָס, מיט זיין פאַרהוילנקייט און רמזימדיקייט, איז ער תחילתדיק געווען אַ שפּאָר ביסל עניגמאַטיש, און זיין תמציתדיק-קוואַליק וואָרט האָט געקלונגען מער ניסתרדיק ווי ניגלה. איז דעריבער אפשר נישט קיין צופאַל, אַז דער ראַפינירטער פאָעט און חריפותדיק-פאַרשמטער וואָרטזאָגער, יעקב גלאַטשטיין, האָט שטענצעלס יצירה נישט באַלד ווי געהעריק דערקענט, און אים ערשט אַנטדעקט דווקא אין דער געראָטענער איבערזעצונג אין ענגליש פון יוסף לעפטוויטשן, וואָס האָט אויף אים געמאַכט אַ רושם.

ווי דאָס זאָל אָבער נישט זיין, איז א. נ. שטענצעל געווען און פאַרבליבן אַ מקורדיקער און תוכיקער בעל-שירה מיט אַ שיעור-קומה, מיט טיפע שורשים אין דער דורותדיק-פאָלקישער יידישקייט, אַ בן-בית אין איר צעשיינטער קולטור, אין איר שאַפערישן פאַרמעסט און צעשיינטן אויפגיי, פון וואָס דער צעפלאַמטער דיכטער שטענצל האָט בהרחבהדיק געצויגן זיין שפעדיקע יניקה. ער איז אויך געווען אין וואָרט און בילד אַ מסוגלדיקער און אייגנדיקער בעל-לשון, אַ קראַפטיקער און באַהויכטער פאָעט, איינער פון די לעצטע אין אונדזער דור פון דער אימהדיק פאַרשניטענער מיזרח-אייראָפעישער יידישקייט.

הגם שטענצעל, דער תמימותדיק-פלאַמיקער בעל-נפש איז געווען כסדר אַריינגעטאָן מיט מוח און האַרץ אין זיין דיכטערישער שאַפונג, האָט ער אויך מיט גרויס איבערגעגעבנקייט און ליבשאַפט געטראָגן נאמנותדיק דעם עול פון דער יידישער קולטור און איר לשון, וואָס זענען געווען איינע פון די עיקרים פון זיין יידישלעכן אני-מאמין. זיין סובלים-צעוועקטער גייסט האָט אים נישט געלאָזט איינרוען און כסדר געשטויסן און סטימולירט צו נייע און האַפטיקע מעשים, אין וואָס ער האָט געזען זיין אמתע און אחריותדיקע שליחות, פון וואָס ער האָט בשום אופן נישט געקענט און נישט געטאָרט אָפּנויגן. אויף אַזאַ אופן האָט ער געגומען ממשיך זיין זיין אימפולסיווע און פּרוכטיקע יצירה פאַרבונדן מיט אַן אייפערדיקער און אַקטיווער קולטור-אַרבעט, אפילו אויף דעם קאַרגן און עקרדיקן באָדן פון דער ענגלישער יידישקייט, וווהין ער איז פאַרגלותט געוואָרן ביים סוף פון די דרייסיקער יאָרן.

געשטאַמט האָט שטענצעל פון דער יוסטער און גוט-פאַרפונדעוועטער יידישקייט אין פוילן, מיט איר פנימיות און דרך אין לעבן, תוך און שאַפערישקייט. זיין היים אין שטעטל טשעלאדז ביי בענדין, איז געווען אַ יידישלעך-וואַרעם, לומדיש-חסידיש הויז, אָנגעזען אין דער זאַגלעמביער סביבה, ווי דער ראַיאָן

מיט זיין אַוועקגיין האָבן מיר פאַרלוירן אַ מענטש, וואָס האָט געלעבט מיט טיפן גלויבן, מיט קעמפערישן און שעפערישן טוט צו פאַרשפרייטן יידישקייט און יידישע דערציונג, ווו ער האָט זיך נאָר געפונען.

מיט דער פטירה פון אַברהם גאָלאָמב איז די יידישע וועלט אָרעמער געוואָרן. דער אָנדענק פון דער זעלטענער געשטאַלט, גרויסן הומאַניסט וועט בלייבן לזיכּרון נאָך אַ סך דורות.

האָט געהייסן. אין דער יידישלעך־וואַרעמער סביבה איז שטענצעל אויסגעוואַקסן און געוואָרן אַ ווילער בית־מדרש בחור, אַ פלינקער קאָפּ און אַ שאַרפער בן־תורה פון אַ חסידיש־לומדישן שניט.

אַ נייע תקופה אין זיין לעבן האָט זיך איינגעשטעלט בשעת ער איז אַוועק פון דער היים און אָנגעקומען קיין דייטשלאַנד נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. אין יענע יאָרן איז אויפן באָדן פון בערלין, גענערט פון השפעות פון דער מיזרח־אייראָפּעישער און נאַציאָנאַל־ציוניסטישע שטרעמונגען, אויפגעגאַנגען אַ באַנייט יידיש קולטור־ און געזעלשאַפטלעך לעבן פון אַ ברייטן פאַרנעם, וואָס האָט געצויגן צו זיך ווי אַ מאַגנעט אַ שפּאָר ביסל יונגוואַרג פון מיזרח־אייראָפּע, און מיט זיי אויך דעם פאַרחלומטן, האַלב־פאַרלוירענעם אברהם נחום שטענצלען.

אין יענע „גילדענע" יאָרן פון דער ווײַמאַרער רעפּובליק איז די מעטראָפּאָליע פון דייטשלאַנד געווען אַ מין גייסטיקער קיבוץ־גלויות פון מלומדים און געזעלשאַפטלעכע טוערס, צעשמטע דיכטערס און אנגעזעענע שרייבערס, באַקאַנטע מאָלערס און יונגע, אויפגייענדיקע פּאָעטישע טאַלאַנטן. אינעם יידישלעכן בערלין האָט עס געשטורעמט און געפּליצט מיט אַ וואַכיקער פּאָליטישער און אַ האַסטיק אויפגעגאַנגענער קולטור־טעטיקייט. כמעט איבער נאַכט זענען אויפגעקומען העברעישע און יידישע פאַרלאַגן, וואָס האָבן אַרויסגעגעבן סיי אין יידיש און סיי אין העברעיש אַ ריי באַטייטיקע ליטעראַרישע און וויסנשאַפטלעכע ווערק און באַגלייך אַ פּרעסע מיט וואָגיקע זשורנאַלן און אַ צאָל שריפטן אויפן געביט פון קונסט, ליטעראַטור און אַלגעמיינע געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען.

אגב, אַ מין צענטער פון יידישער געזעלשאַפטלעכקייט איז דעמאָלט געווען דאָס באַרימטע „ראָמאַנישע קאַפע" וווּ באַקאַנטע שרייבערס, קינסטלערס און פּאָעטן פלעגן זיך טאָג־איין טאָג־אויס צונויפקומען ביי אַ טעפּל קאַווע און אַ לעקעכל, און אָנגעהאַלטן ווי אַמאָליקע חסידישע רבים זייער תורה—און וועלט־שמועסן, צו וואָס די יונגע גוואַרדיע האָט זיך צוגעהערט מיט גרויס אינטערעס און אָפּשיי. איז דאָס טאַקע אַ מאָל געווען אַ זעלטענע צייט ווען עס האָט אין דער דייטשישער הויפּטשטאָט רחבותדיק געשטאַמט אַ צעוועקט און אויפגעברויזט שאַפעריש יידיש לעבן, קוואַליק און תוכיק, וואָס זיין צופריאיקע און טראַגישע שקיעה איז געקומען מיטן אויפגיי פון דער נאַצי־הערשאַפט. אָבער איידער וואָס, איידער ווען האָט דער הרחבהדיקער קולטור־דופק וויטאַל געקלאַפּט אין דער יידישלעך ליכטיקן מיזרח־אייראָפּעישן קיבוץ יידן אין דייטשלאַנד. און לאָמיר דאָ נאָך דערמאָנען, אַז אין יאָר 1925 איז אין בערלין געוואָרן געלייגט דער ווינקלשטיין פון „ייווא", וואָס בראש פון אים זענען געשטאַנען אַזוינע יידיש־פאָרשערס ווי נחום שטיף, מאַקס ווײַנרייך און אַ ריי אַנדערע פאָרשערס און טוערס.

פאַרשטייט זיך, אַז אין דער כוח־גבראדיק פולסירנדיקער סביבה האָט דער יונגער, צעפלאַמטער, אומרויִקער און בעצם פאַרפּאָנטעטער שטענצעל געפונען אַ געראָטענעם אָנהאַלט און חיזוק אין זיינע ערשטע, דיכטעריש־פאָרמאַטיווע יאָרן, און געווען מזל־ברכהדיק ביז גאָר. פאַר אים איז דאָס גריילעך געווען אַ שטיץ און ביישטאַנד אין דעם יידישלעך־צעקאָכטן אַרום. פון אַ גרויס חשיבות איז פאַר אים געווען די חברישע באַקאַנטשאַפט פון דעם איידעלן און מענטשלעך־צוגעלאָזטן ליטעראַטור־קריטיקער בעל־מחשבות ־ עליאַשאָוו, וואָס האָט אין שטענצלען באַצייטנס דערזען דעם אמתן פּאָעטישן ניצוץ, און אים שטאַרק מקרב געווען.

בהדרגהדיק האָבן זיך שטענצעלס שאַפערישע כוחות גענומען אויספורעמען און קריסטאַליזירן, און זיינע ערשטע, האַלב־דערזאָגטע און נאָך נישט פאַרטיקע לידער האָבן זיך באַוויזן אין דרוק. ווי ביי אַ סך אַנדערע אָנהייבערס, האָט אויך שטענצעלס צעפלאַמטע פנימיות זיך שטאַרק געראַנגלט מיט פאָרם און אויסדרוק, תוך און לשון. אָבער דער כוח־הדוחף פון זיין צעשיינטער מוזע האָט גאָר גיך גובר געווען די תחילתדיקע

מניעות און מיכשולים. ער איז געוואָרן זיכערער ביי זיך, זיין אמונה און די דיכטערישע כוחות האָבן זיך געשטאַרקט און געפעסטיקט און גאָר גיך אַרויס פון זיין מן המיצר. נעבן זיינע ערשטע, פריאיק־אָנגעוואָרפענע לידער, איז שוין אין לייפציג אין יאָר 1922 אַרויס די ערשטע זאַמלונג „לידער און געדיכטן" און אין 1952 — זיין שטראַליק־סובלימע דיכטונג „און דו ביסט גאָט", פול מיט עלעמענטאַרן געראַנגל און בשמחהדיקן גלי, וואָס האָט געמאַכט אַ רושם. זיין קראַפטיקע מוזע האָט געשפּאַרט מיט אַ קוואַליקער תמצית און אַ צעשיינטער בילדערישקייט וואָס האָט געלאָזט עפּעס הערן.

צווישן זיינע ליריש־צעליכטיקטן געזאַנג אין דער בערלינער תקופה איז כדאי צו דערמאָנען שטענצעלס וווּנדערלעך ביכל לידער „32" מיטן אונטערקעפּל „אין דאָרסעטער וואַלד ביים ים" (1932) און זיין איך־קאָנפראָנטאַציע מיט דער נאַטור־פּראַכט, די שטילקייט פון וואַלד און דעם צערוישטן כוואַליעדיקן ים. צוויי יאָר שפּעטער זינגט דער סענסיטיווער דיכטער אויס אין זיין „טאַטע סאָנעטן" (1934) זיין השתפכות־הנפשדיקע בענקשאַפט נאָך טאַטע־מאַמע, וואָס ער האָט פאַרלאָזט אין דער היים, און ער אַ פאַרוואָגלטער אין דער פרעמד טוליעט זיך מיט גרויס ליבשאַפט אין זיין פאַרלוירנקייט אין זייער יידישלעכער וואַרעמקייט. און אַ יאָר שפּעטער איז אַרויס זיין „מזל טלה" (חומש און נביאישע פּאָרטרעטן) מיט זיין אייגנדיקן, יידיש־פאָלקישן חזיון און דיכטערישן ברען האָבן מיר דאָ צו טאָן מיט אַן אימפּולסיוו־אימפּרעסיאָניסטישער יצירה פון אַ באַהויכטן און אויסגעצייטיקטן דיכטער, וואָס האָט קוממיותדיק און האָפעדיק געלאָזט הערן זיין וואָרט דווקא אין דער שווערער צייט פון היטלערס אָנקום צו דער מאַכט.

אָבער מיט אַ שטיקל צייט פריער, בעת עס איז דערשינען שטענצעלס פּרעכטיק „פישער דאָרף", ווו ער באַזינגט ברכינפשידיק מיט אַ שלל פון קאָליר און אַ זאַפטיק לשון, מענטש און נאַטור, האָט זיין יידישלעך־פאַרניגונטע שירה געמאַכט אַ שטאַרקן רושם אין די ליטעראַרישע קרייזן. זיין בילדערישער שיר המעלות, וואָס איז געוואָרן איבערגעזעצט אין דייטש, האָט באַקומען די זעלטענע סמיכה פון אַ ריי גדולים אין דער דייטשישער ליטעראַטור, אַ שטייגער טאָמאַס מאַן, אַלפרעד דעבלין און אַרנאָלד צווייג, וואָס האָבן זיך אָפּגערופן מיט אַ סך וואַרעמקייט און באַגייסטערונג אויף דעם אויסגעצייכנטן פּאָעט פון דער יאָדערדיקער פּוילישער יידישקייט.

א. נ. שטענצעל, דער אומרויקער און אויפגעוודערטער דיכטער, איז בטבע געווען אַ פשטותדיקער און עניוותדיקער מענטש, אַ זעלטענער בעל־מידות, ווייט פון פּרזענלעכער התפעלות און נישט געזוכט קיין כבוד. ווי אַ נאמנותדיקער דיכטער, איז פאַר זיינע אויגן מיט זיין ליריש־פלאַמיקן וואָרט געשטאַנען אַן אייגענע שווערע התחייבות און באַגלייך אַ ליידנשאַפטלעכער אַרויספאָדער כלפּי זיך און דעם יידישליכן אַרום. כל ימיו אַריינגעטאָן אין זיך און כלל־פּראָבלעמען, איז זיין נפש געווען אָנגעלאָדן מיט אומעט און געשפּאַנטקייט, און געזוכט אויף זיין אופן אין זיין אימפּעטיק־אימפּולסיווער שאַפונג אַרויס פון דעם פיינלעכן מן־המיצר. זיין צעטראָגנקייט און אָנשטרענג איז אָפט געווען אָן אַ שיעור גרויס. אין דעם פּרט איז אים געקומען צו הילף זיין איינגעטיפטע אמונה אין די פאָלקישע כוחות און זייער גייסטיקע ירושה פון דורות, און די מידה פון גרויס אהבת ישראל, וואָס ער האָט געטראָגן חסידישהאָפעדיק אין זיין ליכטיקן האַרץ.

זיין טיפער גלויבן אין קיום פון די פאָלקיש־אַקומולירטע ווערטיקייטן איז זייער עיקר געקומען צום אויסדרוק אין זיין אייפערדיקן קאַמף פאַר לשון יידיש און זיין קולטור צו וואָס ער איז געווען איבערגעגעבן מיט גרויס געטריישאַפט און ליבשאַפט. דאָס איז אויך געווען זיין דיכטערישע און באַגלייך דערציערישע שליחות אין דער יידישער ליטעראַטור. דאָס האָט שטענצעל אויך באַוויזן מיט אַ סך קינסטלערישער און פּראַקטישטוערישער יכולת אויף דעם אָפּגעשטאַנענעם און האַמעטנעם באָדן פון יידישלעכן לאָנדאָן.

אַהערצו איז ער אָנגעקומען ווי אַ פּליט פון נאַצישע רדיפות סוף 1936. אַ גאָלער פרעמדער אין אַ ניי לאַנד מיט אַן אַנדער לשון, און דערצו נאָך אַ פאַרגרעבטער ישוב, זענען פון אָנהייב פאַר אים געווען די שוועריקייטן און נסיונות אין לשער גרויס. אָבער דער תוכיק־אייגנדיקער דיכטער און תמימותדיקער בעל־אמונה איז געווען פון אַן אַנדערן טייג געקנאָטן. שוין תחילתדיק איז געווען קלאָר פאַר אים, אַז ער מוז מיט אַלע כוחות איבערקומען די מיכשולים וואָס זענען געשטאַנען אויף זיין האַרטן וועג. זיין דיכטעריש־אימפּעטיקע אומרו האָט אים געשטויסן צו נייע מעשים, ווי ווייט עס האָט זיך געלאָזט. און עס איז אַוועק אַ באַנייטער גאַנג פון אַ יחידיש־ליכטיקער יצירה, וואָס האָט בפירוש עדות געזאָגט אויף זיין פלאַמיקער אמונה אין יידישן קיום און זיין דיכטערישן עלאַן.

פאַר דעם צעשיינטן פאָעט און פאַרבענקטן בעל־חלומות איז ווייטשעפּל, מיט זיין רעש און געטומל, קרעמערס און אַרבעטאָרערס, הייזקעס און געסלעך אויסגעוואַקסן צו אַ יידיש שטעטל מיט אַלע מעלות און חסרונות פון זיין אַמאָליקער, צעוואַרעמטער און ליכטיקער היים. עס איז געוואָרן, ווי ער האָט דאָס אָנגערופן אין אַ שפּעטערדיקן בוך: „ווייטשעפּל שטעטל ד׳בריטן״, אַ נייע היים פאַר דעם פאַרגלותדיקן יידישן דיכטער פון זיין יידישער היים אין פוילן.

שטענצעל האָט תחילתדיק פאַרעפנטלעכט אין דער לאָנדאָנער „צייט״ אַ צאָל לידער און פאָעמעס מיט זיין פיגוראַטיווער שפּראַך און בילדערישקייט. פאַר דעם שרייבער פון די שורות זענען דאָס היינט שוין כמעט פאַרבלאַסטע זכרונות פון אַמאָליקע יאָרן, מיט זייער אַרומיקער פאַרלוירנקייט און קולטור־גערעַנגל אויף דער יידישער גאַס אין דער ענגלישער מעטראָפּאָליע. אָבער שטענצעל איז געבליבן געטריי זיין שליחות און אָנגעהאַלטן דעם צאַנקענדיקן נר־תמיד פון יידישן וואָרט, אַז עס זאָל האָבן זיין תוכיקן באַשטאַנד און קיום.

בינו לבינו זיינען דערשינען זיינע „זומער פערזן״, „לאָנדאָנער סאָנעטן״, ביז צו זיין דערמאָנטן „ווייטשעפּל שטעטל ד׳בריטן״ (1961), אַז ביז גאָר שיינע און געראָטענע דיכטונג מיט אַ שטילן אויפּבויז, איכפּולסיווע אימאַזשן און אַ זאַפטיקן לשון. אפילו אין די סאַמע שווערע יאָרן פון דער מוראדיקער וועלט־מלחמה, מיט נאַצישע באָמבעס און וויסטע שריפות אין דער יידישער געגנט, האָט זיך דער צעוועקטער און וואַכיקער גייסט פון דיכטער שטענצעל נישט געלאָזט אָפּשטעלן אויף אַ רגע. עס טאָר בפירוש נישט קומען אין אַ צייט פון נויט און צרות צו אַ טאָטאַלן גייסטיקן שטילשטאַנד. נאָר נישט דערלאָזן קיין אַפּהענטיקייט און ייאוש. זיין האָפערדיק־פלאַמיק קול פון דעם זעלטענעם כוח־הנפש פון יידישן פאָלק האָט אין דעם מסוכנדיקן מצב אַ שפּאָר ביסל געשטאַרקט די פאַ־אומערטע הערצער און געוועקט מיט בטחון אויף להבא.

ווי תמיד האָט שטענצעל מסוגלדיק מזווג געווען אין זיין שירה דעם היינט מיט דעם ליכטיקן נעכטן, די אימאַנענטע, יידישלעך־מקורהדיקע פאָטענץ מיט דער צעוודערטער איצטיקייט. אַזוי זענען אויך אויפגעקומען אין יענע שווערע מלחמה־טעג די ערשטע העפטלעך פון זיין שפּעטערדיקן ליטעראַרישן זשורנאַל „לשון און לעבן״, וואָס האָט קאָנצענטרירט אַרום זיך אַ צאָל גוטע און וואָגיקע שרייבערס און דיכטערס, און עיקרשט זיינע אייגענע אימפּולסיווע, אייפערדיק־פּרוכטיקע שאַפונג. ווי אַ הייסער בעל־תפילה איז ער געשטאַנען פאַר זיין יחידישן עמוד און מיט גרויס התעוררות געלאָזט הערן זיין מזמור־שיר, אין ריטמישע סטראָפעס און לירישע פאָעמעס, אָנגעלאָרן מיט אַ טיפער בענקשאַפט און ווייטאָג נאָך דער פאַרשניטענער יידישקייט אין מיזרח־אייראָפּע, אירע באַהויכטע גייסטער און גדולים, און באַגלייך התלהבותדיק געוועקט דעם האַלב־פאַרשלאָפענעם און פאַסיוון יישוב יידן צו אַ נייעם פאַרמעסט און וואָגיקע מעשים. דאָס איז געווען זיין אָנגעצילטער, אַקסיאָמאַטישער דרך אין לעבן ווי אַן אמתער וואָרטזאָגער און קולטור־מדריך.

פון אַ באַזונדער חשיבות איז אויך געווען זיין תכליתדיק־מסוגלדיקער אויפטו

חיים ווײנשעל / מילוואָקי

# אַלטער עסעלין — צו זײַן 8-טן יאָרצײַט

דער אײגנאַרטיקער פּ אָ ע ט אַלטער עסעלין, פּונקט ווי זײַן עטוואָס נישט הײמישלעכער פֿאַמיליע־נאָמען און צוריקגעהאַלטן פֿאַרוויקלטער טאָן, וואָס האָט דאָמינירט זײַנע ערשטע לידער כמעט אַ גאַנץ לעבן זײַנס, האָט זיך געהאַלטן ווי אַן אַרויסגעשטויסענער פֿון דער פּאָעטישער חברייא און אַ באַוווּסטזיניק נישט פֿאַרשטאַנענער. אַביסל האָט זײַן לשון געקלונגען געקינצלט. עס האָט אויסגעזען אַז ער קלײַבט ספּעציעל פֿאַרשײדנמאָסיק געשטאַלטיקטע אויסדרוקן, צו וועלכע מ׳איז נאָך דאַן, ווען ער האָט זיך באַוויזן, נישט געווען געוווינט בײַ אונדז.

אָבער וואָס מער מיר דערווײַטערן זיך פֿון אים און פֿון זײַן פּאָעטישן און נאַציאָנאַלן יאוש, אַלץ נענטער ווערט ער צום הײַנטיקן מער מאָדערנעם פּאָעטיש־יידישן שאַפֿן.

אויך זײַן ביאָגראַפֿיע איז עפּעס אַזאַ יוצא־דופנדיקע פֿון אַנדערע יידישע פּאָעטן. אַן אומרויִקער, אַן אומצופֿרידענער, האָט ער פֿון 1908 אָן, ווען ער איז געקומען קיין אַמעריקע אין עלטער פֿון 19 יאָר, געוואַנדערט איבערן גרויסן קאָנטינענט פֿון ברעג צו ברעג. ערשט אין 1925 קומט ער אָן קיין מילוואָקי מיט זײַן פֿרוי בעקי און אײנציקן זון יוסף, וווּ ער בלײַבט וווינען ביז 1974, ווען ער איז געשטאָרבן אין עלטער פֿון 85 יאָר.

עסעלין האָט שטענדיק געבענקט צו זײַן מיט זײַנע קאָלעגן אין ניו־יאָרק, דעם צענטער פֿון יידישער ליטעראַטור. ס׳איז אים אָבער באַשערט געווען צו בלײַבן אין מילוואָקי און אין מילוואָקי זענען אַרויסגעגעבן געוואָרן זײַנע דרײַ בענדער יידישע פּאָעזיע און אַ באַנד פֿון זײַנע 53 לידער אין ענגליש, איבערגעזעצט פֿון זײַן זון יוסף. עס האָבן דורך דער צײַט געלעבט אין מילוואָקי נאָך אײניקע דיכ־

פֿון די שײנע און אינסטרוקטיווע שבת־נאָכמיטאָגן, מיט וואָס ער איז אָנגעגאַנגען אין די נאָך־מלחמה יאָרן אין לאָנדאָן. מיט אַן עולם ווילע און גוטע יידן, דאָרשטיקע נאָך אַ לעבעדיק יידיש וואָרט, האָט ער אויף זײַן אופֿן געפּראַוועט זײַן קולטור־חסידות. אַנדערש ווי בײַ אַמאָליקע רבים בײַם טיש, האָט מען דאָ געקנעלט ליטעראַטור־תורה. מען האָט געהאַלטן רעפֿעראַטן אויף פֿאַרשײדענע טעמעס, געלערנט אַ בלאַט יידישע קלאַסיקערס, פֿאַרטײַטשט אַ קאַפּיטל מענדעלען, פּרצן, שלום־עליכמען און אַ רײ מאָדערנע בעלי־יצירות, באַגלײט פֿון רעציטאַציעס און פֿאָלקישער נגינה. די שבת־נאָכמיטאָגן אין ווײַטשעפּלער שטעטל זענען אָנגעגאַנגען אָן אַן איבעררײַס וואָך בײַ וואָך, אַ גאַנץ יאָר, און געווען אַ שם־דבר אין יישוב, און געהאַט אַן אָפּקלאַנג אפֿילו בײַ דעם דערווײַטערטן, נישט יידיש־רעדנדיקן עולם.

סײַ ווי אַ גוטער דיכטער און סײַ ווי אַ מסוגלדיקער קולטור־מדריך איז שטענדיק צעל געווען אַ בעל שיעור קומה, און זײַן פּטירה לאָזט איבער אַ בלויז נישט נאָר אין דער איצטיקער שווערער מערכה פֿון דער יידישער ליטעראַטור, בײַערט אויך אין דעם צאַנקענדיקן יידישלעכן לעבן פֿון לאָנדאָן. בײַ דעם הײַנטיקן מצב וועט זײַן שווער צו געפֿינען אַ ממלא־מקום פֿאַר אים. אַז דער שרײַבער פֿון די שורות האָט דעם שכיב־מרע געזען אין שפּיטאָל אַ נאַכט פֿאַר זײַן פּטירה, איז זײַן לשון שוין געווען אָפּגענומען, אָבער זײַנע אויגן האָבן געליכטיקט מיט ליבלעכער גוטסקייט, און דאָס פּנים האָט געשײַנט מיט אַ זעלטענער געלײַטערטקייט און פּנימיותדיקער קדושה, — אַ מדרגה וואָס נישט יעדער בן־אָדם קען דערגרייכן.

יהי זכרו ברוך. זאָלן זײַנע מעשים און זײַן תוכיק־ליכטיק וואָרט נישט פֿאַרגעסן ווערן.

(לאָנדאָן, אדר תשמ״ג)

טעדס און שרייבערס, אָבער עסעלין איז דער מער באַוווסטער און אנערקענטער אין דער יידישער ליטעראַטור.

אַלטער עסעלין (אַרע סערעברעניק) איז געבוירן געוואָרן דעם 23טן אַפּריל 1889 אין טשערניגאָוו, רוסלאַנד. דער עלטסטער פון פינף קינדער, דריי מיידלעך און צוויי יינגלעך, געבוירן צו צביה און יוסף סערעברעניק. די משפחה האָט געלעבט אין גרויס אָרעמקייט, אין אַ קעלער־שטוב צוזאַמען מיטן זיידן. דורכן זיידנס איינפלוס פון דער מוטערס זייט, קריגט ער אַ רעליגיעזע דערציִונג. דער פאָטער, אַן אָקסן־הענדלער, שטאַרבט בעת ער ווערט דערשטאָכן פון אַן אָקס' הערנער, ווען אַלטער איז 10 יאָר אַלט. ער לאָזט איבער אַן אַלמנה מיט פינף קינדער. כדי אויפצוהאַלטן די פאַמיליע טוט די מאַמע זיך אָן ווי אַ ציגיינערין און ווערט אַ טרעפּערקע און מעשה־דערציילערין צו די שיקסעס פון די דערפער. זי פאַרכּישופט זיי מיט איר ענטוזיאַזם און פאַרקויפט זיי „ליבע־פּראַשקעס״ (צוקער). אַלטער זיצט דערביי און באַוווּנדערט דער מאַמעס איינפלוס אויף די שיקסעס. מיט דעם זעלבן ענטוזיאַזם פאַרקויפט זי אויך גרינוואַרג און געגנדזןשמאַלץ פון די גענדז וואָס זי האָדעוועט אַליין.

אָבער אירע פאַרדינסטן זענען צו קליין צו קענען אויפהאַלטן די גאַנצע משפחה און אַלטער, זייענדיק דער עלטסטער, מוז אויפגעבן זיין לערנען און ווערט אַ לערן־יינגל ביי אַ שניידער. ער איז געלינקט און דער שניידער וויל אים מאַכן פאַר אַ „רעכטן״. ער פאַרוויקלט אים די האַנט מיט פאָדעם כדי נישט צו קענען זי נוצן און אַלטער אַנטלויפט אַהיים. ער הייבט אָן אַרבעטן אין אַ ציגאַרעטן־פאַבריקל. ער איז דאָס איינציקע יינגל צווישן אַ סך מיידלעך און די מיידלעך שאַפן זיך מיט אים, לאַכן אים אויס און רייצן זיך מיט אים.

זייענדיק אַ שטאָלצער און סענסיטיווער פאַרלאָזט ער די פאַבריק און לויפט 25 וויאָרסט צוריק אַהיים. ער ווערט אַוועקגעגעבן ווי אַ לערן־יינגל צו אַ סטאָליער און דאָס מאָל זאָגט צו אים די מאַמע: „קום נישט צוריק.״ עסעלין אַרבעט שווער. ער שטייט אויף פאַרטאָג, רייניקט דעם פּלאַץ און טוט פאַרשידענע באַדינונגען. ער בלייבט דאָרט עטלעכע יאָר, אָבער צו סטאָליעריי לאָזט מען אים נישט צו.

צו יענער צייט איז ער אויך געווען טעטיק אין אַ סאָציאַל־רעוואָלוציאָנעריש קרייזל. געווען אַ שטיקל צייט אַרעסטירט און נאָכן באַפרייט ווערן, אַרום 1908, פאַרלאָזט ער רוסלאַנד און פאָרט קיין אַמעריקע. די מאַמע גיט אים מיט אַ קעז אין וועג אַריין. ער פירט מיט זיך דעם קעז ביז קיין אַנטווערפּען. ער עסט אים נישט, ווייל ס'איז אים טייער דער מאַמעס מתנה.

ער פאָרט צום פעטער קיין ניו־יאָרק, אָבער דער פעטער שטאַרבט איידער עסעלין קומט אָן און די אַלמנה, די מומע, שיקט אים צו אַנדערע קרובים. זיי ווילן אים שיקן זיך לערנען אָבער ער זאָגט זיך אָפּ. ער וויל זיין פריי און אומאָפּהענגיק. אַ קוזין פירט אים אין דער קאַרפּענטערס יוניאָן צו קריגן אַרבעט. דעם סעקרעטאַר געפעלט נישט דער לאַנגער נאָמען סערעברעניק און אַלטער בייט זיין נאָמען אויף סאָלאָמאָן (שלמה המלך) אַרטור (אַרטור רובינשטיין). ער וווינט אָפּ אַ שטיקל צייט אין ניו־יאָרק און פאָרט דערנאָך קיין העריסבורג, פּענסילווייניע.

ער וואַנדערט פון שטאָט צו שטאָט, אַרבעטנדיק ווי אַ סטאָליער־העלפער און אין 1912 קומט ער צוריק קיין ניו־יאָרק. דאָ האָט ער חתונה מיט זיין ערשטער פרוי, אָבער די פאַרבינדונג איז נישט קיין גליקלעכע און האַלט לאַנג נישט אָן. די פרוי פאַרלאָזט אים און אַנטלויפט מיט אַ צירק־אַקראָבאַט.

עסעלין הייבט אָן ווידער צו וואַנדערן. זיין אומרויִקייט לאָזט אים זיך נישט באַזעצן אויף איין אָרט. ער מיט נאָך אַ פריינד וואַנדערן איבער אַמעריקע אויף פראַכט־צוגן. אין מאָנטרעאַל שיסט אויף זיי אַ וועכטער און ער גיט אויף די פראַכט־צוגן. ער פאָרט נאָך אָבער אַלץ אַרום פון שטאָט צו שטאָט אין פּענסילווייניע און ווירדזשיניע, ווו ער אַרבעט בלויז פון צייט צו צייט כדי צו פאַרדינען

אַביסל געלט צו קענען זיין פריי און פאַר-ברענגען טעג און וואָכן אין ביבליאָטעקן.

ער באַקענט זיך מיט משה לייב האַל-פּערנס פּאָעזיע, וואָס האָט אויף אים אַ שטאַרקן איינפלוס, וואָס בלייבט מיט אים זיין גאַנץ לעבן. ער זעט, אַז נאָך עמי-צער פילט און איז אַזוי אומרויק ווי ער: פּרוווט שרייבן ווי האַלפּערן און קאָפּירט זיינע לידער.

אין קענטאָן, אָהייאָ, באַקענט ער זיך מיט יידישע אינטעלעקטואַלן געקומענע פון פּוילן, צווישן זיי אַ מיידל מיט וועמען ער פירט אַ ראָמאַנס און זי באַאיינפלוסט אים צו שרייבן. זיין ערשטע ליד „אַ פּאָדעם פון גלויבן" ווערט פון איר איבער-געזעצט אויף פּויליש און דערשיינט אין 1918 אין אַ פּוילישער צייטונג אין לואי-וויל, קענטאָקי.

אין יידיש הייבן אָן זיינע לידער דער-שיינען אין דער דעטראָיטער יידישע צייטונג „דער וועג" און אין ניו-יאָרקער „קונדס". ער בייט זיין נאָמען אויף אַלטער עסעלמאַן און דער דרוקער מאַכט אַ טעות און זעצט אויס עסעלין. אַלטערן געפעלט דער נאָמען. עס דערמאָנט אים אין דעם רוסישן פּאָעט (יעסענין) און ער בלייבט ביי דעם נאָמען אַלטער עסעלין.

ער באַזעצט זיך אין שיקאַגאָ און ווערט אַ טייל פון דער שיקאַגער יידיש-ליטע-ראַרישער גרופּע. בערנאַרד לואיס, וואָס שרייבט אויך פּאָעזיע, ווערט עסעלינס נאָענטסטער פריינד. אין שיקאַגאָ באַ-קענט ער זיך און האָט חתונה מיט זיין צווייטער פרוי בעקי. זיי פאָרן קיין לאָס אַנדזשעלעס, וווּ זיי וווינען עטלעכע יאָר. אין 1923 באַקומט עסעלין דעם ערשטן פּריז אין אַ לידער קאָנקורס פון דער „פרייהייט" פאַר זיין ליד „פּראָלעטאַ-ריזם". ער באַקומט הונדערט דאָלער. ער נעמט דעם טשעק, ראַמט אים איין און הענגט אים אויף אויף דער וואַנט. אין אַ קורצער צייט אַרום קומט משה לייב אַלפּערן קיין לאָס אַנדזשעלעס. ער באַ-זוכט עסעלינען און דערזעט דעם טשעק אויף דער וואַנט. האַלפּערן בייזערט זיך אויף אים, נעמט אים און דעם טשעק און זיי גייען קויפן קליידער פאַר עסעלינען.

# דער לעצטער וואַנדער-פּונקט

נאָך יאָרן וואַנדערן ווערט מילוואָקי (וווּ עס וווינען זיין פרויס קרובים) אַל-טער עסעלינס לעצטער וואַנדער-פּונקט. נישט ווייל מילוואָקי איז, ווי מען זאָגט אין ענגליש, „אַ בעט פון רויזן". זיין קאַמף פאַר עקזיסטענץ האַלט אָן און ווערט נאָך פאַרשאַרפט. ער מאַכט שלום מיט זיין גורל און אַרבעט אַלס סטאָליער ווען ס'איז דאָ אַרבעט. אָבער עסעלין איז מער פאַראינטערעסירט אין שרייבן פּאָעזיע ווי אין דער אַרבעט. מ'טרעפט אים אָפט שטיין אָן זייט שרייבן אַ ליד, אָדער פאַרצייכענען אויף אַ רעמל פון אַ פענצטער אַ טעמע פאַר אַ ליד. זיין גע-ראַנגל צו ווערן אַ פּאָעט געדויערט אַ שיין ביסל יאָרן.

ווי שוין דערמאָנט, דערשיינט זיין ערשט ליד אין 1927. ניין יאָר שפּעטער, ווען ס'איז שוין דערשינען זיין ערשט בוך לידער „קנויטן" און ווען זיינע לידער ווערן געדרוקט פון צייט צו צייט, זוכט ער נאָך אַלץ אנערקענונג. זיין שאַפונג-פּראָצעס איז אַ שווערער. ער זיצט אָפט אָפּ אַ גאַנצע נאַכט אויף צו שלייפן און איבערשרייבן אַ ליד צענדליקער מאָל צוליב אַ וואָרט. (אייניקע פלעגן אים באַשולדיקן אַז ער נוצט צופיל פרעמדע ווערטער). אָבער נישט תמיד איז ער געווען צופרידן אפילו נאָך די אַלע זוכע-נישן. ער פלעגט טייל מאָל שטאַרק צו-שטיין צום רעדאַקטאָר, צי מען זאָל בייטן אַ וואָרט אין זיינס אַ ליד אפילו ווען ס'איז שוין געווען אויסגעזעצט, ווייל דאָס נייע וואָרט דריקט מער אויס זיין אמתן געפיל.

עס קומט אָן די גרויסע דעפּרעסיע אין 1929 און אַלטער עסעלין ווערט פאַר-משפּט צו אַ לעבן פון גרויס דחקות. ער ליידט דערפון און איז אויך איינזאַם. ווייניק מענטשן אין מילוואָקי פאַרשטייען אים און נאָך ווייניקער שאַצן אָפּ אַ יידישן פּאָעט. אייניקע דריקן אויס אומצופרידנ-קייט מיט זיין נישט טעטיקייט אין יידישן אָרגאַניזאַציאָנעלן לעבן, נישט פאַרשטיי-ענדיק אַז עסעלין איז נישט קיין אָרגאַני-זאַציע־מענטש. ווי אַ רעזולטאַט פון דעם האָט ער ווייניק פריינד. דאָך איז געשאַפן

געוואָרן אַ קאָמיטעט וואָס גיט אַרויס זיין ערשטן בוך לידער, ווי אויך די שפּעטער־דיקע צוויי בענדער.. ער דרוקט זיך אויך אין די וויכטיקסטע יידישע זשורנאַלן פון אַמעריקע און פון גאַר דער יידישער וועלט. אַלטער עסעלין הייבט אָן ווערן אנערקענט פאַר אַ וויכטיקן פּאָעט אין דער יידישער ליטעראַטור.

שמואל ניגער שרייבט אין 1936:

„מער פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַרן וואָרט. אויך מער אינעווייניקסטע גאַנצקייט פילט זיך ביי אַלטער עסעלין אין זיין בוך „אונטער דער לאַסט". ער איז מער געצאַמט. זיינע איבערלעבונ־גען זענען טיפער. אויך מער איינהייט־לעכע. ,ווייט היימיש, ווי יאוש', בעט ער ביי זיינע לידער. און זיי פאָלגן אים. זיי זענען פול מיט יאוש (און דערפאַר אויך — ניט בענקשאַפט נאָך אַ גלויבן. נאָך אַ גאָט). זיי מאַטערן זיך ניט — און מאַטערן אים ניט — צו זיין, צוליב מאָדע פּראָלעטאַריש, כאָטש ער אַליין איז אַן עכטער פּראָלעטאַריער."

מלך ראַוויטש:

„אַלטער עסעלין איז איינער פון די אויטענטישסטע יידישע פּאָעטן, אַ מענטש־צו־מענטש פּאָעט. ,טרענירטער פּרימיטיוו'. אַלע פּאָעטישע קונצן און מיטלען דערשיינען אין זיין שאַפן מיט דער גרעסטער לייכטקייט. אַזוי שרייבן קען נאָר איינער וואָס איז אָדער אַ פול־קאָמער קינסטלער פון אַלע סעקרעטן פון פּאָעזיע, אָדער איינער וועמען גאָט האָט באַשאָנקען מיט פולע קעשענעס פון פּאָעטיש גאָלד און אים נישט גע־זאָגט וואָס ער האָט אים געגעבן. אַזוי אַז ער נעמט אַרויס אַ גוס פון קעשענע — איז עס ריין גאָלד. אַלטער עסעלין איז אַן אויסערגעוויינלעכער גוטער פּאָעט.

י. ראַפּאַפּאָרט:

„ביים לייענען עסעלינס לידער באַ־קענט איר זיך אינטים מיטן דיכטער, מיט אַלע זיינע אינערלעכע און אוי־סערלעכע קנייטשן. דאָס איז די גרעס־טע מתנה וואָס דיכטונג קאָן געבן — און גיט — דעם דיכטער ווי דעם ליי־ענער, דורך דעם דיכטערס פערזענלע־כע איבערלעבונגען ביים טויט פון אַ בוים מיט וועלכן ער האָט פעפירט אַ ליבע, וואָס ווערט אים דורך דעם נעענטער און ברידערלעכער, נאָר אויך דער דיכטער גופא ווערט אים אינטים פאַרשטענדלעך, און דורך דעם דיכטער — דער מענטש בכלל אין זיינע בעסע־רע מאָמענטן."

אין 1955 קריגט עסעלין די הערי קאָוונער פּרעמיע פאַרן בעסטן בוך יידי־שע פּאָעזיע, פּרעזענטירט פון דעם יידישן בוך־ראַט. ער פאָרט קיין ניו־יאָרק. דער יידישער פּען־קלוב אַראַנזשירט אַן אָוונט פאַר אים דעם 25טן מאַי. עסעלין איז זייער אויפגעלייגט. ענדלעך וועט ער קענען זיין אין דער סביבה פון יידישע פּאָעטן, צו וועלכע ער האָט אַזוי פיל יאָרן געבענקט. ער האָט געבענקט נאָך אַביסל אויפמערקזאַמקייט פון קאָלעגן שרייבערס. און אָט שרייבט אַלטער עסעלין וועגן דעם מיט ביטערקייט.

„וויסן דאַרף מען, אַז פּאָעטן זענען געדולדיק אין אויסטראָגן און אויס־רייפן אַ ליד, דאָך גאַרן זיי אַז מ'זאָל אַ קוק־טאָן אין זייער ווינקל און מיך דערזען. נאָר איך האָב געוווינט ווייט, און דעם זעערס ראיה האָט מיך נישט דערגרייכט. ס'איז געווען אַ שאַנדע און אַ חרפה פאַר מיינע עמפּפינדלעכע אויע־רן יעדעס מאָל ווען איך האָב זיי אָנ־געשפּיצט, צו כאַפּן אַ פּיפּס פון דעם דערמאָנער און באַרימט־מאַכער; און טאָמער האָט ער געלאָזט פאַלן אַ וואָרט וועגן מיר, איז עס צו מיר געקומען ווי אַ בער־געלסאָנישן „וואָגזאַל", וווּ אַלץ פאַרשפּעטיקט זיך און פאַרלירט די כראָנאָלאָגישע וויכטיקייט... און איצט, אַזוי פיל שבחים מיט סופּערלאַטיוון — אַז איך בין נישט געווינט צו דעם. צי איז נישט טשאַסאָם אַ צו גרויסע בולקע מיט פּוטער פאַר אַזאַ „באַנציע שוויג" ווי איך, וואָס כ'בין עס נישט ווילנדיק געוואָרן?"

די צו שפּעט געקומענע אָנערקענונגען ווירקן אויף אַלטער עסעלינען בלויז אַ קורצע צייט. ער ווערט צוריק דער זעל־בער עסעלין, טרויעריק, פאַרביטערט:

„ווער דאַרף יידישע פּאָעזיע? ווער לייענט זי?" זאָגט ער אָפּט. ער ליידט שטאַרק פון דעם, וואָס די צאָל יידישע לייענערס ווערט אַלע מאָל קלענער: „אַ פאָלק וואָס האָט הונדערטער יאָרן געזאָגט תהילים, וואָס איז נישט עפּעס אַנדערש ווי פּאָעזיע, זאָל איצט מרוצה זיין אויף אַזאַ אָנווער — דאָס יידישע ליד, וואָס אין אונדזער פאַל איז דאָס דער עקוויוואַלענט פון תהילים, וואָרן אַלע אַטריבוטן פון תהילים זענען דאָ אין אונדזער ליד. וואָס איז דען יהואש, ליעסין, סיגאַל, נישט תהילים? עס ווילט זיך נישט גלייבן, אַ פאָלק וואָס פאַרמאָגט אַזוינע ריזן פּאָעטן, וואָס קאָנען זיך פאַר־גלייכן מיט די גרעסטע פּאָעטן פון אַלע פעלקער, זאָלן נישט האָבן קיין לייענער."

עסעלין האָלט אָבער אָן זיין שאַפן. ס'איז זיין לעבן. ער זוכט ענטפערס פאַר די נישט פאַרענטפערטע פראַגן. פאַרוואָס מוז דער מענטש ליידן, און אויך חיות? [זע] „אַן אָקס אין שניי", אינסעקטן — און אפילו אַ שמעטערלינג, פלאַנצן — [זע] „עלעגיע נאָך אַ בוים". ער איז געווען אַ זעלבסט־קריטיקער. אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן האָט ער כמעט נישט געשריבן. ער האָט מורא געהאַט, אַז ער וועט שוין נישט אַרויסקומען דאָס וואָס ער דערוואַרט; זיין סטאַנדאַרט איז געווען אַ הויכער.

עסעלין איז געווען אַ נאָענטער פאָטער צו זיין זון. הגם זיין גאַנץ לעבן איז גע־ווען געווידמעט צו פּאָעזיע, האָט ער דאָך אָפּגעגעבן אַ סך צייט צו פאַרברענגען מיט זיין זון יוסף. ער פלעגט אויך אויפ־לעבן אין אַ געזעלשאַפט פון פרויען. ספּעציעל ווען אַ פרוי האָט אים געשענקט אויפמערקזאַמקייט.

אַלטער עסעלין האָט געהאַט אַ מאַסיווע פיגור. פון זיין נישט געווינטלעך פּנים האָט אַרויסגעקוקט איראָניע, סאַטירע, טרויער, צער, שטאָלץ און סענסיטיווקייט. ער איז געווען אַ זעלבסט־געבילדעטער. זיין אָפיציעל לערנען איז אָפּגעשטעלט געוואָרן ווען ער איז נאָך געווען זייער יונג, אָבער ער האָט קיינמאָל נישט אויפ־געהערט צו לערנען. ער איז געווען אַן איבער־געגעבענער זשעדנער לייענער. ער פלעגט ציטירן נישט נאָר אַלטע העברע־אישע און מאָדערנע יידישע שרייבערס, נאָר אויך פון דער קלאַסישער וועלט־ליטעראַטור. דורך זיין זיידנס איינפלוס איז זיין ערשטע לערע אַ רעליגיעזע. דער זיידע מאַכט אויף אים אַ שטאַרקן איינ־דרוק, [זע] „מיין זיידנס תפילין־זעקל". און כאָטש עסעלין איז נישט געווען קיין רעליגיעזער ייד, רעדט ער אָבער דירעקט צו גאָט אין אַ סך פון זיינע לידער מיט אַ רעליגיעזן צוגאַנג.

עסעלינס זיידע איז נישט געווען דער איינציקער אין דער פאַמיליע פון וועמען ער האָט געירשנט געוויסע שטריכן. ווי שוין דערמאָנט איז זיין מאַמע געוואָרן אַ טרעפּערקע און אַ מעשה־דערציילערין. זיין פעטער נחמן זלמן, אַ לערער, הייבט אָן שטאַרק צו טרינקען. ער פאַרלירט זיין שטעלע און נעמט שרייבן דערציי־לונגען. עסעלין איז געווען אַ געבוירע־נער פּאָעט. און זיי אַלע האָבן אים באַ־איינפלוסט. קאַטאַלאָס, דער רוימישער פּאָעט, זאָגט: „פּאָעטן ווערן געבוירן, נישט געשאַפן." זיין פּאָעזיע שפּיגלט אָפּ די טיפע סענסיטיווע געפילן פון זיין אייגן לעבן און פון דער וועלט אַרום אים; מע־לאַנכאָליע, ליד, אַרעמקייט, טויט און איינזאַמקייט.

## דער נאַר און די לבנה

עד וואָס גריבלסטו זיך, נאַר,
מיט זאַכן וואָס פאַרלאָפן.
עס איז ניט מאַי, עס איז יאַנוואַר.
האָסט אַ היים, גיי שלאָפן.

— איך האָב אַ היים, אַ דאַך און ווענט,
שווער איז דאָרט צו זיצן;
געמיינט אַז דו האָסט רחמים־הענט
פון איינזאַמקייט צו שיצן.

אָבער נישט אַלע מאָל שרייבט עסעלין פאַרחושכטע לידער. ער איז צופרידן צו זיין דאָס וואָס ער איז:

## אויב איך בין דער וואָרעם

אויב איך בין דער וואָרעם וואָס קנוילט זיך אין שטויב,
בין איך אויך אַ באַשאַף פון דיין שאַפנדער האַנט.
און שטויב איז מיין נאַרונג, מיין שפּייז צו דער זאַט,
דאַנק איך דיר גאָט דערפאַר.

ד״ר ישראל שטערן / מאָנטרעאַל

# הערות אויפֿן גליון און צווישן די שורות פֿון איטשע גאָלדבערגס בוך עסייען

(פֿראַגמענט *)

- - - דאָס בוך „עסייען״ פֿאַרמאָגט אַכט קאַפּיטלען פֿול מיט תוכיקן תוכן. עס דרייט זיך אַרום אַן אַקס מיט נאַציאָנאַל־סאָציאַלע פּאָליוסן. מען וואָלט געקענט זאָגן, אַז די באַהאַנדלונג איז צוויידימענסיאָנעל (נאַציאָנאַל־סאָציאַל; אָבער אַזוי ווי דער מחבר באַשטייט אויף דעם, אַז ביידע אַטריבוטן געפֿינען זיך, מוזן זיך געפֿינען אין דער יידישער ליטעראַטור, בכדי זי זאָל ווערט זיין דעם נאָמען, איז שוין די צווייאיקייט וואָס ווערט איינס אין דער אַקס, אָדער די איניקייט וואָס אַנטפּלעקט זיך צעצווייט אין די פּאָליוסן; אַ מער צוגעפּאַסטער מעטאַפֿאָר. מיטן אויסנאַם פֿון קאַפּיטל ח׳, איז דאָס בוך פֿול מיטן אויג מיט חסד און רחמים — אַ גוט בוך פֿול מיט גוטסקייט, ככתוב אין גאָלדבערגס פּאַראַפֿראַזע פֿון מענדעלעס „ארחם את יהודית״ — ארחם את המענטש״.

*) צוליב טעכנישע סיבות איז דער מאמר וואָס מיר דרוקן דאָ בלויז אַ פֿראַגמענט פֿון אַ לענגערער אינטערעסאַנטער אַרבעט וואָס אונדזער חשובער מיטאַרבעטער, ד״ר ישראל שטערן, האָט ספּעציעל געשריבן פֿאַרן „חשבון״. מיר האָבן דאָס אָבער דערהאַלטן צו שפּעט פֿאַרן איצטיקן נומער „חשבון״. דעריבער בלויז דער פֿראַגמענט, דער אויסצוג.
רעד.

---

נאָר אַז די ליכטיקע זון וועט אַ פֿלאַם
טאָן אויף מיר,
אַ שוץ ווי פֿאַר יונהן באַשער מיר
אַ בלאַט.

אויב איך בין ווי די שטראָמענדע טייכן
אין טאָל,
וואָס דו האָסט באַפֿוילן צום אייביקן
יאָג,
מיט גלימער און פֿרייד־לויף צום
ווייטסטן ים,
הייב איך אויף מיינע הענט צו דיר גאָט
און איך זאָג:
אַ דאַנק דיר דערפֿאַר;
אויך איך האָב אַ ציל, אויך איך האָב
אַ שטאַם.

אויב איך בין ווי דער שטיין אויף אַן
איינזאַמען וועג
און האָסט אַ זיכערן אָרט אויף דער ערד
מיר געגרייט.
ווי זאָל איך, מיין גאָט, דיר נישט
דאַנקען דערפֿאַר:—
כאָטש עפּעס צו זיין מיט אַ באָדן
פֿאַר זיך
און אַ רו־אָרט אַמאָל פֿאַר אַ בעטלער
אין נויט.

נאָר אויב איך בין נישט ווי דער
וואָרעם און נישט ווי דער טייך,
און בין נישט אפילו אַזוי ווי דער שטיין,
הייב איך אויף מיינע הענט צו דיר,
גאָט, און איך זאָג:
אַ דאַנק דיר פֿאַר אַלץ;
לאָמיך זיין וואָס עס איז, לאָמיך זיין
וואָס איך בין,
אַ ציכן לאָז איבער כאָטש נאָך מיין
פֿאַרגיין.

אַלטער עסעלין איז געווען אַן איינזאַמער מענטש, אָבער ער האָט דאָס נישט אַליין אויסגעקליבן. אפילו אין מאָמענטן פֿון גרויס דעפּרעסיע, ווען אַ נאָענטער פֿריינד זיינער פֿלעגט אים באַזוכן, פֿלעגט ער אויפֿלעבן און אָנהייבן אַ פֿילאָסאָפֿישע דיסקוסיע. עסעלין איז געווען דורך און דורך פּאָעט. זיינע לידער וועלן לעבן אַזוי לאַנג ווי די יידישע פּאָעזיע וועט געלייענט און שטודירט ווערן.

קאַפּיטל ד׳ איז געווידמעט דער נאַציאָנאַלער רעהאַביליטאַציע פון דער ייִדיש־סאָוועטישער ליטעראַטור. גאָלדבערג איז מודה: „אמת, עס איז געווען אַ פּעריאָד, ווען די ליטעראַטור האָט — אויף אַ צייט בלויז און ביי אַ טייל שרייבערס בלויז — פאַרלוירן איר ייִדיש פּנים, אָבער דאָס איז בפירוש געווען אַ פאַרבייגייענדיקער און ניט קיין דאָמינירנדיקער שטריך". (ז׳ 211) און, „[ער] וויל באַווייזן, אַז זי איז געווען און געבליבן ניט אַ ליטעראַטור אויף ייִדיש, נאָר אַ ייִדישע ליטעראַטור." (ז׳ 220).

איך פאַרשטיי בשום אופן נישט פאַר וואָס עס גייט גאָלדבערגן אין לעבן אָפּצופרעגן ניגערס אנוסים־טעאָריע. אויב עס גייט נישט אין פאַרטיידיקן דעם סאָוועטישן רעזשים — און איך האַלט אַז גאָלדבערג איז איצט גאָר ווייט פון דעם — דעמאָלט איז דאָך די אנוסים־טעאָריע דער איינציקער זכות וועלכן מען קען געפינען אויף די מעשי־תעתועים פון דער ליטעראַטור און אירע שעפערס. וואָרן, אין פאַל זיי האָבן דאָס געטאָן לתיאבון, במזיד, זענען זיי דאָך פאַרשאָלטן פון אַלע וועלטן.

מילא, גאָלדבערג צאַצקעט זיך אַזוי ניט „פּענעקן", און שטעלט עס אַרויס ווי אַ נאַציאָנאַל ווערק, נעם איך עס דווקא אָן פאַר אַ גאָר שוואַכן באַוויז־מאַטעריאַל. וואָרן, אויף דער באָרד האָט זיך בערגלסאָן געלערנט שערן סאָוועטיש, לויט דער ליניע. עס פאַרמאָגט סימפּאַטיע פאַר די וועמען ער מיינט, אַז די ליניע איז מתיר מיט זיי צו סימפּאַטיזירן. דערפאַר אָבער איז עס אַן עסעדיק ווערק פול מיט בערגלסאָנישן עסיק, און מיט אָנגעגליטע שפּיזן אין האַרץ פון אייגן בלוט און פלייש. בערגלסאָן האָט געוואָלט אויסקויפן זיין בורזשואַזנעם ייחוס־פלעק, זיך כשרן פאַר דער ליטעראַרישער נאַטשאַלסטווע און באַווייזן בפני כל עם ועדה, אַז ער האָט איבערגעריסן מיט דער „בורזשואַזפאַשיסטישער" ייִדישער ליטעראַטור אין אויסלאַנד. אָבער, פון בערגלסאָנען איז קיין ראיה נישט, וואָרן ווי גרויס קינסטלער ער איז געווען, אַזוי ווייניק האָט ער סימפּאַטיזירט מיט זיינע העלדן, אַחוץ אפשר מיטן „טויבן". סוף־כל־סוף קענען מיר נישט אַוועקמאַכן מיט דער האַנט דאָס עדות־זאָגן פון רחל קאָרן (און חיים גראַדע, גאָר לעצטנס) אין איר באַוווּסט ליד, ווו בערגלסאָן שפּייט אויף דעם „פּאַסקודניאַק" וואָס אויף זיין אייגענעם פּאָרטרעט.

גאָלדבערג שטעלט אַרויס ווי אַן אָנגענומענע הנחה (כמעט — כולי עלמא לא פליגי): „אַז די הויפּט־היסטאָרישע אויפטראָגן וואָס זיינען געשטאַנען פאַר דער מאָדערנער ייִדישער ליטעראַטור זיינען געווען — דער געראַנגל קעגן שטעטל, אייגאָנטלעך קעגן מיטלעלטערלעכקייט און צוריקגעשטאַנענקייט". (ז׳ 211). ער שטעלט די סאָוועטישע „ראַנגלער" אויפן זעלבן ברעטל מיט זייערע פאַר־סאָוועטישע פאָרגייער וועלכן האָבן אויך געזאָגט „העלפן דאָס פאָלק אַריבערשפּרייזן די שוועלן פון איין היסטאָרישער תקופה אין אַן אַנדערער."

וויפל מען זאָל נישט קריטיקירן די „שנויצן־פּרעסערייי" פון די משכילים, פון טייל ווערק פון די קלאַסיקער און זייערע נאָכקומער, מוז מען אָבער מאַכן אַ גרויסן להבדיל צווישן זיי און די „ראַנגלער" אין שאָטן פון „טשעקאָ"־טעראָר. די דאָזיקע סאָוועטישע „העלדן" קען מען נאָר פאַרגלייכן צו די „כאַפּערס", משכילישע מוסרים און שתדלנים פאַר צאַרישע שקאָלעס״, קאַפּאָס, יודנראַטלער פון אַ געוויסן מין, אַלערליי משומדים להכעיס, וואָס האָבן אויסגעטאַכט בילבולים אויפן אייגענעם פאָלק און געהאָלפן די שונאי־ישראל, און צו בוגדים פושעי־ישראל אין אַלע צייטן. זייער טויט האָט אויף זייערע זינד נישט מכפר געווען (מיטן אויסנאַם פון די וועלכע זענען געווען אמתע אנוסים).

איך לייקן אין דער עקזיסטענץ פון אַזאַ פרייוויליק־אויף־זיך־גענומענעם אויפטראָג. דאָס פאָלק האָט זיי זיכער צו דעם נישט געבעטן. איך לייקן אויך אין דער עקזיסטענץ פון אַ „הסכם־כולם" (קאָנסענסוס, בלע״ז) אויף אַזאַ אַקסיאָם. אויב דאָס וואָלט אמת געווען, וואָלט די גאַנצע מאָדערנע ייִדישע קולטור געווען פאַרדאַמט און פאַרשאָלטן אויף אייביק. אפילו

דן זיין לגניזה וואָלט נישט געהאָלפן. נישט אומזיסט ווייכט די נאַציאָנאַל־דער־וואַכטע ייִדיש־סאָוועטישע יוגנט פון ייִדיש, אירע שפּעטער, און אירע ביכער און אויסגאַבעס. די טעאָריע איז אַ ביל־ביל אויף — און פאַרשוועכונג פון — רוב מנין און בנין פון דער מאָדערנער ייִדי־שער ליטעראַטור. נוסף לזה, נאָך דעם מות־קדושים פונעם שטעטל, איז ברוטאַל דאָס אַרויסברענגען דאָס איזדיעקעווען זיך איבער אים ווי פאַרטיידיקונג־באַווייז מאַטעריאַל פאַר די פון די סאָוועטיש־ייִדישע שרייבערס וועלכע האָבן קעגן שטעטל געזינדיקט. זיי זענען דאָך באַ־גאַנגען אַ פיל ערגערע זינד ווי באַשעוויס באַגייט קעגן דעם אָנדענק פון שטעטל. און, לסוף, אויב דאָס באַדאַרף פאָרשטעלן מיט זיך די פאַרטיידיקונג, קען מען שוין קיין באַשולדיקונג נישט באַדאַרפן...

אגב, אויב מען רעדט וועגן „מיטל־עלטערלעכקייט און צוריקגעשטאַנענקייט" ווער האָט אין דעם געקענט איבערשטייגן דעם ווילדן אַכזר, דזשוגאַשווילי־סטאַלין, שחיק טמיא? און צי האָבן דען די ייִדישע שרייבערס נישט געוווּסט וווהין זיי „העלפן דעם פאָלק אַריבערשפּרייזן"? פּונקט ווי די פּאָליאַקן און דײַטשן האָבן נישט „געוווּסט וווהין די עוואַקואירטע ייִדן ווערן דעפּאָרטירט... איז דאָך שוין ד"ר חיים סלאָוועס מודה, אַז די גאַנצע סאָוועטישע טעטיקייט צווישן ייִדן איז געווען געצילט צו זייער אַנטנאַציאָנאַלי־זירונג, און אפשר נאָך ערגערס. די סאָ־וועטישע מאַכט (אפשר מיטן אויסנאַם פון יחידים, מיט קנאַפּער מאַכט און השפּעה) האָט געשפּילט אַ צינישע שפּיל מיטן ייִדישן פאָלק. זי האָט עס, לעניניסטיש קאָנסעקווענט, געצילט, עווענטועל, צו ליקווידירן. די יעווסעקעס איז סאָוועטן־פאַרבאַנד, פּונקט ווי אין אַלע תפוצות ישראל, האָבן אַזעלכע ליקווידאַטאָרישע טענדענצן געהאַט ... טעאָריעס פאַרשפּרייט, און אַזעלכע ליק־ווידאַטאָרישע טעטיקייטן געפירט. די שרייבערס וועלכע האָבן פאַרשפּרייט אי־לוזיעס, האָבן גענאַרט זיך און דאָס גאַנצע פאָלק.

מיר איז אַ גרויסער חידוש וואָס גאָלד־בערג, דער מליץ־יושר אויף אַלעמען, זאָל זיך אויפבויען אַזאַ טעאָריע. אַפּנים, אַז אחד־העם איז געווען גערעכט, ווען ער האָט באַוויזן אַז טאָלעראַנץ צו זינדיקע פּירט סוף־כל־סוף צום זיג פון רישעות. אָנווענדן דעם עומק־הדין איז טייל מאָל דער באַרעמדיקער ווי די לפנים־משורת־הדין פאַרגעבונג. הײַנט, ווען די ירושה פון שטעטל ווערט געפּאָרשט, געשאַצט און געשעצט, איז אַוודאי נישט די צייט צו באַרעכטיקן אַ געראַנגל קעגן שטעטל. בפרט ווען דער מחבר האָט דאָך אָקערשט באַטראַכט דעם תיקון־העולם ווי די הויפּט אויפגאַבע פון דער ייִדישער ליטעראַטור.

איבער גאַנץ מזרח־אייראָפּע איז דאָס שטעטל געזונקען, פון זיך אַליין, אין גרויסע יסורים. מען האָט זיך נישט גע־נייטיקט אין ייִדישע אינעווייניקסטע צע־שטערערס. די רשעותדיקע מלכותן, די זאָאָלאָגיש־אַנטיסעמיטישע שכנים, האָבן געריסן די הויט פונעם שפּעלע צווישן די זיבעציק וועלף. איז עס נישט קיין גרויסער כבוד (און קיין זכות אַוודאי נישט) פאַר איזי כאַריקן (וועלכער איז זײַנס אָפּגעקומען), איבער־צו־חזרן זײַנע „לועג לרש" זידלערייען. איז עס געווען מאַזאָכיזם, אָדער אַ מומר־להכעיסדיקייט? איך האָב כאַריקן ליב געהאַט, אָבער איך קען אים נישט פאַרגעבן זיין: „אוי האָב איך אַ טאַטן, האָט ער אַ פּאָר פערד, און אַ יעדן שבת, אַקערט ער די ערד."

אַמעריקע איז פול מיט חילול שבת. דאָך, לייגט זיך נישט אויפן שכל, אַז אַ ייִדישער פּאָעט זאָל נישט מיטוויטיקן אויפן אונטערגאַנג פון אָט דער דורות־דיקער הייליקייט, וואָס אפילו דער משומד היינע האָט באַזונגען. אויב כאַריק האָט זיך פרייוויליק אַזוי צעזונגען, איז ער נישט מער ווי אַ מחרף ומגדף, אַ סורר ומורה. פאַרגלייכט עס מיט חיים הזז'ס באַשרייבונג פון דעם אָפּגיין אין בלוט פון סאָוועטישן שטעטל. און איצט האָבן מיר דאָך דאָס עדות זאָגן פון די פאַר־שפּעטיקטע בעלי־תשובה. דאָס דערמאָנט אין דעם מערדער פון זײַנע עלטערן, וועלכער האָט געבעטן אַ מילדערע שטראָף באשר בכן — ער איז דאָך אַ יתום געבעך...

יאָ, ס'האָבן זיך דורכגעגנבעט ווערק ווי די „משפחה מאַשבער"; האָט ער אויך געמוזט האָבן לאַטעס; די לאַטעס זענען

בכיוון געווען שלעכט פאַרסטריגעוועטע, אַזוי אַז אַ ייד האָט געקאָנט הנאה האָבן צו־להכעיס פאָניעז, און די יידישע פאָניעס. די לאַטעס האָבן געמוזט זיין, בכדי דער צענזאָר, די פאַרטיי, די מוסרים, זאָלן עס לאָזן דערשיינען. און דאָס איז דאָך געווען אין צייט פון „פאָלקס־פראָנט" ווען מען האָט פאַראַדירט ווי די בעסטע זין פון יידישן פאָלק... דעם נסתרס „משפּחה מאַשבער" איז פון די גרעסטע מייסטערווערק פון דער יידישער ליטעראַטור. (אין יענער צייט האָט מען זיך דאָ פאַרכליניעט מיטן „תהילים־ייד" און אַטאַקירט אַשן פאַר זיינע קריסטאָלאָגישע ווערק; אָבער פון „תהילים־ייד" פילט זיך אויך אַ קריסטאָלאָגישער טראַנץ, נישט מער די טריפענע נעמען ווען נישט דערמאָנט). דעם נסתרס ווערק איז קדוש, נישט געקוקט אויף די לאַטעס. הייסט עס נישט, אַז ער איז געווען אַן אנוס? און וויפל יאָר פריער האָט געמוזט שווייגן, ער, וואָס איז שוין געווען גוט באַוווסט פאַר דער רעוואָלוציע?

פאַרוואָס איז קיין סאָוועטישע דעלעגאַציע נישט געקומען קיין פּאַריז, צו דער גרינדונג קאָנפערענץ פון איקוף? דאָס זענען דאָך געווען די פאָלקס־פראָנט יאָרן? די ווערק אין צייט פון פאָטערלענדישן קריג (נאָך דעם „נאַציזם איז אַ געשמאַקזאַך" פעריאָד) זענען דער יוצא־מן־הכלל וואָס באַשטעטיקן דעם כלל: „ווען מען דאַרף דעם גנב, שניידט מען אים פון דער תליה". טאַקע פאַר די אויסגוסן פון זייערע נאַציאָנאַלע געפילן, האָט ס׳רוב פון די באַקאַנטסטע סאָוועטיש־יידישע שרייבערס באַצאָלט מיטן לעבן.

איז דאָך גאָלדבערג אַליין מודה, אַז מ. ווינער האָט זיך געמוזט „אויסטשוכען" „פון דעם דרוק פון די שטויסנדיקע קריטיקער", בכדי צו קענען — מעגן — אָנשרייבן אַן אויפריכטיקע אַרבעט; (ז׳ 216) וואָס־זשע הייסט עס: איז ער געווען אַן אָנוס, אָדער נישט? און, שעכטמאַן (שוין נאָך דעם ימח־שמוניקס פּגירה), האָט נישט געמוזט איבערשרייבן „ערב"? דאָס האַלטן זיי פאַר אנוסים, איז די בעסטע פאַרטיידיקונג פאַר די יידיש־סאָוועטישע שרייבערס. וועגן וואָס שפּאַרט מען זיך דאָ? עס קען דאָך נישט זיין, אַז אפילו

איצט זאָל גאָלדבערג פאַרטיידיקן די טעזע, אַז אין סאָוועטן־פאַרבאַנד הערשט פרייהייט פון וואָרט? דער וואָס האָט דאָס וואָרט אין סאָוועטן־פאַרבאַנד (חוץ די דיסידענטן), רעדט ווי אַן אַנדראָיד. עס איז פיינלעך זיך צוצוהערן צו זייער מעלה־גריהן. קענען זיי דאָך דער יידישער ליטעראַטור נישט געבן מער פרייהייט ווי זיי נעמען זיך גופא.

איז דעריבער קיין ספק נישט, אַז אַ גרויסער טייל יידיש־סאָוועטישע שרייבערס איז באַשטאַנען פון אנוסים, ליידישע, גערודפטע, צעפייניקטע מענטשן. אַן אַנדערער טייל האָט נישט געקענט ביישטיין דעם נסיון און האָט גערודפט און געמסרט; און, אַ דריטער טייל האָט עס געטאָן, אָדער ווייל זיי זענען געווען איינגעגלייבט אין דעם רשעות, אָדער זיי זיינען געווען פשוטע סאַדיסטן און ציניקער. אַ גרויסער טייל פון דער ליטעראַטור איז זיכער נאַציאָנאַל; דאָס רעשט, וואָס באַשטייט פון רשעות, שנאת ישראל און נאַציאָנאַלן פאַרראַט, וועט בלייבן אויפן מיסט־הויפן. סיידן אַ געשיכטלער וועט זיך וועלן רויען אין דעם. די פראַגע איז צי ס׳זיינען געבליבן קאָפּיעס פון אַלע נאַציאָנאַל־ווערטיקע ווערק. אָט דאָ, אין אַמעריקע, זיינען שוין פיל ביכער פון אַלע תפוצות ישראל מער נישטאָ צום קריגן.

פאַר אונדז, אין די לענדער אויסער „אייזערנעם פוירהאַנט", איז וויכטיק צו מאַכן אַ חשבון פאַר זיך גופא. עס איז גאַנץ שיין צו פילפולען זיך צי די סאָוועטישע שרייבערס זיינען געווען אנוסים אָדער נישט, צי זייער ליטעראַטור איז געווען נאַציאָנאַל־יידיש, צי דער פלעק פון אַסאָציאַציע מיט אַ מערדערלעך־אונטערדריקערישן רעזשים וועט אָפּגעוואַשן ווערן פון יידיש, אָבער וואָס איז מכוח אונדז? ווער האָט געצוווּנגען די מיטאַרבעטער פון דער אַזוי־גערופענער לינקער פרעסע, אויסער די גרענעצן פון ראַטן־פאַרבאַנד (און נאָכן צווייטן וועלטקריג — אויך זיינע סאַטעליטן), מיטצובילן און מיטרודפן לויטן זעלבן קאַמערטאָן? דאָס זעלבע צו הערן פון די חברים אין דער פאַרטיי אין דער פאַרטיי, און די

מאַסן־אָרגאַניזאַציעס? ווער האָט גע־
צווונגען די ייִנגלעך פון רויטן פּראָפעסיאָ־
נעלן פאַראיין אין ק״ק טישעוויץ אַריינ־
צולייגן חזיר אין אָרון־קודש פון בית־
מדרש, צעשניידן די גמרות, און באַפּאַרבן
מיט רויטע לאָזונגען די קאַלטע שול —
נישט די צוויי־דריי קלויסטערס? ווער
האָט געצווונגען די שילער פון די ציש״אָ
שולן (און טייל לערער) צו פירן נאַרישע
פּראָוואָקאַטאָרישע אַרבעט אין די שולן,
בכדי די פּוילישע מאַכט זאָל האָבן אַ גוטן
אויסרייד די דאָזיקע שולן צו שליסן?

דער רררעוואָלוציאָנערער תירוץ איז
געווען אַז די שולן פאַרשפּרייטן אילוזיעס
וועגן דער מעגלעכקייט פון לייזן די נאַ־
ציאָנאַלע פראַגע פאַר דער רעוואָלוציע,
און שטערן דעריבער דעם רעוואָלוציאָ־
נערן קאַמף. די נאַציאָנאַלע פראַגע איז
פלשטענדיק געלייזט אין לאַנד פון די
ראַטן (ווערגעליס פלאָפּלט עס נאָך היינט
צו טאָג...). האָבן מיר דאָ געהאַט צו טאָן
מיט אנוסים, אָדער פאַרבלענדעטע פאַר־
רעטער?

וועט עס עמעצער אויפקלערן לאָגיש,
אָדער קינסטלעריש, אָן פייגנבלעטער?
וועט עמעצער (נאָוויק, למשל) זיך קלאַפּן
על־חטא אויף דער אייגענער ברוסט,
שטאָט צו זוכן די חטאים אין בירא־
בידזשאַן? קען מען דאָס ווערן מיט אַמאָל
אַזוי באַלעבאַטיש, סטאַטעטשנע, אָן אַ
שטיקל ווידוי? נאַר, אפשר חלום בהקיץ.
וואָס וועט דען אַרויסקומען דערפון? דער
מאַן מיט דער קאָסע האַלט שוין ביים
פאַרענדיקן אַלע חשבונות... אָבער דאָס
בלוט פון זכריה הנביא וויל זיך נישט,
און וועט זיך נישט איינשטילן, ביז גע־
רעכטיקייט וועט געטאָן ווערן. . .

(אגב, ווען ס׳קומט דער 12טער אוי־
גוסט און איר זענט מזכיר דעם אַפּאַלאָ
מאַרקיש, פאַרגעסט נישט, אַז ער איז
עטלעכע מאָל אַריבער די סאָוועטיש־
פּוילישע גרענעץ און ער האָט גוט גע־
וווּסט וואָס עס טוט זיך אין גן־עדן, פאַר־
וואָס־זשע האָט ער נישט דערציילט דעם
אמת? דאָס זעלבע צו הערן פון סמאָליאַרן,
וועלכער האָט זיינע שקרים געשפּרייט
שוין נאָך אַלע טייכן בלוט פון די 20ער,
30ער, 40ער און 50ער, און האָט זיך
אויפגעשטעלט אַ דעספּאָטיע אין פּוילן
בכדי אָפּצוהאַלטן ייִדן פון לויפן קיין
ישׂראל, און ווו נאָר מען קען. אָט איז ער
דאָך ערשט געווען אין קאַנאַדע און האָט
געפּלייצט מיט ליגנס; ווי נעמען זיך צו
אים די פאַרשטאָכענע אויגן, ווי קען ער
לעבן מיט זיין געוויסן, ווען פיל בחורים
און מיידלעך האָט געגלייבט איבעם קאָ־
מינטערן־ קוריער און האָבן באַצאָלט מיט
זייערע לעבנס אויף ביידע זייטן גרענעץ?
און ווער האָט פאַרנאַרט שטיפן, עריקן,
קולבאַקן, און שיר־נישט אָפּאַטאָשון?
ביי דער הזכרה, בעט אויך אויף די זיב־
דיקע נשמות...)

גאָלדבערג שרייבט: „אין דער גאַנצער
סאָוועטיש־ייִדישער קולטור איז זי, די
ליטעראַטור, געווען דער וויטאַלער עלע־
מענט, אין נאַציאָנאַל אידעיִשן זין. די
סאָוועטיש־ייִדישע דערציונג, וואָס איז
געווען אין גאַנצן אויסגעהוילט פון נאַ־
ציאָנאַלע עלעמענטן — האָט נישט גע־
לערנט קיין געשיכטע, האָט איגנאָרירט
די ימים־טובים, אפילו די פרייהייטלעכע
— האָט זיך פיל־ווייניק געראַטעוועט
דורך דעם, וואָס דער ליטעראַטור לימוד
האָט די קינדער געגעבן אַ געפיל פון
שייכות און קרובהשאַפט מיטן פאָלק. די
שפּראַך אַליין, ייִדיש, איז עס ניט געווען
בכוח צו טאָן.“ (ז׳ 215)

פרעגט זיך די פראַגע: און וואָס איז
מכוח דעם „אָרדן“־דערציונג אין די 30־
ער? דערמאָנט זיך נאָר די טעקסט־ביכער
ווו דער „לענדלאָרד“ זיצט זיך יום־כיפור
אין שול, ווען זיינע „טענענטס“ ווערן
„עוויקטעט“ און ליגן מיט זייערע אָרעמע
בעבעכעס אויפן טראָטואַר. דערמאָנט זיך
נאָך אַ קוריאָזנעם פּעריאָד, ווען קיין שום
טעקסט־בוך און נישט געווען כשר לויט
דער פּאַרטיי־ליניע, און דער לערער
(דאַכט זיך, פעלדמאַן האָט ער געהייסן)
האָט, אין דער ווינ־פּעגער „פרייהייט־
טעמפּל שולע, געלערנט פון דער ייִדישער
וועכנטלעכער פּאַרטיי־צייטונג, וואָרן נאָר
זי איז געווען אויפן כהרף־עין כשר לויט
דער פּאַרטיי־ליניע, וואָס האָט זיך געביטן
און געוואָרפן ווי אין קדחת. מיין פּרינ־
ציפּאַל, נעבעך, פלעגט אָפט מוזן זאָגן ביי

זיצונגען פון פּעדאַגאָגישן ראַט: „חברים, היינט זאָגן מיר שוין נישט אַזוי.“...

אַזוי שפּעט ווי אין 1938, האָט אַ חבר פון וויניפּעגער פּעדאַגאָגישן ראַט געוויינט פאַר מיר בדמעות שליש. אויף פּריטשאַרד־ראָג־סאָלטער, פאַרוואָס די שלום־עליכם שולע (די לינקע שולע) איז נישט אָפן יום־כיפּור צו כל־נדרי ווי אין די פריערדיקע רעוואָלוציאָנערע יאָרן. אין פאָלקס־פּראָנט פּעריאָד האָט דער פּעדאַגאָגישער ראַט נישט געוואַגט צו האַלטן די שולע אָפן אין די ימים־נוראים. האָט מען געפּאַסט אַ כעלעמער באַשלוס: דהיינו, די שול וועט נישט זיין נישט אָפן און נישט פאַרמאַכט, אָבער איין לערער, על כל פנים, וועט זיך דרייען אין פּראָנט פון דער שולע; וועט אַ ראַדיקאַל דווקא שיקן זיין קינד אום יום־כיפּור צו כל־נדרי אין שולע אַריין, וועט דער לערער, בלית ברירה, זיך מוזן פאַרנעמען מיטן תלמיד (אפשר איינגעבן אים אַ פּאָרציע אַטעיזם, צום פאַרפּאַסטן...) טאָמער באַווייזט זיך נישט קיין תלמיד, וועט דער לערער, דער קרבן, מוזן אויסשטיין די שנאה־חוזק־און־ווייטיק בליקן מצד די יום־טוב געקליידטע יידן, וועלכע איילן זיך צו כל־נדרי.

דער צעבראָכענער פּעדראַטניק האָט גוט אַכטונג געגעבן, אַז דער לערער זאָל אים נישט נעלם ווערן. ר'האָט זיך ערשט געקילט דאָס האַרץ, און מיט האַרץ־ווייטיק פאַרלאָזט די פאַרשפּילטע באַריקאַדע, ווען עס איז שוין געוואָרן שטאָק־פינצטער; ער האָט זיך ענטגילטיק איבערצייגט, אַז יידן שיקן מער נישט קיין קינדער אין שולע אַריין אום יום־כיפּור...

ווער האָט דעם ייד (דעם פּעדראַט, און די פּעדראַטן פון די פריערדיקע אַטעיסטישע יאָרן) געצוווּנגען צו אַזאַ אויפפירונג, צו אַזאַ פּורש־זיין זיך פון ציבור, ווי צו טאָן פּשוטע פאָלקס־מענטשן, פּוגע זיין אין די הייליקטטע געפילן און טראַדיציעס — אָן שום געווינס פאַר דער רעוואָלוציע? — נאָר עקסטרעמער ניהיליזם. האָבן זיי אפשר געווינט אין אַ גייסטיקן סאָוועטן־פאַרבאַנד? אָן ספק, דרייען זיך נאָך אַרום אויף אונדזערע גאַסן און אַרום אונדזערע אינסטיטוציעס, בכל תפוצות ישראל וארץ ישראל (דאָרטן, אפשר מער ווי אומעטום) אַזעלכע גייסטיקע סאָוועטשיקעס, מאַאָיסטן, טראָצקיסטן, אַלבאַניסטן, און אַלערליי גילגולים פון אַ פאַרוויטער עפּאָכע. וואוהין־זשע איז אונדז אַהינגעקומען דער נאַציאָנאַל־סאָציאַל?

וועגן דער מלחמה־ליטעראַטור שרייבט גאָלדבערג:

אַלע אַנדערע יידישע ליטעראַטורן, ווי אידענטיפיצירט מיטן חורבן זיי זאָלן ניט האָבן געווען, זיינען פאָרט געווען פון ווייטן, די פּויליש־יידישע ליטעראַטור איז געלעגן אַ חרובע, די סאָוועטישע אָבער איז געשטאַנען אין סאַמע האַרץ פון פלאַם און געראַנגל. זי איז געשטעלט געוואָרן צו דער פּראָבע ווי אַ נאַציאָנאַלער כוח אויף וועלכן דאָס פאָלק זאָל זיך קאָנען אָנשפּאַרן. זי האָט די פּראָבע אויסגעהאַלטן — מיט כבוד, מיט סענסיטיווער שפּערישקייט, און מיט דער אַנטשלאָסנקייט צו פאַרהיטן דאָס פאָלק. (ז' 233).

גאַנץ רירנדיק, כאָטש דאָס עדות־זאָגן פון פּוילישע פּליטים קיין רוסלאַנד ווייזט אָן, אַז די יידישע שרייבערס האָבן שוין דעמאָלט גערעדט צום דאַשעק: נאָך 22 יאָר אָקטאָבער האָבן זיך שוין די מערסטע רוסישע יידן געהאַט אָפּגעפרעמדט אי פון יידיש, אי פון יידן פון אויסלאַנד. די איינגעזעסענע סאָוועטישע יידן האָבן ניט געקענט, און אפשר מורא געהאַט, זיך צונויפצורעדן מיט די פּויליש־יידישע פּליטים... די ערשטע באַגעגענישן מיט סאָוועטישע יידישע שרייבערס האָבן אויך געבראַכט אַ מאַסע מיסאינפאָרמאַציע, פּראָפּאַגאַנדע און... מסירה... ווען חיים מאַלטינסקי איז דאָ געווען אין מאָנטרעאַל (איך האָב אים באַגריסט אין נאָמען פון די היגע שרייבערס) האָב איך אים קוים אויסגעראַטעוועט פון די הענט פון אַן אַמאָליקן פּליט אין ביאַליסטאָק, וווּ מאַלטינסקי האָט אים געקאָרמעט מיט דער אָפיציעלער מיסאינפאָרמאַציע־פּראָפּאַגאַנדע, און דער ייד האָט איצט נאָך אַלץ נישט געקענט מוחל זיין דעם פריערדיקן אָנוס־קאָלאַבאָראַטאָר... אַזוי, אַז די שרייבערס האָבן אַזוי געקענט פאַרהיטן דאָס

פּאָלק ווי „שיר־המעלות״ ־ קוויטלעך — אַ קאַץ אַ געווינעריןָ. . .

יאָ, קען זיין אַז די סאָוועטיש־יידישע שרייבערס האָבן זיך דערפילט ווי יורשים פון דער חרובער יידישער פוילן. אויפן פּאַפּיר — אַוודאי אַזוי. מיר ווייסן אָבער, אַז אפילו היינט, ווען ביידע קאָרטעטעס זיינען כמעט ליידיק, הערשט נאָך אַלץ נישט קיין שלום־בית צווישן דער פּאָלקס־שטימע״ און „סאָוועטיש היימלאַנד״. איך וויל דערמיט אַרויסברענגען, אַז מיר, פּוילישע יידן אין די צעשפּרייטקייטן, האָבן געפילט יעדן בראָך פון יידישן פּוילן, מער ווי יעדער אַנדער ייד, ווי נאָענט ער זאָל זיך נישט געווען געפינען צו פּוילן, געאָגראַפיש. דאָס מיינט, אַז שלום שטערן, למשל, האָט געקענט זען דאָס חרובע יידישע פּוילן (אין זיין פאַנטאַזיע, און זיין צעפייניקט האַרץ) בעסער ווי וועלכער עס איז סאָוועטיש־יידישער שרייבער.

מאַכט זיך, אַז דער דאָזיקער שלום שטערן פאַרעפנטלעכט דאָס ערשטע (בפירוש דאָס ערשטע אויסער פּוילן) חורבן ־ און־מלחמה ־ בוך, „אינדערפרי״, אין 1945; אַ בוך מיט די וווּנדערלעכסטע, פיינלעכסטע, הייליקסטע לידער. אין סאָוועטן־פאַרבאַנד ז״נען אַזעלכע ווע״ק כשר אויף אַ מאָמענט. אָבער דאָ האָט זיך משה כ״ץ, דער משגיח איבער כשרות, אַרויפגעוואָרפן אויף דעם בוך און האָט עס אַרונטערגעריסן מיט אמת־יעווסעקישער תאווה. ביי אים איז עס געווען טריף. (אגב, די שרייבערס, פון אַזוי־גערופענעם רעכטן לאַגער, האָבן נאָך נישט געהאַט געמאַכט אַלע בייטיקע הכנות — נישט געטובלט זיך אין מקווה, נישט פּותר חלום געווען, נישט געזאָגט די געהעריקע יהי־רצונס — בקיצור, זיי האָבן זיך געריבן די הענט מיט שאָדנ־פרייד, יאָ, שאָדנפרייד אין אַזאַ שוידערלעכן פּעריאָד, און האָבן אונטערגעוואָרטשעט: נאָך צו פרי צו שרייבן וועגן דריטן חורבן, צו דעם דאַרף מען האָבן דיסטאַנס — בפירוש, דיסטאַנס — נישט דיסטאַנץ; גרויסע שרייבערס רעדן אַזוי; וואָסי, איר ווייסט נישט דערפון?

אָבער... דערנאָך, השם ישמרני, האָט זיך אָנגעהויבן אַ סדרה חורבן ־ לידער און חורבן־ביכער, אַז זיי קענען אַרומנעמען דעם עקוואַטאָר עטלעכע צענדליק מאָל. אָבער שלום שטערנען, דעם פּיאָנער, איז דאָ געווען פאַרבאָטן... (ווער איז ער דאָס געווען, לייוויק, צי וואָס?) לאָמיר זיך אומקערן צו דעם נעמלעכן משה כ״ץ; ער איז געווען אַ ייד, קאַטאָרע וועלכער „רואה את הנולד״ — ער האָט געוווּסט, אַז אויף מאָסקווע קען מען זיך פאַרלאָזן צו בייטן די ליניע, וואָרן דער „יושב בקרעמלין״ לאַכט פון אונדזערע יידעלעך: ס׳עט נאָך אַזוי, זשידקעלעך, נישט זיין... און איר ווייסט דאָך, אַז כך הווה... נאָר כ״ץ האָט עס געזען ווי אַן אמתער חכם, און האָט דאָס בוך געפּסלט.

שלום שטערן איז זיינס אָפּגעקומען, פאַר מיטטאַנצן כאַריקיש און זינגען: „כ׳וואָלט אַזוי געוואָלט, אַז מיין ייחוס־שטאַם זאָל זיך איבערברעכן, ווי פּאַר־זשאַווערט אייזן״, און פאַר אַנדערע איציק פּעפּערישע לעקערייען צו לאָקאַלע פּאַרטיי־געטשקעס, וואָס זייענען נישט ווערט געווען וואָס די ערד טראָגט זיי, און סתם פּאַרטיי־קאָזשעלקעס (געדענקט — די ליניע!). זיין עונש: ערשטנס, דאָס אָפּשמייסן, שנית — דאָס בוך איז געבליבן ליגן כאבן שאין לה הופכים (די חברים קויפן נישט אָן אַ הכשר, וואָס מיינט איר עפּעס?) און דריטנס, און טראַגיש, דער ייחוס־שטאַם איז איבערגעבראָכן געוואָרן סיי־ווי־סיי — אָן זיין יהי רצון, מיט זיין יהי רצון....

צום סוף פון קאַפּיטל, לאָמיר זיך דערלויבן צו ספּעקולירן: ווער קען דאָס אונדז שווערן אַז די יידן אַרום „סאָוועטיש היימלאַנד״ זיינען נישט קיין אנוסים? צוזאַמען מיט רשעות און שנאת ישראל דערשיינען דאָרט נאָך אַלץ ווערק פון נאַציאָנאַלן ווערט. איז דאָך נישט אויסגעשלאָסן אַז מען זאָל דאָס אַמאָל כשרן ווי סאָציאַל־נאַציאָנאַל. ווערט מען נאָר נאַציאָנאַל ווען מען גרייפט פריער אָן די ניגערס, די לייוויקס, אָבער נישט ווען מען אַטאַקירט פריער די נאָוויקס, די גאָלדבערגס און די שטערנס? און איך זאָג: איפכא מסתברא — געווען אנוסים, געבליבן אנוסים, עד ביאת הגואל בב״א.

## ש. גלעדי גילדער

# נייער תרגום יידיש אויפן ספר איוב פון זאב סאַלעס *)

### (אייניקע געדאַנקען וועגן איוב און זיין עפּאָכע)

זינט דער תנ״ך איז קאַנאָניזירט געוואָרן דורך די אַנשי כנסת הגדולה, אָנהייבנדיק פון עזרא ונחמיה ביז די צייטן פון די תנאים, זיינען דערשינען אַ סך תרגומים - איבערזעצונגען. די פּראָמינענטסטע צווישן זיי ווי אויך די עלטסטע, אויף וועלכע די מפרשים, מדרשים, היסטאָריקער און מלומדים אין אונדזערע צייטן שטיצן זיך, זיינען: תרגום אונקלס, תרגום יונתן בן עוזיאל (ביידע אַרמיש); תרגום השבעים — די „סעפּטואַגינטאַ" אויף גריכיש (לויט דער מסורה: פון 70 חכמים, באַאויפטראַגט פון תלמי, דעם גריכיש־עגיפּטישן מלך (אַן ערך 300 יאָר פאַר דער איצטיקער צייטרעכענונג) ווי אויך שפּעטער די „וולגאָטאַ" — אין רוימיש־לאַטיין, שוין נישט רעדנדיק פון די פילצאָליקע נישט אַזוינע פּראָמינענטע תרגומים און טיילווייזע איבערזעצונגען.

אין אונדזער יאָרהונדערט איז דערשינען תרגום יהואָש, די פולשטענדיקע יידישע תנ״ך איבערזעצונג, וואָס איז שוין געוואָרן אַ קלאַסיש ווערק; אַ יידישע איבערזעצונג פון תהלים פון נפתלי גראָס, וואָס איז שטאַרק געליבט געוואָרן; אַ מאָדערנע ירושלימער תנ״ך איבערזעצונג אויף ענגליש, אין קאָנטראַסט צו די קריסטלעכע און אַנדערע צווייפלהאַפטע איבערזעצונגען.

די פאַרשיידענע ספרי־לימוד פון תנ״ך, ווי פון גורדון, הרטום, אמוראי־בהרב־עקביא א״א, זיינען בלויז פאַרטייטשונגען פון שווערע, קאָמפּליצירטע ווערטער און פּראָזע.

די שפּראַך פון איוב — דער פּאָעטיש־פילאָסאָפישער טייל — איז נישט קיין לייכטער און האָט אַן אייגענעם סיגנון, אָבער דאָך טיילווייז ענלעך צו די ספרי אמ״ת (איוב, משלי, תהלים) וואָס אַלע דריי באַלאַנגען צו דעם כתובים־טייל פון תנ״ך. צו דער זעלבער צייט איז דער דערציילישער טייל פון ספר, ווי דער פּראָלאָג פון דער איוב דראַמע, פּרקים א׳ וב׳, אָנהייב ל״ב, און דער עפּילאָג, דער לעצטער פּרק מ״ב, זיינען אין אַ שיינער, פּליסיקער און גרינגער שפּראַך, הגם לויט דעם סיגנון הלשון באַלאַנגט עס צו די עלטסטע פון די כתובים.

ווי געזאָגט, דער נוסח און סטיל פון איוב איז אַ פילאָסאָפיש־פּאָעטישער, אַנדערש פון דעם סיגנון פון די נביאימס הויך־ פּאָעטישער שפּראַך. און געשריבן און פאַרפאַסט איז עס געוואָרן, לויט מיין מיינונג, נישט ווייט פון דער תקופת האָבות, ווי עס גיבן איבער די נעמען און שטאַם־לענדער פונעם ספרס העלדן: אליפז התימני (אליפז איז אויך דער נאָמען פון עשוס זון); בלדד השוחי און צופר הנעמתי (וואַרשיינלעך נישט פון די בני יעקב־ישראל; אָבער פון די עברישע משפחות, וואָס זיינען נישט געווען פון די יורדי מצרים. דער נאָמען א י ו ב קלינגט אויך ווי יובב, פון די אלופי עשו.

איובס פערטער יונגער פריינד, אליהוא, קלינגט דווקא יאָ תנכיש־עבריש. אליהוא בן ברכאל ה ב ו ז י, וואָס איז אויך דער נאָמען פונעם נביא יחזקאלס פאָטער: יחזקאל בן בוזי הכהן. נישט אומזיסט דערמאָנט דער שפּעטערער נביא יחזקאל די דריי פאַרצייטיקע גרויסע מענטשן: נח, דנאל און איוב (יחז׳ י״ד, יד־כ). לויט דעם כתיב דנאל (אָן אַ יו״ד) נישט דניאל, וועלכער איז געווען יחזקאלס „לאַנדסמאַן", ביידע פון בבל, און געלעבט כמעט אין דער זעלבער צייט, איז מעגלעך אַז דנאל דאָ, איז אַן אַנדער גרויסע פאַרצייטיקע פערזענלעכקייט.

דאָס לאַנד פון איוב, ע ו ץ, איז אין שכנות מיט אַרם פון יענער צייט: „ארם בן שם, עוץ בן ארם" (בראשית י׳ כא);

*) דערשינען מיט דער הילף פון אַן „אַד־האָק" קאָמיטעט פון דער חברה „המשך", לאָס אַנדזשעלעס, קאַל., תשמ״ג־1983.

„בני דישון (מבני עשו) עוץ ואַרן" (שם, ל"ו כח). אַרן קלינגט ווי אַרם, מ"ם און נו"ן בייטן זיך אָפּט אין תנ"ך. ווי מ'קען זען, זיינען ארם ועוץ נישט נאָר פּאָטער און זון פון משפחת שם, נאָר אויך קרובי־שע לענדער אין עשו'ס צייטן.

איך ברענג דאָס אַרויס, אַז הגם איוב איז געשריבן אין אַ פּראַכטפולן פּריציי־טעכן עברית און מעגלעך איבערגעשריבן אַ סך שפּעטער פון די „אנשי מלך חזקיהו" (משלי כ"ה א), האָט אָבער די נאָענטקייט פון די לענדער ארם ועוץ געהאַט אַ קענ־טיקן איינפלוס אויף דער שפּראַך. געווי־סע פראַזן און פּתגמים זיינען אויף אַרמיש ווי: „כתר לי זעיר ואחוך" (איוב ל"ו ב) — וואָרט נאָר אַ ווייליניקע, איך וויל עפּעס זאָגן (תרגום סאלעס); אָדער טיילוויז אַרמיש: „הן יקטלני לו איחל" (שם י"ג טו), וואָס לויטן פּשט איז: ער מעג מיך הרגענען, אָבער צו אים איז מיין האָפע־נונג; ר' זאב טייטש אָבער: „אָט זעט, ער דערהרגעט מיך, איך ריכט זיך דערויף"... אָדער: „עד אנה תשימון קנצי למילין?" (י"ח ב). געוויינלעך וואָלט איך גע־טייטשט: ווען וועט איר שוין מאַכן אַ סוף צו דער גערעדעריי?" ר' זאב'ס טייטש איז: „ווי לאַנג נאָך וועט איר מאַכן קונ־ציקע יאָגענישן צו ווערטער?" „שבענה בנים" (מ"ב יג): צוויי מאָל זיבן זין — טייטשט סאלעס, בעת די פּאַרשערס אמו־ראי, בהרב און עקיבא זאָגן, אַז „שבענה" תמונה עתיקה למספר שבעה, ד"ה, אַז „שבענה" איז אַן אַרכאַישע פאָרם פאַר שבעה־זיבן. אגב, דאָס און אויך וואָס אי־נעם ספר געפינען זיך אַזוי פיל „קרי וכתיב" דייטן אויך אָן אויף דער אַנטיק־קייט פונעם ספר, וואָס איז שוין אַזוי פיל מאָל איבערגעשריבן געוואָרן און דערי־בער אַזוי פיל מאָל פאַרגרייזט געוואָרן ביים קאָפּירן.

פאַרשטייט זיך אַז ס'זיינען דאָ חילוקי דעות אין פאַרטייטשן ווערטער און אויס־דרוקן, אָבער בכלל איז תרגום זאב סאלעס מעלה וואָס איז אַזוי פאַרשטענדלעך־יידישלעך, אַז עס מאַכט דעם ספר פאַר־אייגנט און גרינג צום לערנען און לייענען אין אַ היינטצייטיקן יידיש לשון. אין דער זעלבער צייט טרעט ער נישט אָפּ פון דער מסורה, באַנוצנדיק זיך מיט אַ שלל תר־גומים און מפרשים פון פאַרצייטנס און מיטלאַלטער, ווי אויך היינטצייטיקע למ־דנים, חוקרים און פאָרשערס, ווי עמוס חכם, א. כהנא, א"א. (זע זיינע הערות והארות אין צווייטן טייל פון ספר).

קומענדיק צו זיינע הערות והארות — באַמערקונגען, באַלייכטונגען און דער־קלערונגען — זיינען זיי פאַר ר' זאב'ס תרגום איוב פונקט אַזוי וויכטיק ווי די איבערזעצונג גופא. און האָבנדיק פאַר זיך אַזאַ שלל מקורות פון איבער 2000 יאָר תרגומים, מדרשים און מפרשים, איז דאָס געפינען און אַרויסנעמען דאָס פּאַ־סיקסטע וואָס דער מתרגם דאַרף אויס־קלייבן, באמת אפשר נאָך שווערער און קאָמפּליצירטער ווי דאָס איבערזעצן גופא.

* * * * *

די חכמי התלמוד האָבן שוין געהאַט שווערע פּראָבלעמען מיט איובן און זיין אַנדערשקייט פון די אַנדערע כתבי־קודש, אַזוי אַז טייל פון זיי זיינען געקומען צום געוואָגטן באַשלוס אַז: „איוב לא היה ולא נברא אלא משל היה" (בבא בתרא).

צי איוב איז געווען אָדער נישט געווען, איז נישט אַזוי וויכטיק ווי דאָס פּראָבלעם איוב, זיינע נסיונות, יסורים, געפּאַלנקייט און דערהויבנקייט; דער פילאָסאָפישער וויכוח מיט זיינע פיר פריינד, וואָס נעמט אַריין פערזענלעכע, געטלעכע, וועלט־פּראָבלעמען, און לסוף דאָס אַריינמישונג אין סימפּאָזיום פון כביכול אַליין, וואָס האָט געבערענגט צו דער רעהאַביליטאַציע פון איובן זעלבסט.

דער פּראָלאָג מיט דער פמליא של מעלה, דער עפּילאָג וועגן איובס רעהאַ־ביליטאַציע, און דער גרויסער וויכוח אין מיטן, מאַכט דעם ספר אייגנאַרטיק פון אַלע אַנדערע ספרים פון תנ"ך.

אונדזערע חכמים און מפרשים קענען נישט קומען צו קיין באַשלוס צו וועל־כער עפּאָכע דער ספר באַלאַנגט. טייל האַלטן אַז דאָ רעדט זיך פון די צייטן פון די אָבות, ביי אַנדערע — רעדט זיך דאָ פון דער פּערסישער עפּאָכע (אַ היפּשער שפּרונג אין דער געשיכטע).

דער גלויבן אין אַ שטן־המקטרג און פמליא של מעלה איז שוין געווען פאַר־

שפּרייט ביי ייִדן אין די גאָר פריע צייטן, ווי די בני־אלהים אין בראשית, און ווי דער מלאך האָט זיך פאַרוואַנדלט ווי אַ שטן קעגן בלעמען, צו שטערן אים אין זיין אויפגאַבע צו שעלטן די בני ישראל. דער נביא זכריה אין אַ שפּעטערדיקע עפּאָכע, רעדט ווי יהושע הכהן הגדול שטייט צווישן „מלאך ה׳ והשטן לשטנו״ (זכריה ג׳ א) — אַ סך פריער ווי די פּערזישע עפּאָכע מיט זייער אמונה אין צוויי רשויות: פון גוטס און שלעכטס, צו וועמענס איינפלוס טייל פאָרשערס ווילן צושרייבן דעם בייזן שטן אין ספר איוב.

לויט די נעמען פון איוב און זיינע חברים, דער נאָמען פון לאַנד עוץ, און אפילו די יאָרן וואָס איוב האָט געלעבט — 140 יאָר, באַלאַנגט עס צו דער אָבות־עפּאָכע, ווי פריער געזאָגט, ווייל אין יענע צייטן האָבן, לויט דעם חומש, מענטשן נאָך געלעבט אַזעלכע לאַנגע יאָרן: אברהם — 175 יאָר; יצחק — 180 יאָר; יעקב — 147 יאָר; משה, אַ פּאָר הונדערט יאָר שפּעטער, „בלויז״ 120 יאָר. טייל חז״ל האַלטן טאַקע אַז משה רבינו האָט גע־שריבן דעם ספר איוב.

איך דענק דעריבער, אַז די געשעענישן באַציען זיך אויף אַ גאָר פריער עפּאָכע, נאָך אין די צייטן ווען די בני ישראל זיינען געווען פאַרקנעכטעט אין מצרים עטלעכע הונדערט יאָר, און האָבן דאַן גאָרניט געקענט גייסטיק שאַפן אַ חוץ ליים און ציגל פאַר פרעהן צו בויען בקוצר רוח פיתום ורעמסס, בעבודת פרך ועבודה קשה, ווי דער חומש זאָגט. נאָר פרייע עברישע משפחות, ניט פון די יורדי מצרים, האָבן זיך געקענט פאַרטיפן און שאַפן אַזאַ דערהויבענעם ווערק.

* * * * *

צום סוף וויל איך זאָגן נאָך אַמאָל ווי פאָלקסטימלעך און היינטצייטיק ר׳ זאבֿ׳ס איבערזעצונג איז — טייל מאָל שוין צו „מאָדערנע״, ווי: „ביטע״ פאַרן העברעישן „נא״ (בקשה), אָדער „טראָץ״ (הגם, למרות). אַלענפאַלס, זיינע הערות און „התנצלות״ (במקום הקדמה), דערקלערן געזוני די מקורות, פאַרוואָס אַזאַ אויס־טייטש און נישט אַנדערש.

זיין תרגום איז נויטווענדיק אין דער איצטיקער צייט, אפילו ווען ס׳זיינען שוין דאָ עלטערע תרגומים אין יידיש. היינט, זינט מדינת ישראל, ווייסן מיר מער און בעסער העברעיש ווי מיט אַ 50-60 יאָר צוריק. היינט איז העברעיש אַ לעבעדיקע שפּראַך פון מיליאָנען ייִדן אין ארץ ישראל און אין די תפוצות, אפשר מער ווי אין די תנ״ך־צייטן, איז ממילא אַ מאָדערנע איבערזעצונג פון אַזאַ למדן און געלערנטן ייִדן ווי ר׳ זאב איז — געטרייער, מער עקזאַקט און דערפאַר בעסער.

עס קומט זיכער ר׳ זאב סאַלעסן אַ האַרציקן יישר־כוח פאַר אַזאַ גרויסע אָנגעשטרענגטע שאַפונג אין זיין טיפן עלטער, עד מאה ועשרים, ווי אַ גוטע ירושה פאַר קומענדיקע דורות.


# ספר איוב

מוגה ע״פ המסורה

און איבערגעזעצט אויף יידיש

לויט די פירושים פון אונדזערע חכמים

מיט 240 הערות

פון

## זאב וואָלף סאַלעס

נאָר וואָס אַרויס פון דרוק

פרייז 10 דאָלער

צו באַקומען פון

M. BORENSTEIN

336 N. Edinburgh Ave.

Los Angeles, Calif. 90048

# אַ יום־טובדיקע מסיבה לכבוד שאול גוטמאַן

זונטיק, דעם 24טן אָקטאָבער, 1982, איז אָפּגעצייכנט געוואָרן דער אַכציקסטער געבוירנטאָג פון פּראָפעסאָר שאול גוטמאַן. די שמחה איז פאָרגעקומען אין הויז פון זיין זון און שנור, ד״ר עליק און דזשאָזעפין גודמאַן, און האָט געטראָגן אַן אינטימען כאַראַקטער.

נאָכדעם ווי דער עולם פון אַרום צוואַנציק מענטשן האָט אָפּגעגעסן און געמאַכט אַ לחיים לכבוד דעם יובילאַר איז דורכגעפירט געוואָרן אַ קורצע פּראָגראַם, וואָס איז געשטאַנען אויף אַ הויכן קולטורעלן ניוואָ. ד״ר עליק גודמאַן, דער זון פון יובילאַר, אַ פּראָפעסאָר פון מאַטעמאַטיק, האָט געפירט דעם פּאָדיום, און באַגריסט דעם טאַטן, נישט בלויז צוליב דעם דערגרייכטן עלטער, עד מאה ועשרים, נאָר אויך פאַר זיינע ליטעראַרישע אַרבעטן און ביכער וואָס ער האָט ביז איצט פאַרעפנטלעכט.

דער דיכטער משה שטיינגאַרט האָט אָנגעהויבן די פּראָגראַם מיט לייענען זיין אייגן ליד וואָס ער האָט געווידמעט דעם יובילאַר (דאָס ליד איז געדרוקט אין סעפּט. נומער „אונדזער צייט״), און ער האָט אויך פאָרגעלייענט די פּאָעמעס פון א. לעיעלעס: „ישעיה און האַמער״, און קאַדיע מאָלאָדאָווסקיס: „און וואָס זיין?״ ער האָט אויך געגעבן אַן ענגלישע איבערזעצונג פון די לידער. דזשאָסי גודמאַן האָט אויף אַ פיינעם אופן געלייענט דריי סאָנעטן פון שעקספּירן. די דיכטערס ביילע גאָטעסמאַן, חנן קיעל, שאָול …לץ און מנחם שטערן האָבן געלייענט לידער פון זייער אייגענער שאַפונג. דער פּאָרזיצער עליק גודמאַן האָט מהנה געווען דעם עולם מיט שפּילן אויף דער פּיאַנאָ צוויי סאָלאָ־נומערן פון בראַהמס, און זיין אייגענע קאָמפּאָזיציע (לויט שאָפּען). דער עולם האָט מיט באַגייסטערונג אויפגענומען די מוזיקאַלישע נומערן.

קורצע באַגריסונגען האָבן געהאַלטן די פאָלגנדע פריינד פון יובילאַר: וויליאַם סטוירן (געוועזענער עקז. דירעקטאָר פון אַרבעטער רינג) האָט אויפגעמישט אַ בלעטל זכרונות וועגן פּר׳ גוטמאַן, וועלכער האָט אין די דרייסיקער יאָרן מיט זיינע אַרטיקלען אין „דהי קאָל״ אים באַקענט מיט וועלטלעכער יידישקייט, וואָס ער זעצט פאָר עד היום אין זיינע ביכער און עסייען; זיין בוך „דהי פּעיטה אָוו סעקיולאַר דזשוס״ (דער גלויבן פון וועלטלעכע יידן) איז אַ וויכטיקער צושטייער צו דער יידישער מחשבה. שבע צוקער, אַ תלמידה פון ש. גוטמאַן אין יידישן לערער־סעמינאַר, האָט באַגריסט איר לערער און אים אויסגעדריקט אַ סך שבחים. זי האָט צום טייל געגעבן איינדרוקן פון די קורסן וואָס דער יובילאַר האָט געגעבן און באַטאָנט זיינע שטרענגע פאָדערונגען צו די תלמידים, וואָס איז געווען פאַר זייער טובה וועגן. חיים בעז (עקז. דירעקטאָר פון קולטור־קאָנגרעס) האָט אונטערגעשטראָכן די הויכע פאָדערונגען לגבי יידיש און יידישער קולטור וואָס גוטמאַן און זיין דור האָבן זיך געשטעלט; אַ דאַנק זייער מי איז מען נישט אַריינגעפאַלן אין אַ פּעסימיסטישער שטימונג ווען טייל צילן האָבן זיך נישט איינגעגעבן ווי מיר האָבן געשטרעבט. אין דעם זין האָט אויך באַגריסט ד״ר שלמה גאָלדמאַן (דירעקטאָר פון יידישן נאַציאָנאַל פאָנד. יעקב וויסבאַרד (געזעלעשאַפטלעכער טוער און סעקרעטאַר פון ד״ר רינגעלבלום א. ר. צוויג) האָט געלויבט דעם יובילאַר פאַר די טיפּזיניקע לעקציעס וואָס ער האַלט אָפּט ביים ברענטש.

שריפטלעכע באַגריסונגען און טעלעגראַמעס זיינען אָנגעקומען פון פּראָפ׳ שיקל און געלע פישמאַן (פון האָלאַנד); ד״ר העשיל קלעפּפישש (פּאַנאַמע); פּראָפ׳ חנה …ערשטיין־בלאָך (סאַן פראַנציסקאָ); ד״ר אַרטור לערמער (מאָנטרעאַל); ד״ר מאיר בן־חורין (קליוולאַנד); פּראָפ׳ סאָל ליפּצין (ירושלים); משה פּעטרושקא, פייגל און י. מעלאַמעדאָוויטש (שיקאַגאָ); פּראָפ׳ יהושוע ראָטענבערג (בראַנדייס אוניווערסיטעט); לאה סיימאָן (מיאַמי ביטש); נעכע און זלמן שלאָסער (לאָס אַנדזשעלעס); איציק און רבקה וואָלק (מיאַמי); אסתר בורשטיין, גיטל און פיליפ קאָהן (מיאַמי); לאה און גאָדל דזשייקאָבסאָן (פלאָרידע); אסתר און קאָטלאַרטשיק (מעקסיקאָ); ביילע און יצחק רובין

# די אוונטן מיט הדסה קעסטין אין קולטור קלוב

ווער עס האט לעצטנס געזען און געהערט הדסה קעסטין און ביגעוויזנט אירע ארטיסטישע ארויסטריטן אין לאס אנדזשעלעס, קאליפארניע, מוז מודה זיין, אז ער האט איבערגעלעבט א וואונדערלעכע אנטפלעקונג; ס'איז געשטאנען פאר אייך א זייער יונגע אקטריסע, וואס האט אין סעקונדן זיך געענדערט אין אויסזען און אויסדריק און האט אזוי מאדולירט איר שטימע און באוועגונגען, אז מען האט פאר זיך דערזען עטלעכע מענטשן־כאראקטערן און טיפן, וואס האבן „אויסגעשפילט" א גאנצע טעאטער זאך...

עס איז טייל מאל שווער געוועזן צו גלייבן די אייגענע אויערן און אויגן, אז דא איז נאר וואס געשטאנען איין פערזאן וואס האט ארויסגעבראכט פאר דעם עולם די פארבנרייכע געשטאלטן פון איציק מאנגער, אפרים קאגאנאווסקי, שלום עליכם, ב. שלעווין, חיים גראדע. און ווייל הדסה קעסטין איז א קינסטלערין פון גאטס געגאד, איז איר קונסט אויסדרוק אריגינעל און אין פערפעקטער הארמאניע מיט איר הערלעכער אינטואיציע.

דער שרייבער פון די שורות האט שוין לאנג אזוי ניט געוויינט און אויך געלאכט פון הדסה קעסטינס דראמאטישע שילדערונגען פון דעם „לעצטן יידישן פאעט אין תל־אביב" און פון דעם „ליטווישן ייגגל־יתום צווישן ווארשעווער פאלקסמענטשן". הדסה האט ליב איר קונסט און באציט זיך מיט זעלטענער זארגעוודיקייט פאר איר שפראך און שטימע מאדולאציע און זי קריגט ארויס פון זיך טייל מאל ממש די אומגלויבלעכע טיפקייט און צוגלייך הויכקייט פון ד[illegible]ער קונסט. די זייער מעסיט[illegible] קערפערבאוועגונגען, אפילו די[illegible]ען פינגער פון די הענט שפילן [illegible]ט און „ריידן" זייער שפראך, אזוי ארום קומט ארויס איינע [illegible] די שענסטע הארמאנישע ספעקטאקלען וואס לאזן איבער א רושם נישט צו פארגעסן.

* * * * *

דער פילצאליקער עולם פון קולטור־קלוב האט מיט גרויס ליבשאפט ארומגערינגלט הדסה קעסטין און האט הארציק אפלאדירט יעדן אירן ארויסטריט. די אוונטן אירע זיינען פאר דער חשיבות פון יידיש ממש ווי א קרוינונג און ס'איז נאר א שאד וואס אזוי ווייניק יונגע מענטשן זיינען געקומען. הדסה קעסטין האט איבערגעלאזט א בענקשאפט צווישן עולם וואס וועט דארפן באפרידיקט ווערן.

ס. נ.

---

(ישראל); משה בינעם לעדערמאן (בוענאס איירעס); דן און שבע הערבסטמאן (מיאמי); בארבארא און דוד קאהען (אושענסייד); שמואל ווייס (ל. א.).

צום סוף פון פראגראם האט חבר גוטמאן געהאלטן א גייסטרייכע רעדע וואס מ'קען באצייכענען ווי אן אני מאמין, אין וועלכער ער האט אויסגעדריקט זיין גלויבן אין די יסודות פון יידישער מאראל און עטיק, וואס מיר דארפן איבערגעבן די יינגערע דורות, כדי צו דערגרייכן אן אויטענטיש־יידישן המשך אין אמעריקע. (זיין רעדע וועט זיין געדרוקט אין „אויפן שוועל").

בכלל איז דער איינפאל פון דער משפחה צו אראנזשירן א יום־טובדיקע מסיבה לכבוד זייער פאטער און זיידע, פראפ' שואל גוטמאן, געווען א גאר איינגעגעבענער. אויך זיין ליבע פרוי שרהקע איז באגריסט געווארן ווי א גוטע עזר כנגדו, וואס האט אים געהאלפן מיט ראט און טאט איז זייער צוזאמענלעבן. דער עולם האט אויסגעדריקט גרויס צופרידנקייט מיט דער פיין אראנזשירטער שמחה.

(פארצייכנט פון ש. מ.)

שואל גוטמאן, דער יובילאר, פאר וועמען די פיין־אראנזשירטע שמחה אין ניו־יארק איז געפראוועט געווארן, איז איינער פון אונדזערע שטענדיקע מיטארבעטער. זיינע שטודיעס און טיפע עסייען וועגן דער אייגנארטיקייט פון אמעריקאנעם יידישן יישוב ווערן געלייענט מיט גרויס אינטערעס. דער „חשבון" האט זיך באטייליקט אין דער שמחה מיט א טעלעגראפישער באגריסונג.

רעד.

# לזכר עולם

## מצבה געשטעלט אויפן קבר פון אַלעקס ראַבין ע״ה

אַן ערך צוויי יאָר נאָך זיין קבורה איז זונטיק, דעם 13טן מערץ, 1983, אויפן „באַרג סיני בית־עולם״ פאָרגעקומען די אויפדעקונג פון דער מצבה אויפן קבר פון אַלעקס ראַבין ע״ה. דער לאַנג־יאָרי־קער פאַרזיצער פון יידישן קולטור־קלוב.

אַ גרויסער עולם, מיטגלידער פון קלוב און פריינד פון פאַרשטאָרבענעם, האָט זיך פאַרזאַמלט אָפּצוגעבן דעם נפטר זיין לעצטן כבוד וואָס ער האָט כשר פאַרדינט. ארום זיין קבר האָט מען געקאָנט הערן מענטשן רעדן ווי שטאַרק אַלעקס ראַבין פעלט אונדז. מיט פולער איבערגעגעבנ־קייט און עניוות האָט ער געטראָגן די לאַסט פון קולטור־קלוב, די לאַסט פון צוזאַמענשטעלן וועכנטלעכע פּאָסיקע יידי־שע פּראָגראַמען פאַר אַלעמענס באַפרידי־קונג און פאַרגעניגן.

חזן קאַצמאַן האָט אָנגעהויבן מיט אַ קאַפּיטל תהילים. נאָך דעם האָט סערגיי נוטקעוויטש גערעדט אין קורצן וועגן די ־רצווייגטע טעטיקייטן פון אַלעקס ראַ־בין ־ת יידיש און די יידישע קולטור דאָ און אין ־נדערע קרייזן. דאַן האָט דער חזן געזונגען ״יביק״ פון ה. לייוויק ראַבינס באַליבט ליד, און הדסה קעסטין, די גוט־באַקאַנטע רעציטאַטאָרין פון ישראל האָט פאַרגעטראָגן אַ שטימ־ ־ול ליד פון בינים העלער. דער פיינער רע־ציטאַטאָר ד״ר אברהם זיגלבוים האָט פרעכטיק געלייענט אַ ליד פון ה. לייוויק און צוויי לידער פון יעקב גלאַטשטיין, וואָס האָבן געלאָזט אַ טיפן איינדרוק.

נאָכן קדיש און אל מלא רחמים, גע־זונגען פון חזן, האָט ראַבינס טאָכטער מרים אויפגעדעקט די מצבה מיט די אויסגעקריצטע ווערטער:

**„ער האָט אַ לעבן־לאַנג געדינט בלב ונפש זיין פאָלק און זיין קולטור.״**

**כבוד זיין אָנדענק!**

פאַרצייכנט פון יעקב שייפער

---

אונדזער טיפסטער מיטגעפיל צו

## סאָפי קאָזאָק און משפחה

אויפן גרויסן פאַרלוסט פון זייער מאַן, פאָטער און זיידע

## הערשל קאָזאָק ע״ה

יולי, 1900 — דעצעמבער 23, 1982

זייט געטרייסט מיט דעם שיינעם נאָמען וואָס ער האָט געטראָגן פאַר זיין ברייט־האַרציקייט און ליבשאַפט צו יידישע אינ־סטיטוציעס און באַזונדערס צו ישראל. אַ שטילער, באַשיידענער מענטש אָן פּרעצ־טענציעס און מיט אַ סך יידישן און אַל־געמיינעם וויסן האָט ער קיינמאָל נישט פאַרגעסן דעם אָרעמאַן אין זיין נויט. ער איז שטענדיק געווען גרייט צו העלפן דעם יחיד.

געבאָרן געוואָרן איז ער אין ניי־קאָנס־טאַנטין, אַ שטעטעלע אין אוקראַינע. בעת די פּאָגראָמען אין 1919 האָט ער זיך גע־ראַטעוועט אין רומעניע און פון דאָרט האָבן זיינע לאַנדסלייט אים געהאָלפן קומען קיין ניו־יאָרק. שפּעטער, אין 1930, האָט ער זיך באַזעצט אין לאָס אַנדזשעלעס און געוואָרן אַקטיוו אין אַרבעטער רינג.

זייט געטרייסט, טייערע פריינד, איר זאָלט מער נישט וויסן פון קיין צער.

כבוד זיין אָנדענק!

## בענקשאַפט

געווידמעט דעם אָנדענק פון מיין זעליקן מאַן

## מרדכי מייזעל ע״ה.

ס׳קומט דער אומעט אָן אומגעבעטענער,<br>
האַלט אין קלעם מיין שוואַך האַרץ —<br>
ס׳שטיקן טרערן,<br>
ס׳איז מוראדיק טרויעריק.<br>
איך טרייב אים דעם אומעט,<br>
בעט זיך ביי אים:<br>
„לאָז אָפּ!״<br>
ער ענטפערט מיר אָפּ אויף צוריק —<br>
„איך בין דאָך די בענקשאַפט<br>
וואָס האָט זיך איינגעוואָרצלט<br>
אין דיין האַרץ״.

**דאָראָ מייזעל**